STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09966

FUN SHTODT UN DORF

Sholem Asch

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלע ווערק
שלום אש.

שלום אש.

פון שטאדט
און
דארף

פערלאג „פראגרעס״.

ווארשא. ניו-יארק.

תרע״א — 1911

ВАРШАВА 1911.
Тип. Ф. Баумритера, Красинская пл. № 6.

אינהאַלט:

ביבלישע מאטיווען:

I עלי און שמואל. 7

II דער קעניג פון יהודה. 21

III ישראל און יהודה. 39

אין אַ קאַרנאַוואל נאַכט. 55

ערד. 71

אַ חנ'דעל. 105

מיין שענסטע ליעבע. 127

אַ גט. 147

יודישע אויגען. 153

ביבלישע מאָטיוון.

I

עלי און שמואל.

(מיניאַטיורען)

דער אַלטער עלי איז געזעסען פאַר דער טהיר פון זיין אוהל און ער האָט זיך געוואַרימט אין דער גליהענדער זון. זיינע בלינדע אויגען זענען געוועזן פערמאַכט, ווי פערשלאָפען — נור זיינע אויערן האָבען פון צייט צו צייט פערנומען אַ וויבערשקיבערן, אָדער אַ גערודער פון אַ מעגליך קריגעריי — האָט ער מיט די אַלטע, וויכע אָהנצייהענדיגע אַסלעם אָנגעהויבען צו קלאַפּען, די אויגען אויסגעשטעלט געגען זיך, האָט ער צו זיינע צוויי זיהן געזאָגט:

— אוי, אוי, יונגען, וואָס טהוט איהר גאָטס קרבן לעסטערן.

טיילמאָל האָט איהם אַ יונג אָבגעענטפערט:

— נו, נו, אַלטער, די לונג מיט די נירען, אונזער חלק געהמען מיר נור.

נור אָפטמאָל זענען דעם אַלטענס ווערטער אַזוי שטיל געווען, אַז זיי האָבען צו די זיהנס אויערן ניט דערגרייכט — האָט ער געמיינט, אַז זיי זענען זעהר פערשעמט געוואָרען פון זיינע רייד, איז ער שוין שטיל געבליבען, ווייטער זיך די אַלטע ביינער אויף דער הייסער זון געוואַרימט, און האַלטענדיג פערמאַכט די אויגען, האָט ער זיך אַ ביסעל מיט די פּלייצעס צוגעשאָקעלט, קלערענדיג אודאי אַזוי אין זיך: אויסגעלעבט די יאָהרען, אַ כהן געווען פאַר גאָט, דאָס בעסטע פלייש פאַר איהם פערברענט, אַלט געוואָרען.

בלינד געוואָרען, האָט ער זיינע צוויי זיהן איבערגעלאָזט, — נור אַזוי לאַנג עפּיס האָט זיך גאָט צו איהם ניט בעוויזען, ניט אין חלום, ניט אויף דער וואָהר, — אודאי ניט די צייט געווען, — ניטאָ צו וואָס: ניט מען פיהרט קיין מלחמה, — — נאָך דעם לעצטען יום-כפור אודאי וועט ער זיך צו איהם בעווייזען...

ווי דער אַלטער קלערט אַזוי, שטעהען זיינע צוויי זיהן, אין רויטע העמדלעך אָנגעטהון, מיט צוויי גרויסע גאָפּלען אין די הענד, שטעהען פאַר דער טהיר פון אוהל אין וואַרטען אָב די, וואָס וועלען קומען פאַר גאָט מקריב צו זיין.

אין דעם קומט אָן אַ יודענע פון בית-לחם מיט אַ יונגעלע איהרס, אַ בכור, פיהרט אַ קאַלב, די הערנער מיט קרענץ בע-פוצט, שטופּט זי דאָס קאַלב נאָך, האַלטענדיג איהר בכור אויף דער האַנד.

— גוטע מענשען, וואו איז דאָ דער משכן און וואו וואוינט דאָ עלי דער כהן?

— וואָס זוכסט דו דעם משכן און וואָס דאַרפסט דו עלי דעם כהן? — פרעגען די בנים די יודענע, שטעהענדיג אָנגע-לעהנט אויף זייערע גאָפּלען ביי דער וואַנד פון משכן.

— אַ קרבן האָב איך געבראַכט פאַר גאָט, אַ זוהן אַ בכור האָט ער מיר געשענקט.

— אַזוי, אַ קרבן פאַר גאָט — נו האָסט דו דאָ דעם משכן און אָט וואוינט דיר דאָ עלי דער כהן, — זאָגט דער עלטסטער פון די בנים, אָננעהמענדיג דעם גאָפּעל ברייט אין דער האַנד, און געוואַרט, די יודענע זאָל פאַר איהם דאָס קאַלב אונטער-טרייבען.

— ליעבער כהן, זיי מיר מקריב מיין קרבן פאַר גאָט, פאַר מיין בכור'ס וועגען.

— מקריב זיין, מקריב זיין, — זאָגט דער עלטסטער, אָנטאַפּענדיג דאָס קאַלב און בעטראַכטענדיג עס פון אַלע זיי-טען, — כ'לעבען, געקאָנט אַ ביסעל אַ בעסער קאַלב ברענגען, אַ שווערערס אַ ביסעל, אַ פעטערס אַ ביסעל, — אַ קינד האָט דיר גאָט אַ פעטס געגעבען, אַ שטאַרקס געגעבען, — זאָגט דער עלטסטער אויפהאַפּענדיג דאָס קאַלב.

— דאָס בעסטע קאַלב, וואָס איז געווען אין שטאַהל, — וויל זיך די יודענע פערענטפערן.

— אַ געזונד ווייבעל האָט געזונדע קינדער, — זאָגט דער יונגערער, פנחס, האָט אָנגענומען דאָס ווייבעל ביים האַנד און געקוקט איהר מיט אַ חנ'דעל אין די אויגען אריין, — כ'לעבען, ווען איך וואָלט פון דיר אַ בכור געהאַט, וואָלט איך פאַר גאָט אַ בעסער קאַלב מקריב געווען, נישט געקאַרגט, ווי דיין מאַן האָט געטהון.

— זאָל דער כהן אַזוי נישט טהון, זאָל דער כהן אַזוי נישט ריידען, — זאָגט די יודענע אָבשטופענדיג איהם מיט איין האַנד פון איהר רויט פערשעמט-געוואָרענעם פנים, און מיט דער צווייטער האַנד איהר צוויינטען בכור צו דער ברוסט צוגעדריקט.

— פערפאַלען, מקריב זיין מוז מען, — זאָגט דער עלטסטער, — נור ווייסטו וואָס — מיר וועלען באַלד די נירען אָראָבנעדמען פאַר אונז, וועט מען דיר שוין די לונגען שענקען. — אַי, אַזאַ אָרים קאַלב האָסטו פאַר גאָט געבראַכט — זאָל דער קרבן אַ ביסעל גרעסער זיין.

— זאָל דערפאַר גאָט מיט דיר גוטס טהון! — זאָגט די יודענע, איבערגעבענדיג דאָס קאַלב דעם כהן.

די יונגען האָבען דאָס קאַלב אין הויף פון ארון געבראַכט, געשאָכטען עס, די פעל אַראָבגעצויגען, אויף שטיקער עס צושניטען, אין אַ בעקען אַריינגעלעגט — האָט ער די נירען אַרויסגעצויגען און איז געצעלט גערופען צו זיין ווייב.

— נאַ, נעהם צו, קאָך עס צום מאָהל'צייט.

אַז דאָס ווייב האָט געהאַט די נירען צוגענומען, האָט ער די שטיקער אויפ'ן מזבח, וואָס איז פאַר'ן ארון, אַרויפגעוואָרפען, דאָס האַלץ אונטערגעצונדען, די הענד פערשפרייט צו גאָט, און געוויזען אויף דער יודענע פון בית-לחם.

די יודענע האָט אויף איהר קינד געוויזען און צו וויינען אָנגעהויבען.

אַז דאָס פייער האָט זיך שוין געהאַט גוט צוברענט און דאָס פעטע פליישׁ האָט שוין הינטער די פלאַמען צו טריפען

אָנגעהויבען און די טראָפּען פעטס האָבען אין פייער געקנאַקט און דעם אוהל מיט רויך אָנגעפילט — האָבען די יונגען זייערע דריי־צוויי־הונדערט גאָפּעל צווישען די שטיקער פליישׁ אַריינגעלאָזט, אויסגעזוכט דעם פעטסטען חלק און איהם צו בעלעקען אָנגע־הויבען.

די יודענע האָט פּלוצלונג איהר תּפלה פאַלען געלאָזט און צום כהן זיך אָנגערופען:

— מיין כהן, עס צימט זיך נישט פאַר'ן כהן פון טאָפּ צו האַפּען, וואָס איז פאַר גאָט אָנגעגרייט.

— ער וועט אַזוי אויך געניג האָבען, — האָט דער כהן אָבגעענטפערט עסענדיג, — נישקשה, נישקשה, גאָט איז אַ גוטער, ער לאָזט זיך בעגוגענען מיט וועניג, נור דאָס הארץ דאַרף זיין דערביי, דאָס הארץ, — האָט דער כהן געזאָגט, ווי זיך ניט געלאָזט דערביי שטערען.

נור די יודענע האָט ניט געשוויגען, האָט גאָטס טייל געפאָדערט מיט איהר גאַנצער ווייבלי׳כער קראַפט. עס האָט נישט געהאָלפען אפילו דאָס, וואָס דער יונגערער יונג האָט איהר בעזאָבאַלטונג געוואָלט אָבווענדען אויף עפּיס אַנדערס... און פון דעם איז אַזאַ גערודער אַרויסגעקומען, אַז דער אַלטער עלי האָט זיינע אויערן אָנגעשטעלט, געוואָלט פערנעהמען, וואָס קומט דאָ אַזוינס פאָר און מיט די ליפּען געקלאַפּט:

— אָוואַ, אָוואַ, יונגען! יונגען!

נור דער עלטסטער, האַלטענדיג דאָס פעטע שטיק אויפ'ן גאָפּעל, און מיט אַ פול מויל פלייש, איז צוגעגאַנגען צום אַל־טען, אָבגעבראָכען אַ שטיקעל פונ'ם פעטען חלק און עס דעם פאָטער דערלאַנגט.

דער אַלטער האָט דעם פעטען ביסען אין מויל גענומען געקייט, געקייט, געוואָרגען זיך, געוואָרגען זיך, געשפּיגען, גע־שפּיגען, און דאָך דעם ביסען נישט געקאָנט אַראָבשלינגען. נור די אַלטע יאַסלעס ווי זיי האָבען געקלאַפּט, אַזוי האָבען זיי אויך געקלאַפּט, צום סוף האָט ער זיך צובייזערט, אויסגעשפּיגען דעם ביסען און אויף די יונגען אָנגעהויבען צו שרייען:

— עוכרי ישראל! פושעים! — גאָטס קרבן, גאָטס קרבן!

דער עלטערער יונג האָט זיך רוהיג זיין ביסען געגעסען.

אין דעם איז פון וועג אָנגעקומען חנה מיט איהר זוהן שמואל, וועלכען זי האָט געהאט פאר גאָט אוועקגעשענקט, זי איז שוין גלייך צוגעגאנגען צו עלי'ן און האָט צו איהם געזאָגט:

— עלי, עלי, איך בין די פרוי, וואס איך בין דעמאָלט פאר גאָט געשטאנען, אָט האָט ער מיין תפילה צוגעהערט, מיר א זוהן געשענקט, איך האָב איהם פאר גאָט א מתנה געבראכט.

וואס? — האָט דער אַלטער עלי איבערגעפרעגט מיט האלבען בייזער, נישט גוט דערהערענדיג חנה'ס רייד — וואס, א קרבן ווילסטו מקריב זיין?

— איך בין די פרוי, וואס איז דעמסטמאָל פאר גאָט געשטאנען, דו געדענקסט, דו האָסט געמיינט, איך בין שכור, — זעהסט, אָט האָט גאָט מיין תפילה דערהערט, א זוהן מיר געשענקט, כ'האָב איהם פאר גאָט געבראכט.

דערהערט! זעהסטו, אז מען בעט צו איהם, הערט ער טאקע, נור בעטען דארף מען.

— האָב איך איהם געבראכט. איך וויל איהם ביי דיר אין שילה ביים ארון איבערלאָזען, ער זאָל פאר גאָט דינען.

— הא, פאר גאָט דינען, — האָט דער אַלטער עלי געטאפט אין דער האנד דעם קליינעם שמואל — פאר גאָט דינען, פון די טעפ פלייש חאפען, דעם בעסטען ביסען פון גאָט אוועקנעהמען!

די מוטער מיט'ן קינד האָבען זיך פערשעמט.

— ניין, עלי הכהן, — זאָגט צום סוף די מוטער — איך וויל מיין קינד איבערלאָזען, ער זאָל דעם נר־תמיד פאר גאָט אָנצינדען. א נדר האָב איך מיר געמאכט. איך האָב געבראכט מיין נדר פאר גאָט צו בעצאָהלען.

— נייע פרעסערס דארף מען דאָ, — האָט זיך דער עלטסטער יונג אָבגערופען, ערשט קוים געהאט דאס פולע מויל פלייש

אויפגענעסען, דורך דעם האט ער מיט זיין אָבענטפערן זיך פאַר־שפּעטיגט.

— שוין גוט, שוין גוט, — זאָגט דער אלטער — געה אין געצעלט אַריין און האַלט דעם קרוג מיט איל.

די מוטער האט איהר זוהן אין געצעלט געפיהרט, איהם דאָס ווייסע העמדעל, וואָס זי האט פאַר איהם געהאט, אָנגעטהון, פאַר׳ן ארון איהם געפיהרט, און איהם פאַר גאָט געשטעלט.

— אָט האָב איך דיר, רבונו של עולם, דיין מתנה געבראַכט. נעהם איהם צו, ער געהערט צו דיר.

זי האט איהר קינד געקושט, איהם אין גאָטס רשות איבערגעגעבען און איז זיך איהר וועג געגאַנגען.

איבערגעבליבען דאָס יונגעל שמואל אַליין פאַר גאָט, האָט זיך ערנסט צו זיין אַרבייט גענומען.

יעדען פריהמאָרגען איל אין נר־תמיד אָנגעגאָסען; די איבערגעבליבענע שטיקער פלייש אויפ׳ן מזבח אַרויסגעשאַרט, זיי זאָלען זיך גוט פערברענען; בשמים אויפ׳ן מזבח אַרויפגעשאָטען; און אַלץ, וואָס ער האט געטהון, האט ער געטהון מיט׳ן גאַנצען האַרצען, מיט׳ן גאַנצען ווילען, אין דעם וועג פון עלי׳ס יונגען איז ער נישט געגאַנגען; ער האט זייערע מעשים געזעהן און זיך פון זיי נישט אָבגעלערנט, נור זיי אין זיין האַרצען פערראַכטעט.

יעדעס יאָהר איז דער טאַטע, די מאַמע געקומען אויף פסח, למשל, האָבען אַ קרבן פאַר גאָט געבראַכט, איהם אַ העמדעל מיטגעבראַכט און געזעהן, ווי זייער זוהן איז געניט אין גאָטס דינסט, ווי ער צינדט אָן דעם נר־תמיד פאַר גאָט, ווי ער איז מקריב דעם קרבן פאַר גאָט, — האָבען זיי נחת געהאַט, אין האַרצען זיך געפרעהט, אָבער אויפ׳ן פּנים דאָס נישט אַרויסגעוויזען.

עלי׳ס קינדער האָבען איהם אויך ליעב געהאַט, אַ שטילער איז ער געווען און אַ גוטער... וואָס זיי האָבען איהם געהייסען — דאָס האָט ער געטהון. און אַזוי געניט איז ער געווען אין זיין אַרבייט, אַז זיי האָבען זיך אויף איהם אינגאַנצען געקאָנט פערלאָזען. האָט מען אַ קרבן געבראַכט מקריב צו זיין, האָבען זיי נור דאָס זייעריגע זיך אַראָבגענומען — גאָך אַרויסגעכאַפּט פון די טעפּ צו — און האָבען עס אַוועקגעגעבען שמואל׳ן, אַז ער זאָל עס פאַר גאָט

צו רעכט מאכען. ער האט זיך זעהר געפרעהט דערמיט, און זיי זענען פון איהם צופרידען געווען, ווארום זיי האבען זיך גוט געקאנט אויף איהם פערלאזען. און האבען איהם אפטמאל אויך פון פלייש געגעבען.

— נעהם דיר אויך ארויס א שטיקעל פון טאפ, — זאגט צו איהם חפני דער עלטסטער — נעהם, דו מעגסט.

— איך האב גענוג א שטיקעל ניירעל, וואס גאט האט געהייסען פאר'ן כהן געבען — האט שמואל אבגעענטפערט.

— נור צופיעל פרום דארף מען נישט זיין, — האט חפני געזאגט מיט א בייזער, — וואס מאכט עס אויס א שטיקעל פלייש — וואס איז עס דען?

שמואל האט געשוויגען.

— פרומער צדיק מיינער! — האט פון איהם געלאכט דער יונגער יונג, פנחס.

נור דער אלטער עלי, גלייך ווי ער וואלט מורא געהאט פאר דעם יונגעל שמואל. ער האט איהם ניט געזעהן; ער ווייסט נישט, ווי ער זעהט אויס, נור ער האט מיט זיינע אויערן געהערט און האט מיט זיין גאנצער נשמה געפיהלט דעם יונגעלס שטילקייט. „א שטיל קינד", — האט ער זיך געטראכט, — „א שטיל קינד, געהט זיך זיין אקסען־שריט, נישט מען הערט עס, נישט מען זעהט עם."

און אז דער אלטער האט אמאל דערהערט, ווי דער עלטערער יונג, חפני, בייזערט זיך אויף שמואל'ן פארוואס ער נעהמט זיך נישט קיין שטיק פלייש פון טאפ ארויס — האט זיך דער אלטער אבגערופען צו איהם:

— וואס אמת, איז אמת. צופיעל פרום דארף מען נישט זיין, א שטיקעל פלייש אמאל שאדט נישט. איך בין אויך א כהן, כ'האב אויך גאט געדיענט.

דער קליינער שמואל האט זיך גארנישט אבגערופען.

און אז די עלטערן זענען געקומען אויף יום־טוב מיט זייער קרבן, האט זיך די מאמע אבגערופען:

— הער זיך, מיין קינד, צו, וואס עלטערע זאגען דיר, וואס גוטע, פרומע לייט הייסען דיר.

און אַז די מוטער האָט דעם אַלטען געפּ־עגט אויף איהר קינד, האָט ער איהר אָבגעענטפערט האַלב מיט אַ זיפץ:

— וואָס אמת, איז אמת. אַ פרום קינד איז עס, נור—

די מוטער האָט שטיל געשוויגען, נייגיריג געווען צו הערען, וואָס איז דאָס אַזעלכעס דער„נור"...

נור דער אַלטער האָט מיט'ן קאָפּ צוגעשאָקעלט און גאָר־ניִשט גערעדט.

די מוטער איז דערנאָך צו צום קליינעם שמואל, און האָט אויך אויף איהם מיט'ן קאָפּ צוגעשאָקעלט:

— אַי קינד, אַי קינד!

אַזוי האָט זיך שמואל'ן געלעבט ביי עלי'ן אין שילה נעבען ארון, גוט און פרום, געטהון זיין דיענסט פאַר ד׳, וואָס זענען געקומען קיין שילה פאַר גאָט'ס ארון. און עלי'ס יונגען זענען זינדיגע מענשען געווען, האָבען פליייש פון די טעפּ געכאַפּט; האָבען די ווייבלעך, וואָס זענען פאַר גאָט געקומען בעטען — פון וועג אַראָבגעפיהרט. און דער אַלטער, בלינדער עלי, אַזוי ווי ער איז געזעסען פאַר דער טהיר און זיך די אַלטע ביינער געוואַרימט אויף דער זון, אַזוי האָט ער זיך געוואַרימט און געקלערט וועגען דעם, וואָס איז דאָס די מעשה, וואָס גאָט ווייזט זיך נישט אין הויז אַזאַ צייט מיט יאָהרען.

האָט ער פּונקט געהערט שמואל'ן פאַר זיך פאַרבייגעהן, האָט ער איהם גערופען:

— שמואל, שמואל!

— וואָס ווילסט דו, טאַטע?

—וואָס געהסט דו טהון?

— איך געה אייל אין דעם נר־תמיד אַריינגיסען.

אייל אין דעם נר־תמיד אַריינגיסען, — האָט דער אַלטער פאַר זיך געקלאַפּט מיט די ווייכע יאַסעלעס אָן די ציינער, — אייל אין דעם נר־תמיד, אַ גוטע זאַך, אַ גוטע זאַך.

אַמאָל אין אַ נאַכט, ווען שמואל ליעגט אַזוי אין זיין ווייס העמדעל, וואָס די מאַמע האָט איהם גענייט, אויף אַ

באַנק אין אוהל און שלאָפט געשמאַק איַין — דעם נר־תמיד אָנגעצונדען, דעם מזבח אַרומגעוואַשען, און שטיל איז אין טונקעלן אוהל, נור דאָס ליכט, וואָס ברענט פאַר דעם ארון, הערט ער אַ שטים ווי פון דעם ארון אַרויס זיין נאָמען רופען:

— שמואל! שמואל!

דאָס יונגעל זעצט זיך אויף, קוקט זיך אַרום — קיינער נישטאָ, נור דאָס ליכט, וואָס האָט געברענט פון פריהער, ברענט נאָך איצט — הויבט זיך אויף, געהט אַרויס פון משכן, געהט אַריין אין אוהל, וועקט דעם בלינדען עלי'ן:

— טאַטע, טאַטע, דו האָסט מיך גערופען?

— ניין, ניין, איך האָב דיך נישט גערופען, — זאָגט דער האַלב־פערשלאָפענע, בלינדער עלי, — וואָס גערופען? איך האָב דיך נישט גערופען.

דאָס יונגעל געהט צוריק אין משכן, קוקט זיך אַרום, — אַלץ ווי פריהער: דער ארון אַזוי ווי ער שטעהט — אַזוי שטעהט ער; און דאָס ליכט, אַזוי ווי עס ברענט — אַזוי ברענט עס זיך, לעגט ער זיך ווייטער אַנידער אויף דער באַנק און ליגט.

ליגט אַ ביסעל צייט, נאָר־וואָס געהאַט אַ ביסעל די אויגען פערמאַכט, און די שטים רופט ווייטער:

— שמואל, שמואל!

דאָס יונגעל חאַפּט זיך מיט אימפעט אויף, קוקט זיך אום — קיינער נישטאָ. אַראָב פון דער באַנק, אַרויס פון משכן אַריין אין דעם אוהל און וועקט דעם פערשלאָפענעם עלי'ן:

— טאַטע, טאַטע, דו האָסט מיך גערופען?

— וואָס גערופען? — איך האָב דיך נישט גערופען, — וועקט זיך דער אַלטער עלי, זעצט זיך אויף אויפ'ן געלעגער, קוקט זיך אַרום, ווי ער וואָלט עפּיס געזעהן, — וואָס האָסט דו זיך אויפגעחאַפּט?

— האָסט מיך גערופען.

— איך האָב דיך נישט גערופען, — זאָגט דער אַלטער.

דאָס יונגעל געהט ווייטער צוריק אין משכן, ציהט זיך אויס אויף דער באַנק און ליגט און וואַרט.

— שמו — אל, — שמו — אל, — ציהט זיך א שטים איבערן גאנצען אוהל.

ער האט זיך געגעבען א וועץ אויף, א קוק ארום זיך, ארום פון משכן אריין אין אוהל, צו צו על'ין:

— דו האסט מיך יא גערופען.

נו, דא האט שוין עלי נישט געשלאפען. געזעסען איז דער אלטער אויף זיין געלעגער און האט ערגיץ־וואוהין מיט זיינע בלינדע אויגען געקוקט אין א פרעמדע וועלט אריין. „אהא — צו מיר זיך שוין נישט בעוויזען" — האט דער אלטער געברומט. — „צום יונגעל געקומען", — „צום יונגעל" — האט דער אלטער מיט די אלטע ביינערדיגע יאסלעס געקלאפט.

— האסט מיך יא גערופען, טאטע, — זאגט שמואל.

— איך האב דיך נישט גערופען, — זאגט עלי ווי מיט א האלבען בייזער, — דאס האט דיך גאט גערופען, ער דיך גערופען...

דאס יונגעל איז שטעהן געבליבען, דעם קאפ אראבגע־לאזט, ווי פערשעמט. א מינוט האבען זיי שטיל געשוויגען.

דערנאך, אז דאס יונגעל האט אנגעהויבען שטיל אוועק־צוגעהן פון אלטען, גלייך ווי ער וואלט זיך עפים געווען אב־גע'גנב'עט, האט דער אלטער איהם מיט א בייזערדיגען טאן נאכגעלערנט:

— און אז ער וועט דיך רופען, זאג איהם, דו ביזט דא: „ביזט דא" —

דאס יונגעל איז צוריק אין אוהל געגאנגען מיט אנ'אראב־געלאזטען קאפ, האט זיך אויף די באנק געזעצט, און דאס פנים אין ביידע הענד פערשטעלט.

און אז דאס קול האט גערופען: „שמואל, שמואל!" איז ער שוין מעהר צו על'ין נים געלאפען.

צומארגענס אין דערפריה איז זיך ווידער דער אלטער, בלינדער עלי געזעסען פאר דער טהיר, און זיינע אלטע ביינער געווארימט אין דער זון. ער האט זיך די פינגער איינציגווייז

געבראָכן, און די שפּיץ באָרד אין מויל געחאַפּט און געביסען, און ביי זיך געטראַכט: צו דעם קליינעם זיך געוויזען, צו דעם קליינעם ... נישקשה, נישקשה.

אַ גאַנצען טאָג האָט זיך דער קליינער שמואל ווי באַהאַלטען פון איהם. מען זעהט איהם אויף די אויגען נישט — האָט זיך דער אַלטער געטראַכט, און אויסגעשטעלט די אויערן, אויב דער קליינער לויפט נים פאַרביי — נישטאָ, ער באַהאַלט זיך, — טראַכט זיך דער אַלטער — באַהאַלט זיך — און הויבט זיך אויף, און טאַפּט מיט די הענד, ביז ער טרעפט אריין אין משכן, שטעלט זיך אוועק ביי דער טהיר און רופט אריין:

— שמואל, שמואל, וואָס טהוסטו, מיין זוהן?

— איך מאַך צורעכט דעם נר־תמיד, טאַטע, — ענטפערט שמואל.

— פערנומען ביים נר־תמיד, — זאָגט דער אַלטער, און טראַכט זיך: שטענדיג איז דאָס ביי גאָטס אַרבייט, — קום נור אַרויס, — רופט דער אַלטער, און טאַפּט ווייטער מיט די הענד אין דער וואַנד, ביז ער קומט צו צום פריהערדיגען אָרט.

האַלב ווי פערשעמט קומט צו צו איהם שמואל און שטעלט זיך פאַר איהם.

— וואָס ווילסטו, טאַטע?

— געוויזען זיך צו דיר גאָט? — פרעגט דער אַלטער.

— געוויזען, — ענטפערט שמואל מיט אַ האַלב פערשעמטען טאָן.

— און וואָס האָט ער דיר געזאָגט?

שמואל שווייגט.

— „סודות“ — טראַכט זיך דער אַלטער — „סודות“.

שמואל שווייגט.

— נישקשה, איך בין אויך אַ כהן, ער פלעגט זיך צו מיר אויך באַווייזען, מעגסט זאָלען, האָסט נישט וואָס מורא צו האָבען.

שמואל שווייגט.

— שווייגסט — שווייגסט, — נו, נו, שווייג.

שמואל האָט דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט צו דער ערד.

— האָסט זיך נישט וואָס צו בעהאַלטען פאַר מיר, איך האָב אויך גאָט געדיענט, איך האָב אויך, — שאָקעלט דער אַלטער מיט'ן קאָפּ.

שמואל שווייגט.

— סודות, סודות, — זאָגט דער אַלטער פאַר זיך.

— מען דאַרף דעם נר־תמיד אָנצינדען, ער איז פערלאָשען, — זאָגט שמואל.

— גיה דעם נר־תמיד אָנצינדען, ער איז פערלאָשען, — זאָגט דער אַלטער מיט אַ געבייזער.

שמואל איז צוריק אין משכן אַריין.

דער אַלטער איז פאַר דער טהיר זיצען געבליבען, די זון האָט זיין אויפגערייצט פּנים געבּרענט, און געברומט האָט ער פאַר זיך: סודות... סודות...

אין דעם איז אַרויסגעקומען דער עלטסטער יונג זיינער, חפני, פון משכן אַרויס, אויפ'ן גאָפּעל אַ פעט שטיק פליייש פון טאָפּ אַרויסגעחאַפּט. דערזעהן דעם אַלטען, ברעכט ער אָב אַ שטיקעל פון גאָפּעל און מיט אַ פול מויל זאָגט ער צום פאָטער:

— נאַ, נעהם, טאַטע, אויך אַ ביסען.

— פרעסער, זויפער, נור צו פרעסען ווייסט איהר, נור חאַפּ־לאַפּ, פרעסער! אוי, אוי!

דער עלטסטער יונג האָט אַ פאָר בייזע אויגען אויסגעגלאָצט אויפ'ן אַלטען. ער האָט איהם נאָרנישט געקאָנט ענטפערן, ווייל דאָס מויל איז איהם מיט פליייש אָנגעשטאָפּט געווען.

דער קעניג פון יהודא.

II

דער קעניג פון יהודא.

ישראל האָט זיך אָבגעטיילט פון יהודא און האָבען זיך געמאַכט אַ בעזונדערן קעניג איבער זיך ירבעם.

און דער קעניג ירבעם האָט מורא געהאַט, אַז דאָס פאָלק וועט אויפגעהן קיין ירושלים אויף יום־טוב, ווי גאָט האָט געבאָטען, און וועלען זעהן דאָס בית־המקדש, וואָס שלמה האָט זיי אויפגעשטעלט, און דוד׳ס טורם מיט די גאָלדענע פאַנצערס פון די גבורים, וואָס הענגען אויף איהם, און וועלען הערען די לוים׳ס געזאַנג אין בית־המקדש, און דעם נביא׳ס רייד אין בית־המקדש־הויף, — וועלען זיי זיך פערבענקען נאָך דוד׳ס הויז און רחבעם׳ען ווידער איבער זיך פאַר אַ קעניג מאַכען — האָט ער געלאָזט צוויי גאָלדענע קעלבער מאַכען, איינעם אויפגעשטעלט אין דן, און דעם צווייטען אין בית־אל און געזאָגט: דאָס איז דיין גאָט, ישראל, וואָס האָט דיך פון מצרים בעפרייט, איהם דינען, אַזוי ווי עס שטעהט אַלץ אויסגעשריבען אין דער הייליגער שריפט.

און אויסגעקליבען האָט ער פאַר זיינע קעלבער כהנים פון פראָסטען פאָלק, וואָרום קיין פאַסענדע האָט ער נישט געפונען. אַלע כהנים זענען געווען אין ירושלים, און וואָס פאַר אַ מיטעל ער האָט נישט אָנגעווענדט, אַז ער זאָל עפּיס אַראָבקריגען אַ אָרענטליכען כהן, פאַר זיינע קעלבער, האָט נישט געהאָלפען. די כהנים האָבען נישט געוואָלט קומען און פשיטא שוין נביאים.

דאָס פאָלק אָבער איז געוועהנט געוועןצו געניטע כהנים און נאָכמעהר צו הייליגע שטרענגע נביאים, וועלכע האָבען דאָס פאָלק געשטראָפט און קיינעם נישט נושא-פנים געוועןֿ, אפילו דעם קעניג ניט, וואָס האָבען וואונדער געוויזען און פער-צעהלט פון גאָט, און דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען בענקען צו-ריק נאָך ירושלים.

עפּיס האָט ער יאָ געהאַט אַ פּאָר נביאים׳ליך, וועלכע האָבען זיך אויסגעלערנט אַ ביסעל כשוף מאַכען פון די בני נוב, נור זיי האָבען בלויז געקענט קליינע מופתים׳ליך בעווייזען, ווי וואַסער אין בלוט פערקעהרען, אָבער רעכטע מופתים האָבען זיי נישט געוואוסט, און דאָס פאָלק האָט צו זיי קיין צוטרוי נישט געהאַט.

נון איז אָנגעקומען אַ געטליכער מאַן פון יהודה מיט גאָטס וואָרט קיין בית-אל, און דער קעניג ירבעם שטעהט פונקט אַליין אויפ׳ן מזבח אין זיין רעזידענץ-שטאָדט און דעמפפט פאַר דעם גאָלדענעם קאַלב געווירצען.

און דער געטליכער מאַן רייסט זיך אריין צווישען עולם, וואָס שטעהט אַרום מזבח, קומט צו פאַר׳ן קעניג און רופט צום מזבח: מזבח, מזבח! עס וועט קומען אַ טאָג און אַ זוהן פון דוד׳ס הויז וועט שעכטען אויף דיר די כהנים, וואָס אָפּ-פערן פאַר דיר, און וועט פערברענען זייערע ביינער אויף דיר. און מיין צייכען איז: דער מזבח וועט צושפּאַלטען ווערען, און דאָס אַש וועט זיך אויסשיטען.

און זעה, דער מזבח ווערט צושפּאַלטען, און דאָס אַש שיט זיך אויס אין זיינע לעכער.

דער קעניג האָט באַלד פערשטאַנען, אַז דאָס איז אַ אמת׳-ער נביא, אַ ריכטיגער ירושלים-נביא, און אַזאַ נביא אַז ער וואָלט געקראָגען פאַר זיינע געטער, וואָלטען זיי געקאָנט צוציי-הען דאָס גאַנצע פאָלק צו זיך, און דאָס פאָלק וואָלט שוין נישט געוועןגעבענקט נאָך ירושלים, און וואָלטען זיך שוין מעהר נישט אַרויסגעגנב׳עט פון זיינע גרעניצען, צו קומען קיין ירושלים, ווי זיי פלעגען צו טהון.

און דער קעניג האָט בעשטימט ביי זיך, אַז וואָס דער

נביא זאל איהם נישט קאסטען, זאל ער איהם דאך אויפהאל־טען פאר זיינע געטער.

זאגט דער קעניג אזוי צום נביא:

— מיין גוטער נביא! איך זעה, אז דו ביסט טאקע א אמת'ער נביא, וואס דו קענסט גרויסע מופתים מאכען. ווייסט דו וואס, איך וויל דיך אויסהאלטען פאר מיינע געטער, איך וועל דיך גוט בעלוינען, אלע פיסלעך און לונגען פון די קרבנות, וואס מען וועט ברייננגען פאר די געטער, וועלען געהע־רען צו דיר, א טייל פון די נדבות, און וואס טויג דיר צו־ריקגעהן קיין ירושלים, דארט זענען דא א סך נביאים אחוץ דיר, דו ביסט אודאי דער קלענסטער פון זיי. בלייב דא איבער ביי אונז, וועסטו דא זיין דער גרעסטער נביא.

נאר דער נביא ענטפערט אזוי:

— אפילו ווען דו וועסט מיר געבען פולע שטובען מיט גאלד, א האלב פון דיין הויז, וועל איך אויך נישט טוישען ירושלים אויף דיין בית־אל, און דאס בית־המקדש — אויף דיין גאלדענעם קאלב.

און דער קעניג טראכט זיך אזוי: איז הארט ביי זיך, מען דארף איהם א ביסעל וויכער מאכען:

פאלט ער אויף א פלאן און זאגט אזוי:

— געטליכער נביא! דיינע ווערטער האבען מיך גערירהט, און איך וויל טאקע אנהויבען תשובה טהון צו גאט, און איך וויל אין דיר עהרען גאט, לאמיך דיך מכבד זיין מיט מיינע בעסטע מאכלים, מיט מיינע שענסטע חפצים. קום אונטער דעם באלקען פון מיין דאך, וואש דיינע פיס און עס פון דעם ברויט. וואס איך וועל פארבערייטען פאר דיר, זאלען זעהן אלע אלטע און חשוב'ע לייט פון ישראל, ווי דער קעניג איז מכבד און עהרט דעם נביא פון גאט.

נאר דער נביא האט געזעהן, אז זיינע ווערטער האבען דעם קעניג גערירהט, האט עס איהם אין הארץ געפרעהט און ער האט שוין גערעדט צום קעניג מיט א מילדען קול:

— מיך פרעהט זעהר, וואס מיינע ווערטער האבען דיך גערירהט, און דו הויבסט אן תשובה צו טהון. זאל דיר גאט

בײַשטעהן און מוחל זײַן דיר די חטאים. נאָר עסען מיט דיר קאָן איך נישט, און אָבקעהרען הינטער דײַן באַלקען טאָר איך נישט, ווײַל גאָט האָט מיר אָנגעזאָגט: „דו זאָלסט נישט עסען קײַן ברויט אויף דעם אָרט, און זאָלסט נישט טרינקען קײַן וואַסער אויף דעם אָרט, און זאָלסט נישט צוריק אַרויסגעהן פון שטאָדט אויף דעמזעלבען וועג, מיט וועלכען דו ביסט אַרײַנגעגאַנגען", און גאָט ווידערשפּעניגען קאָן איך ניט.

און דער נביא איז אײַנזאַם אַרויסגעגאַנגען פון שטאָדט, פון קײַנעם נישט בעגלײַט, פון קײַנעם גאָרנישט גענאָמען, דורך אַ בעהאַלטענעם וועג אַוועק פון שטאָדט.

און געגאַנגען איז ער אויפ'ן וועג פרעהליך, מיט אַ לײַכט האַרץ און מיט אַ גוט געמיטה. אָט האָט ער גאָטס שליחות געטהון: געקומען אין שטאָדט, געזאָגט דעם קעניג דעם אמת אין פנים אַרײַן, און דער קעניג איז געריהרט געוואָרען פון זײַן נביאות און טהוט תשובה צו גאָט.

און גאָרנישט האָט ער דערפאַר גענומען, אפילו קײַן לעק וואַסער, אפילו קײַן ביסען ברויט.

הונגעריג איז ער געווען, און זײַן וועג־טאָרבע איז לײדיג געווען, און קײַן חפץ האָט ער בײַ זיך נישט געהאַט, נאָר דאָס האָט איהם נאָך מעהר בעפרידיגט: געטהון גאָטס שליחות און גאָרנישט דערפאַר גענומען — האָט ער זיך געזעצט אויף אַ שטײַן אָברוהען.

און דאָס פאָלק, וואָס איז אַרום דעם מזבח געשטאַנען און האָט געזעהן דעם נביא'ס מופת און געהערט דעם נביא'ס וואָרט, האָט אונטעראַנדערער צו מורמלען אָנגעהויבען: אָט דאָס איז מיר אַ נביא, געזאָגט דעם קעניג דעם אמת אין פנים, קײַן בעלוינונג דערפאַר נישט געוואָלט נעהמען. וואָס דען, אונזערע נביאים?!...

— ברויט־פרעסער זענען זײ נור, — האָט אײַנער פון דער מחנה געזאָגט.

— אַראָבצו'גנב'ענען פון די בעסטע חלקים, דאָס קאָנען זײ, — האָט אַ צווייטער געברומט.

— און די ווײַבלעך צו באַלמוטשען, וואָס קומען צו גאָט

בעטען, צו דעם זענען זיי דא, — האט א דריטער צוגעלעגט.

און א זוהן פון א אלטען נביא, וואס איז געווען אין שטאדט, איז דערביי געשטאנען און האט צוגעזעהן אלץ, וואס דער נביא האט געטהון און גערעדט, איז ער אהיים געגאנגען צום פאטער.

דער פאטער, א נביא'לע דארט עפּיס, האט זיך שוין באלד רוּהיג וויינע יאהרען אויסגעלעבט אויף דעם נייעם פלאץ אין בית־אל, — האט זיך אויף דער עלטער אוועקגעזעצט אין דער היים, הינטער זיין פייגען־בוים און בּיהנשטאק אויסרוהען און האט געלעבט פון דעם, וואס ער האט אנגעקליבען אין די גוטע צייטען.

און דער זוהן קומט דא אהיים און ווארפט א ווארט אונטער זיך:

— דאס איז א נביא! דאס, ווייס איך, איז א נביא!

— וואס א נביא? — פרעגט דער אלטער, וועלכער אי געווען זעהר אויפפאסענד אויף דעם ווארט „נביא".

— איז געקומען א נביא פון יהודה, איז צו צום מלך, איהם די עבירות אין פנים געזאגט, דעם מזבח אויף צוויי געשפאלטען, דאס אש אויסגעשיט און דעם מלך די האנד פערדארט, נישט קיין עסען, נישט קיין טרינקען. דער מלך וויל איהם מיט מתנות בעשענקען, וויל איהם פאר'ן כהן־גדול מאכען — ער חאפּט די טארבע און ארויס פון שטאדט...

— א נביא, מיינם א חבר, אינאיינעם אין ירושלים אין איין חדר געווען בעהאלטען, אינאיינעם ביי אחיה השלוני תורה געלערנט, אודאי, ווי הייסט — זאגט דער אלטער, וועלכען די גבורות פון דעם נביא האבען איהם אויפגערודערט — אודאי, מיר וועלען זיי וויזען, די קעניגען. זיי ווילען נישט גאטס ווארט הערען — שטראפען וועט מען זיי מיט דער הארבסטער שטראף.

„און גאט האט געזאגט צו מיר אזוי" — הויבט אן דער אלטער פלוצלונג מיט א נביאישען טאן. — דעם רייטוואגען שפאנט מיר איין, הערי יונגען, דעם רייטוואגען! — פערגעסט פלוצלונג דער אלטער, וואס גאט האט איהם געזאגט, — לאזט מיך מיין חבר, דעם נביא, נאכלויפען, אונטער מיין דאך איהם ברענגען, דאס פעטסטע קאלב שעכט מיר. הערי יונגען! נאכ'ן נביא, ווי הייסט, וואס דען! מיר וועלען זיי וויזען, די מלכים.

די יונגען האָבען איהם דעם רײַטוואָגען געשפּאַנט, דער נביא האָט זיך אויפגעזעצט און דער מויל־אײזעל האָט איהם אויף דעם וועג געפיהרט, אין וועלכען דער נביא פון גאָט איז געגאַנגען.

דער נביא פון גאָט איז נאָך אַלץ געזעסען אויפ'ן שטײן, בײַ אַ קוואַל וואַסער, צופריעדען אין זיך, וואָס זײַן שליחות האָט זיך איהם אַזוי אײַנגעגעבען, און האָט זיך דערווײַל געטראַכט: דאָך נישט אַזאַ זינדיגע שטאָדט, דאָס בית־אל, עס האָט אַ ווײַך האַרץ פאַר גאָטס וואָרט, האָט הנאה פון נביא'ס מוסר. נאָר לענגער בלײַבען האָט מען נישט געטאָרט, גאָט האָט נישט געהײסען.

„זאָלסט נישט עסען קײן ברויט און זאָלסט נישט טרינקען קײן וואַסער אויף דעם אָרט" — האָט גאָט געזאָגט, קרעכצט דער נביא.

אין דעם קומט אָן דעם עלטען נביא'ס רײַטוואָגען און שטעלט זיך אָב.

— דאָס ביסטו דער נביא פון יהודה, געקומען מיט גאָטס וואָרט, געשיקט צו ירבעם?

— דאָס בין איך! — זאָגט דער נביא.

— און וואָס גאָט האָט דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט נישט עסען קײן ברויט און נישט טרינקען קײן וואַסער אויף דעם אָרט? — זאָגט דער אַלטער אין אײן אָטעם.

— יאָ, דערזעלבער.

— אויב אַזוי, טאָ זעץ זיך שוין אין מײַן רײַטוואָגען און פאָהר מיט מיר אין שטאָדט אַרײַן. גאָט האָט זיך צו מיר בעוויזען און געזאָגט: לויף איהם נאָך, ברײַנג איהם אין שטוב אַרײַן און גיב איהם ברויט, און גיב איהם וואַסער. אוי, קוים דיך דער־חאַפּט, — עטעמט שווער אָב דער אַלטער, — גאָטס בעפעהל צו ערפילען.

— און ווער ביסטו דען? — פרעגט דער נביא.

— אויך אַזאַ נביא, ווי דו. כ'האָב געווגג געשטראָפט, געווגג גערעדט, מען האָט מיך נישט געוואָלט פאָלגען, אָט וועלען זיי האָבען דערפאַר.

— אַ נביא פון גאָט? — פרעגט נאָך דער אמת'ער נביא איבער מיט אַ ביסעל חשד.

— פרעג נישט, חבר; איך אַזאַ נביא ווי דו; דאָס גאַנצע פאָלק אין טויער ווייס עס. אַט פרעג זיי, — ווייזט ער אויף די אַרומיגע. — הער, געגוג אייך געוואָרענט, — ווענדט ער זיך צום עולם — נישט געזאָגט, איהר זאָלט תשובה טהון?! אַט וועט איהר האָבען פאַר דאָס אייערינע. שוין זיבעציג יאָהר אויף מיין גראָהען קאָפּ — זאָגט ער צום נביא — ווי איך בין אַ נביא; נאָך נתן הנביא געקענט, און מיט אַחיה־השלוני ברידער געווען. אינאיינעם מיט איהם דעם נייעם מלבוש אויף ירבעם׳ען צוריסען, אחיה האָט איהם געגעבען די צעהן חלקים, און איך האָב געבראַכט די צוויי געבליבענע חלקים צו רחבעם׳ען. הייגענען האָט ער מיך געוואָלט, בין איך פון איהם אַנטלאָפען.

— האָט דיר גאָט געזאָגט, אַז דו זאָלסט מיך צוריק אין שטאָדט ברייננען, און עסען מיר געבען? אַ וואונדער, עפּיס מיר האָט ער גאָרנישט געזאָגט דערפון, — זאָגט דער נביא.

— געזאָגט מיר: געה, לויף איהם נאָך, ער איז הונגעריג און דורשטיג, און איך האָב איהם נישט געהייסען עסען און טרינקען אויף דער אָרט. ברייננ איהם צו דיר — זאָגט ער, דו וועסט איהם טרעפען אויפ׳ן וועג, הינטער דער אלה. האַ, דו ביסט טאַקע געזעסען הינטער דער אלה.

— אודאי מיך געוואָלט אויספּרובען — זאָגט דער נביא פאַר זיך — גאָט, אויב איך וועל נישט עובר זיין אויף זיין בעפעהל, נישט צונעהמען קיין לוין פאַר מיין שליחות. צוליעב דעם האָט ער מיר נישט געהייסען עסען, נישט טרינקען אויף דעם אָרט, — טרייסט זיך דער נביא, וועלכער איז געוועזן הונגעריג און דורשטיג. — אָה, ניין! איך וועל נישט עובר זיין דיין בעפעהל, טאַטע אין הימעל, — זאָגט דער נביא, אַרויפגעהענדיג אויפ׳ן אַלטענס רייטוואַגען, — דעריבער האָט ער מיר נישט געלאָזט זאָגען, נאָר ער האָט דיר אָנגעזאָגט, כדי צו ווייזען מיר, אַז ער געדענקט אָן מיר. ער ווייס גאַנץ גוט, אַז איך בין הונגעריג און דורשטיג.

— מיר וועלען זיי ווייזען, די מלכים, — האָט דער אַלטער נביא געזאָגט, — מיר וועלען זיי שוין ווייזען, וואָס אַ נביא הייסט, און וואָס עס הייסט אין גאָט ווידערשפּעניגען, מזבחות

זיך אַליין מאַכען, קרבנות זיך אַליין מקריב זיין, מיר וועלען זיי שוין ווייזען, — האָט דער אַלטער הויך געשריען מיט קוראַזש און האָט דעם נביא אין שטאָדט אַריינגעבראַכט.

דעם נביא אין שטאָדט אַריינגעבראַכט, איז איהם די גאַנצע שטאָדט נאָכגעלאָפען. די הייזער האָט מען איבערגעלאָזט אַליין, די מוטערס האָבען די קינדער אויף די הענד גענומען און נאָכ'ן נביא געגאַנגען, און די כהנים האָבען דאָס גאָלדענע קאַלב אין זייער מקדש איבערגעלאָזט און נאָך דעם נביא נאָכגעגאַנגען. דערווייל האָבען טאַקע דעם פאַלשען נביא'ס זיהן דאָס פעטסטע „געדריטעלטע" קאַלב געשאָכטען, דעם טיש אונטער אַ לינדענבוים געגרייט, ברויט דערלאַנגט, זאַלץ דערלאַנגט, און דאָס פעטע קאַלב אויפגעגעבען.

דער שטאָדט־נביא האָט זיין גאַסט וואַסער דערלאַנגט, האָט איהם די פיס געוואַשען און איהם דעם אָנגעזעהנסטען אָרט אָנגעבאָטען, אַליין האָט ער זיך אונטער דעם בוים געשטעלט איהם צו בעדיענען.

זענען אָנגעקומען די פאָרנעהמסטע בעלי־בתים פון שטאָדט, דעם נביא מתנות געבראַכט; איינער אַ גאָלדענע קרוג, דער צווייטער אַ גוטען אונטערטעניגען אייזעל. דער אַלטער נביא האָט די מתנות פאַר זיין חבר צוגענומען, דערביי זאָגענדיג צו די חשובים אַזוי: — האָב איך אייך דען נישט גענוג געשטראָפט, האָב איך אייך דען נישט געזאָגט: טהוט תשובה, כל זמן עס איז נאָך צייט! איהר האָט מיך נישט געוואָלט פאָלגען. ווען, אוי וועה געשריגען!... — האָט דער אַלטער זיך די האָהר פון קאָפּ געריסען. דער נביא עסענדיג רוהיג זיין ביסען ברויט, בויגט איבער דעם קאָפּ צו איהם און שאָקעלט איהם מיט מיטן קאָפּ.

עס קומט אָן אַ יודענע מיט אַ קראַנק קינד אויף דער האַנד, שטרעקט אוים די האַנד צום נביא:

— גאָטס פריינד, האָב רחמנות אויף דיין דיענסט, און הייל איהר איינציג קינד. איך האָב נישט מעהר ווי פינף טעפּ האָניג אין דער שטוב, וועל איך זיי דיר אוועקגעבען.

און דער אַלטער שטאָדט-נביא געהט פלוצלונג צו צו זיין חבר פון יהודה און זאָגט צו איהם:

— שלאָג מיך, חבר, שלאָג מיך, פריינד, וואָרום גאָט האָט געהייסען, אז דו זאָלסט מיך שלאָגען.

און דער נביא האָט איהם מיט'ן לעפעל, וואָס ער האָט געהאַלטען אין האנד, געגעבען עטליכע קלעפּ אויף דער פּלייצע.

און דער אַלטער שטאָדט-נביא דרעהט זיך אוים צו דער יודענע מיט'ן קראנקען קינד און זאָגט אזוי:

„אזוי ווי אַ חבר שלאָגט אַ חבר, און אזוי ווי אַ פריינד שלאָגט אַ פריינד, אזוי וועל איך אייך שלאָגען; עס איז נישטאָ קיין רחמים היינט ביי מיר", זאָגט גאָט.

און דער נביא דרעהט אום דעם קאָפּ, מיט'ן ביסען אין מויל און שאָקעלט צו: — אזוי איז עס, אזוי...

אין דער שטאָדט אָבער איז וואָס אַמאָל מעהר פערשפּרייט געוואָרען די ידיעה, אַז דער נביא פון יהודה, וואָס איז געקומען אין שטאָדט אריין און אזוינע מופתים בעוויזען, און דעם מלך אין פּנים דעם אמת געזאָגט — איז ווידער צוריק אין שטאָדט אריינגעקומען און שטעהט איין ביים שטאָדט-נביא, און ער עסט דאָרט ברויט, און ער נעהמט צו נדבות און זאָגט דאָרט נביאות; — האָבען זיי יעדערער איהם געבראַכט מתנות און געקומען צו איהם, טיילער איהם אויסגעשפּרייט, און גאָלד און זילבער איהם אַנידערגעלעגט, און צו איהם די הענד אויסגעשטרעקט נאָך ישועה. און דער אַלטער שטאָדט-נביא שטעהט אַליין און שטראָפט, און שטראָפט.

האָט דאָס זיין נביאיש הארץ געריהרט, אין יהודה איז ער געווען דער קלענסטער, קיינער האָט זיך אויף איהם נישט אומגעקוקט, אַלע געהען נאָך אחיה השלוני, און דאָ איז ער דער גרעסטער, דאָס פאָלק געהט איהם נאָך, און ברייננט איהם מתנות און שפּרייט אוים די הענד צו איהם. עס איז גאָרנישט אזא שלעכט פאָלק, ווי ער האָט געמיינט; האָט ליעב גאָטס וואָרט און איז מכבד דעם נביא.

און דער אַלטער שטאָדט-נביא שטעהט אַליין און שטראָפט און שטראָפט. רופט ער זיך אָן:

— נו, פערפאלען איז נאך נישט, אויף אלץ איז דא אנ׳עצה. קיינמאל איז ביי גאט נישט צו־שפעט. תשובה דארף מען טהון, וועט אייך גאט מוחל זיין!

און דער אלטער נביא נאך איהם:

— דאס וואס איך האב אייך שטענדיג געזאגט, תשובה און תשובה! מיט תשובה קענסטו אלץ מאכען.

און די בעלי־בתים, וואס זענען דארט געווען, קוקען זיך איבער איינער צום צווייטען און זאגען אין דער שטיל, וויי־זענדיג אויפ׳ן נביא:

— אט איז א נביא, אט איז גאטס א שליח, מיט איין האנד שלאגט ער דיך, מיט דער צווייטער — טרייסט ער דיך.

און דער נביא זאגט ווייטער:

— גאט איז א אל רחום וחנון, און ווען מען בעט צו איהם — הערט ער, ווען מען טהוט תשובה, איז ער מוחל! א ערבארמדיגער גאט איז ער, א גוטער גאט.

— א דערבארמדיגער גאט איז ער, — שרייט נאך דער שטאדט־נביא. — הערט, ישראל, הערט, וואס גאט לאזט אייך זאגען: „א דערבארמדיגער גאט בין איך דיר, און אז דו וועסט מיך רופען, וועל איך דיך הערען, און אז דו וועסט תשובה טהון צו מיר, וועל איך דיר מוחל זיין“.

— א אויסדערוועהלט קינד ביזטו מיר, ישראל, זאגט גאט, — הויבט אן מיט זיין טאן אונזער נביא. — און זענען דען נישט מיינע פריינד, אברהם, יצחק און יעקב, געווען דיי־נע עלטערן? און משה, מיין טייערער קנעכט, איז דען נישט געגאנגען פאר דיר? גאט האט דיך אויסגעוועהלט, ישראל.

— א אויסדערוועהלטס קינד זענען מיר, — זאגען די בעלי־בתים איינער צום צווייטען, און טרעהרען ווייזען זיך אין זייערע אויגען, און רוקען זיך צו נעהנטער צום נביא, און ווארימער ווערט זיי. — א אויסדערוועהלט קינד, און אברהם, יצחק און יעקב זענען געוועזען אונזערע עלטערן, א אויסדער־וועהלט קינד, ישראל... און א בעל־הבית פון דארט, מיט טרעהרען אין די אויגען, געהט צו צום נביא (האלט זיך א ביסעל צוריק), און מיט א פערה יפעט ק׳ זאגט ער:

— טייערע נביא, גוטער נביא, א אויסדערוועהלט קינד זענען מיר פאר גאט. מיין ברודער ביסטו, מיין פאטער ביסטו; דיין קנעכט האט היינט די וויינטרויבען און קעלטער געטראגען, דעם ווין אין די פעסער געבראכט, לאז דיין קנעכט דעם ווין דא אויפ'ן טיש ברענגען, און לאז דאס פאלק זיך פרעהען מיט דיר. א אויסדערוועהלט קינד זענען מיר צו גאט, א, טייערער נביא! א, גוטער נביא!

און א צווייטער בעל-הבית מיט א חליפענדיג קול איז צוגעפאלען צום נביא:

— הייליגער נביא, געטליכער נביא! געערדט האסטו היינט צום הארץ פון דיינע קנעכט און געטרייסט האסטו זיי; און דיין קנעכט האט האניג ארויסגענומען פון דעם ביהנשטאק די היינטיגע נאכט. לאז עס דיין קנעכט דא אויפ'ן טיש פאר דיר ברענגען און זאל דאס פאלק זיך פרעהען מיט דיר. געטרייסט האסטו אונז היינט און גערעדט צו די הערצער פון דיינע קנעכט, א, הייליגער נביא, געטליכער נביא!

— איך זעה אין דעם קיין חטא נישט, — האט דער נביא אבגעענטפערט. און די בעלי-בתים זענען מיט פרייד יעדער צו זיין הויז געלאפען, און יעדערער האט זיין ווין און זיין האניג, און די פרוכטען פון זיין פייגענבוים און די פרוכטען פון זיין טייטעלבוים פאר'ן נביא אויפ'ן טיש געבראכט.

און דאס פאלק איז צוגעקומען וואס אמאל מעהר, וואס אמאל מעהר און האבען איהם זייערע מתנות געבראכט: ווער א גאלד-שטיק און ווער א זילבער-שטיק, ווער א טייער קלייד און ווער א שטיק פורפור-שטאף, ווער א קרוג אייל, — און האבען די מתנות צו זיינע פיס געלעגט.

און דער עולם: מאן און ווייב און קינד האט געטרונקען פון דעם ווין און געלעקט פון דעם האניג און גענאסען פון די פייגען און פערזוכט פון די טייטלען — און געפרעהט זיך מיט'ן נביא, און ער — מיט זיי. און זיין הארץ איז פרעהליך געווארען, און געזעהן האט ער דאס פאלק ארום זיך, און ווי עס פרעהט זיך מיט איהך, האט ער די הענד אויפגעהויבען און האט אזוי געזאגט:

— וואו איז נאָך דאָ אַ פאָלק ווי ישראל, און וואו איז נאָך דאָ אַ שטאַם ווי יעקב! וואויל איז דיר, וואויל איז דיר, קיין שלעכטס וועט דיר ניט געשעהן, נור שלום, שלום וועט זיין צו דיין געצעלט.

— האָב איך אייך דען ניט באַלד געזאָגט, אַז שלום, אַז נור שלום וועט זיין צו אייך און צו אייערע קינדער, — שרייט דער שטאָדט-נביא.

נאָר דאָס פאָלק האָט איצט ניט געקוקט אויף איהם. געהערט פון נביא פון יהודה דאָס וואָרט שלום, איז זיי אַ שווערער שטיין פון האַרץ אַראָב, און אַ גרויסע פרייד איז זיי בעפאַלען, און זיי זענען צוגעפאַלען צו איהם און האָבען איהם ביי די פיס אַרומגענומען, האָבען איהם אין דער הויך געהויבען און האָבען געטאַנצט פאַר פרייד אַרום איהם.

— טייערער נביא, הייליגער נביא! דו ביסט אַ גוטער נביא, אַ גוטער נביא, אונזער דאַך וועלען מיר דיר אוועקגעבען, אונזער ברויט און וואַסער — זיי מיט אונז, בלייב מיט אונז.

נאָר דער נביא האָט זיך אָבגעשטעלט:

— ניין, איך קאָן ניט. גאָט האָט מיר געזאָגט, — נאָר וואָס גאָט האָט איהם געזאָגט, האָט ער פערגעסען, — איך וועל נאָך צוריקקומען, איך וועל נאָך צוריקקומען.

און זיי האָבען איהם אויף דעם בעסטען אייזעל אַרויפגעזעצט, אָנגעלאָדען אַלע מתנות, די גאָלד-שטיקער און די זיידען-טיכער מיט די פורפור-טיכער, אַלע קעשענעס איהם אָנגעפילט, אַלע עקען איהם בעלעגט, און איצט איז שוין דער נביא ניט ווי פריהער ליידיג און לעער, הונגעריג און דאָרשטיג, פערלאָזט און איינזאַם פון שטאָדט אַרויס; — ניין, בעלאָדען און אָנגעשטאָפט, זאַט און בעטרונקען, און דאָס פאָלק האָט איהם בעגלייט מיט געזאַנג און טענץ.

ביים טויער פון שטאָדט האָט ער זיך מיט זיי געזעגענט, פערשפראָכען זיי, אַז ער וועט צוריקקומען, און זיי זענען מיט רוהיגע געמיטהער און פרעהליכע הערצער אין שטאָדט געגאַנגען, און געזאָגט איינער צום צווייטען:

— אָט דאָס הייסט אַ נביא, דאָס איז אַ נביא פון יהודה.

— אַ גיטער נביא, אַ הארציגער נביא.

— אַ גוט הארץ, — האָט אַ דריטער אַ וואָרט אַריינגעוואָרפען, און זענען זיך צוגאַנגען.

רייט זיך אונזער נביא אַיינער אַליין אויפ'ן וועג אָנגעלאָדען מיט אַלעם גוטען, און טראַכט ביי זיך אין הארצען:

— אַ גוט פאָלק ישראל, אַ אויסערוועהלט פאָלק, האָט ליעב גאָטס וואָרט, האַלט בכבוד גאָטס נביא.

און דאָס אונטערטעניגע אייזעלע קלאַפּט מיט די פיסעלעך אָן די שטיינדלעך, און די גאָלד-שטיקער און די זילבער-שטיקער קלאַפּען פון ביידע זייטען זאַטעל.

אין הארץ ביים נביא ווערט עפּיס נישט אינגאַנצען זיכער; דאָס פאָריגע מאָל געגאַנגען, נישט געריטען אויף דעם וועג, אַ הונגעריגער, אַ דורשטיגער, אָבער עפּיס דאָך רוהיגער געווען, מעהר צופריעדען מיט זיך. דאָס זייניגע אָבגעטהון, געזאָגט גאָטס וואָרט, געוואָרפען אַנ'אימה אויפ'ן מלך און פאָלק, און גאָרנישט דערפאַר גענומען.

— וואָס האָב איך דאָ געטהון, — וויל ער זיך אַליין פערענטפערן, — געגעסען און געטרונקען, און גאָט האָט דאָך אַליין געזאָגט דעם נביא, אַז ער זאָל מיך צוריקברייגגען און עסען מיר געבען, און טרינקען מיר געבען.

— און אַ גוט פאָלק ישראל, אַ אָרענטליך פאָלק, האַלט זיך אָן גאָטס וואָרט, וויל זיך האַלטען, נאָר האָבען אַ שלעכטען קעניג, דעם ירבעם, גאָלדענע קעלבער האָט ער זיך געמאַכט. און עס וועט קומען אַ צייט און יהודה'ס אַ קינד וועט שעכטען דיינע כהנים אויף דיינע מזבחות — און איך וויל דאָך...

— שלום האָט מיר גאָט נישט געהייסען צו זאָגען, — טראַכט ער, זיך דערמאָהנענדיג, אַז ער האָט צוגעזאָגט זיי שלום.

— שלום, ניין, אָ, ניין! האָט מיר גאָט נישט געהייסען צו זאָגען, — רעדט ער אַליין צו זיך און גיט אַ שטעק די האַנד אין די רייזע-טאַרבע און שלעפּט אַרויס אַ פּאָר גאָלד-שטיקער.

— און גאָלד־שטיקער האָט מיר גאָט נישט געהייסען נעה־מען פאַר מיין נביאות, — זאָגט ער צו זיך. — און איך האָב יאָ גענומען.

— און זיידענע טיכער, און און פורפור־שטאָף האָט מיר גאָט נישט געהייסען נעהמען פאַר מיין נביאות, און איך האָב יאָ גענומען.

און דערמאָהנט זיך, ווי ער איז דאָ פריהער געזעסען הינ־טער דער אלה אַ הונגעריגער, אַ דאָרשטיגער, אַ מידער און אַ פערלאָזטער, און ווי גוט עס איז איהם דאָ געוועזען; אָבגעטהון גאָטס שליחות, געזאָגט דעם קעניג: דו. אַזוינער און אַזוינער — און אַוועק. נישט דיין ברויט, נישט דיין וואַסער.

און יעצט רייט ער דאָ אַ בעלאָדענער מיט גאָלד און זילבער, און זיידען־טוך און פורפור־שטאָף, און מיט אַ פולען מאַגען... און ער האָט געחאַפּט די גאָלד־שטיקער און אויף דעם פעלד גע־וואָרפען, און די זילבער־שטיקער, און די זיידען־טיכער פון אונ־טערן זאָטעל געריסען, — אויפ'ן וועג פערשפּרייט, און דעם פור־פור־שטאָף פון זיך געוואָרפען, און געקוקט אויף זיך, און גאָטס וואָרט איז צו שאַנדע געוואָרען...

— נישט בעדאַרפט צוריקצוגעהן, נישט געדאַרפט, רעדט ער צו זיך אַליין.

און ער בעטרויערט זיך אין זיין האַרצען און האָט חרטה אויף זיינע מעשים, און גאָט האָט רחמנות אויף איהם און לאָזט איהם אָבקומען די זינד אויף דער וועלט —

עס געהט אַרויס אַ לייב פון וואַלד און טויט איהם, און דעם אייזעל לאָזט ער לעבען.

שטעהט דער אייזעל אין מיטען וועג, נעבען דעם טויטען קערפּער און ווייסט נישט, וואָס ער האָט צו טהון.

געהט אַ מענש פאַרביי און דערזעהט דעם טויטען נביא, קומט ער אין שטאָדט אַריין און דערצעהלט עס.

חאַפּט זיך דער שטאָדט־נביא אויף און שפּאַנט זיך דעם רייטוואָגען און פאָהרט אויפ'ן וועג אַרויס און ברייננגט איהם אין שטאָדט אַריין.

און ער האָט איהם אַ שענע לויה געלאָזט מאַכען און זיין

קבר , וואָס ער האָט זיך שוין געהאַט אויסגעהאַקט , איהם אָבגעגעבען .

און דאָס גאַנצע פאָלק איז נאָך דער מיטה געגאַנגען , און האָט איהם אַ שבח נאָכגעזאָגט .

— אַ גוטער נביא געווען .

— אַ האַרציגער מענש .

— אַ גוט האַרץ , — האָט אַ דריטער אַריינגעוואָרפען .

און דער שטאָדט-נביא איז נאָך דער מיטה נאָכגעגאַנגען און האָט זיך די הענד געבראָכען און האָט הויך געוויינט אויפ'ן קול :

„און גאָט האָט דיר געזאָגט , אַז דו זאָלסט נישט עסען קיין ברויט און זאָלסט נישט טרינקען קיין וואַסער אויף דעם אָרט , און דו האָסט גאָט נישט געפאָלגט , און האָסט יאָ געגעסען ברויט און האָסט יאָ געטרונקען וואַסער אויף דעם אָרט — האָט דיך גאָט דערפאַר געשטראָפט" .

און ביי דער גרוב מאַכט ער מיט טרערען אין די אויגען צו זיינע קינדער אַזוי :

„ליעבע קינדער , אַז איך וועל שטאַרבען , בעגראַבט מיך נעבען איהם , אַ ברודער איז ער מיר געווען , אַ געזעלען מיינער" ...

ישראל און יהודא.

III

ישראל און יהודא.

בן-הדר, דער מלך פון ארם, האט זיך רייטוועגען געלאזט מאכען — און מיט זיי האט ער געענגסטיגט ישראל און געדריקט יהודה. און שיקט שלוחים צו אחאב'ן, דעם מלך פון ישראל אזוי:

— דיין גאלד און זילבער איז מיין, דיין ווייב און קינד זענען מיין.

און אחאב ענטפערט איהם אב:

— מיין גאלד און זילבער זענען דיין, מיין ווייב און קינד זענען דיין.

שיקט ער איהם ווידער שלוחים: גיב מיר דיין גאלד און זילבער, גיב מיר דיינע ווייבער און קינדער.

עקשנ'ט ער זיך איין, דער מלך פון ישראל, און שיקט זיי איהם נישט באלד.

לאזט בן-הדר שפאנען זיינע אייזערנע רייטוועגען. און אוועק אויף ישראל.

גאט איז דאס אבער נישט געפעלען; טאקע אחאב, א שלעכ-טער מענש, גאלדענע קעלבער זיך געלאזט מאכען — אבער ישראל — פארט ישראל, און בן-הדר פערלאזט זיך צו פיעל אויף זיינע רייטוועגען.

געהט ארוים ישראל אנטקעגען ארם, און צוברעכט איהם, און מאכט א תל פון זיינע רייטוועגען.

נור בן-הדר לאזט שיקען שלוחים צו אחאב'ן, שלוחים מיט

געגאָלטע קעפּ, צוריסענע קליידער, ווי עס פּאַסט פאר אַ אונטערטעניגען: — דיין קנעכט בן־הדד שיקט צו דיר, לאָז מיך לעבען.

האָבען די ווערטער גערירט דאָס יודיש הארץ פון אחאב'ן, האָט ער איהם געלאָזט אָבענטפערן:

— מיין ברודער ביסט דו.

האָבען זיי שלום געמאַכט. אַ שטאָדט אהין, אַ שטאָדט צוריק — און רוהיג געווען צווישען זיי דריי יאָהר. בן־הדד האָט נישט מעהר געטשעפּעט, געהיילט זיך פון ישראל'ס קלעפּ און די רייטוועגען זיך געמאַכט. אַזוי ווי עס שטעהט אַלץ בעשריבען אין דער הייליגער שריפט.

אחאב האָט נאָך געהאַט אָבגעטהון אַ מאוסע מעשה מיט אַ ווייַנגאָרטען (איזבל'ן, זיין ווייב, האָט זיך אַ וויינגאָרטען פערגלוסט, האָט ער געלאָזט ניבת'ן דעם בעל־הוויינגאָרטען אומזיסט הרג'ענען) — געהאַט אויפ'ן געוויסען, וואָס ער האָט אָבגעמאַכט שלום מיט בן־הדד געגען גאָטס ווילען — האָט ער זיך מיט גאָט געוואָלט איבערבעטען, געלאָזט טהון אַ גאָטספאָרכטיגע זאַך און מיט דער גאָטספאָרכטיגער שטאָדט ירושלים שלום שליסען — האָט ער געשיקט שלוחים צו איהר גאָטספאָרכטיגען קעניג, יהושפט, אַזוי: „אַזוי ווי איך, אַזוי ווי דו, מיין פאָלק — דיין פאָלק, מיין פערד — דיין פערד, קום לאָזען מיר שלום מאַכען, און איינאיינעם אויפגעהן אויף ארם־דמשק״.

אַז יהודה האָט געזעהן, וואָס ישראל האָט געטהון צו ארם'ס רייטוועגען, איז זיי די זאַך זעהר געפעלען. און אַז די שלוחים פון אחאב זענען אָנגעקומען קיין ירושלים, צו יהושפט'ן, און געזאָגט, אַז אחאב וויל מיט זיי שלום מאַכען און איינאיינעם מיט זיי אויפגעהן איינעהמען ארם'ס גלעד, האָבען זיי זיך געטראַכט: ביי אונז איז דאָך דאָ חכמה (אין ירושלים זענען שטענדיג געווען חכמים) און ביי ישראל איז דאָ גבורה, ווילען זיי מיט אונז שותפות שליסען, חכמה מיט גבורה.

איז זיי די זאַך זעהר געפעלען.

האָט מען יהושפט׳ן אָנגעטהון אין די בגדי-מלכות, נאָך דוד׳ס גאַרטעל פון לײַנען, אין װעלכען ער, דוד, האָט געטאַנצט פאַר׳ן ארון. און דוד׳ס שװערד, װעלכען ער האָט אװעקגענומען פון גלית׳ן, דעם פּלישתים-העלד. און די קרוין פון שלמה׳ן אויפ׳ן קאָפּ, — און אויפגעזעצט זיך אויף די אײזעלען (אײניקלעך פון די בערימטע אײזעלען, װאָס די מלכה-שבא האָט מיטגעבראַכט פון איהר לאַנד אַ מתנה שלמה׳ן) — די טראָמפּײטען האָבען געטראָמפּײטערט, די צימבאַלען האָבען געקלאַפּט, און אַנ׳אײניקעל פון דוד׳ס הויז האָט צום ערשטען מאָל אַרײַנגעטראָפען אין דער שטאָדט, אין װעלכער ירבעם בן נבט האָט זיך בעזעצט, זײַן נײַע מלוכה איבער די צעהן שבטים, װאָס האָבען זיך אָבגעריסען פון דוד׳ס הויז, צו גרינדען.

מיטגענומען האָט ער מיט זיך די חכמים פון ירושלים און די אַלטע לײַט, און די חשובים און די בעלי-מיוחסים, אַלעם שענסטע און בעסטע פון יהודה, אויסגעצירט אין די זײַדענע העמדער מיט די בלאָהע קאַנטען. און די װײַבער האָבען טײַערע שטײנער אויף די ברוסטען אָנגעטהון. און די גאָלד-שטיקער מיט די זילבער-שטיקער צװישען די האָהר אַראָבגעקלונגען און מיט׳ן גאַנצען פּאַראַד קײַן שמרון געריײַזט.

און שמרון האָט זיך פאָרגעברײַט די בכבוד׳ע געסט מקבל פנים צו זײַן. פאַר דעם שטאָדט-טויער די זעקס רײַטװעגען, װאָס מען האָט אַװעקגענומען פון ארם, אַװעקגעשטעלט. און די גבורים פון שמרון מיט די שפּיזען און די פײַלענבויגענס אין די הענד פאַר דעם שטאָדט-טויער אויסגעשטעלט. און װײַכע געזעסען אויס די טײַערע טיכער אויסגעשפּרײַט פאַר די חשובים און פאַר די אַלטע. אין מיטען צװײַ טראָהנען פאַר׳ן מלך פון יהודה און פאַר דעם מלך פון ישראל.

און אחאב מיט דעם גאַנצען פאָלק איז יהושפט׳ן אַנטקעגען געגאַנגען, און מיט גרויס פרײַד איהם אין שטאָדט אַרײַנגעפיהרט. די טראָמפּײטען האָבען געטראָמפּײטערט, די צימבאַלען האָבען געקנאַלט און די טענצער מיט די שפּילער האָבען פאָראויסגעטאַנצט און געשפּילט און די בכבוד׳ע געסט פאַר׳ן טויער פון שטאָדט אויסגעזעצט.

און ישראל האָט געזעהן שלמה׳ס קרוין אויפ׳ן קאָפּ פון יהושפט׳ן און די גאָלדענע פּאַנצערס פון דוד׳ן, און גלית הפלישתי׳ס שווערד אין יהושפט׳ס הענד, און די חשובים פון ירושלים אַרום יהושפט׳ן, איז זייער האַרץ געוואָרען דערפרעהט. און אַ גרויסע האָפנונג האָט זיי אַרומגענומען. און זיי האָבען זייערע טיכער אין אייל געטונקט און אין פייער געברענט. און זיי האָבען זיך דערמאָהנט אָן דוד׳ס צייטען, ווען הינטער איין פאָהן איז גאַנץ ישראל געווען, ווי ער האָט זיי געפיהרט געגען עמון און מואב און די הערדען פון די פלישתים האָבען געקליבען מיט אָבגעהאַקטע פינגער אונטער זיינע טישען, — און די פלאַמען פון די אָנגעצונדענע טיכער האָבען בעלויכטען די טונקעלע שטאָדט־טויערן, וואָס האָבען זיך געשאָטענט אין דעם פאַרנאַכט־וואָלקען. און די געשרייען האָבען געקנאַלט, ווי זיי וואָלטען אין פייער געוואָרפען געוואָרען — אין פייער געברענט. און דאָס גאַנצע פאָלק אין איין קול:

— וועה צו אייך ווייבער פון ארם, יהושפט׳ס שווערד וועט אייערע זכרים, ווי דאָס שניידמעסער די זאַנגען, אויסשניידען. וועה צו דיר ארם־דמשק, דיין ברונען וועט געשטילט ווערען דורך אחאב׳ס פיילענבויגען.

און נביאים זענען דאָרט געווען. איינער פון זיי, צדקיהו בן כנעניה האָט ער געהייסען. אַ גרויסער ליעבהאָבער פון שלום. דורכדעם האָבען איהם אַלע פאַר אַ גוטען מענשען געהאַלטען. האָט ער זיך געמאַכט אייזערנע הערנער און פאַר די קעניגען געקומען און פאַר׳ן קהל זיך געשטעלט, און געוויזען: „אָט מיט דעם וועט איהר צוברעכען ארם״.

זיי — די קעניגען מיט דעם פאָלק — איז זיין נביאות זעהר געפעלען, — האָבען זיי געזאָגט איינער צום צווייטען:

— צו אַ גוטען מענש קומט שטענדיג אַ גוט נביאות.

האָט ער זיך אין אַ זייט געשטעלט. האָט מען איהם אַ בכבוד אָרט אָבגעגעבען און איז זעהר אַנ׳אָנגעזעהענער מענש געוואָרען. אַלע האָבען געקוקט אויף איהם, האָבען זיך געטראַכט: אַ גליקליכער מענש! גאָט האָט זיך צו איהם בעוויזען אין אַ גליקליכער מינוט.

און נאָך איינער איז דאָרט אָנגעקומען, אַ פעלד־אייזען האָט ער געהאַט אין דער האַנד. די אָקסען, זאָגט ער, האָט ער אויפ'ן פעלד געלאָזט. און מיט דעם — זאָגט ער, ווייזענדיג אויפ'ן אייזען — וועט איהם ארם איינגעהמען.

איז זיין נביאות אויך זעהר שען געפעלען. און מען האָט איהם פאַרביינגעפיהרט פאַר'ן קעניגס טיש — האָט מען איהם אויך זעהר שען מיט'ן קאָפּ צוגעשאָקעלט.

האָט מען דאָרט אַלע נביאים — פיער הונדערט מאַן זענען זיי געווען — מיט הערנס, אַקערס און טעפּ — ארום טישען געזעצט, דאָס גאַנצע פאָלק האָט געקוקט אויף זיי, האָט זיך געפרעהט מיט זיי, האָבען געזאָגט איינער צום צווייטען:

— דאָס איז דיין שטאָלץ, ישראל, דאָס איז דיין שטאַרקהייט, יהודה.

און די קעניגען זענען דאָרט געזעסען, דער קעניג פון יהודה און דער קעניג פון ישראל מיט די קרוינען אויף די קעפּ, מיט די שווערדען אין די הענד און די גאָלדענע פאַנצערס (פון דוד פאַנצערס נאָך), אויף זייערע ברוסטען, און דאָס פאָלק, מאַן און ווייב און קינד, האָט געקוקט אויף זיי, געפרעהט זיך מיט זיי, געזאָגט איינער צום צווייטען:

— דאָס איז דיין רוהם, ישראל, דאָס איז דיין גרויסקייט, יהודה.

און די גבורים פון ישראל און די בחורים פון יהודה זענען דאָרט געווען אויסגעשטעלט, צוועלף טויזענד מאַן צו פוס און פיער טויזענד צו פערד. די פיילענבויגענס און די הענד, די פאַנצערס איבער די ברוסטען, מאַן אין מאַן, יעדער פון זיי האָט געקאָנט וואַרפען פון בויגען און הויבען דאָס שווערד. און די זעקס רייטוועגען, אַוועקגענומענע פון ארם, פאַר זיי אויסגעשטעלט, און דאָס פאָלק, מאַן, ווייב און קינד, האָט געקוקט אויף זיי און געפרעהט זיך מיט זיי:

— דאָס איז דיין מאַכט, ישראל, דאָס איז דיין שטאַרקהייט, יהודה.

און דער קעניג פון יהודה קוקט אויף די נביאים און ווענדט זיך אין דער שטיל צו זיין חבר, דעם מלך פון ישראל:

— הערר פון ישראל, דאס איז שוין אלע נביאים דא, וואס זיצען דא מיט אייך? קיינער ניט?

אחאב גיט א וואונק, עס דערנעהנטערט זיך א פעלד־מארשאל.

— אלע נביאים זענען דא, וואס געפינען זיך אין מיין מלוכה?

דער פעלדמארשאל קוקט זיך אום צום טיש פון די נביאים, ווי זיי זיצען אלע אויף זייערע בכבוד׳ע פלעצער, און זאגט:

— אלע נביאים, מלך, אחוץ דעם... דער, וואס...

— דער מיכיהו, א שלעכטער יונג, — זאגט דער קעניג פון ישראל.

— ביי נביאים קען מען דאס קיינמאל נישט וויסען, הוד מלכות, — זאגט דער מלך פון יהודה.

— אין דעם מלכ׳ס וועג געהט ער נישט, פון דעם מלכ׳ס טיש עסט ער נישט, א קריגערישער, מיט די נביאים רייסט ער זיך ארום. עס לוינט זיך נישט, מלך פון יהודה... עס לוינט זיך נישט, — זאגט דער מלך פון ישראל.

— ביי נביאים קאן מען עס קיינמאל נישט וויסען, הוד מלכות, — הזר׳ט איבער זיינע רייד דער מלך פון יהודה.

—שמעוני—גיט דער קעניג א וואונק אויף א הויף־נביא׳לע.

— וואס ווינשסט דו, זיעגער, פרעגט דער אהינגעאייל־טער נביא.

— דער מלך פון יהודה ווינשט אויך צו הערען די נביאות פון מיכיהו בן ילמה.

— ע, ע... — פערקרימט זיך שמעוני — א שלעכ־טער יונג. קיין גוט ווארט פון זיין מויל. שוין דרייסיג טעג נישט געוועזען ביים קעניגס טיש. זיינע ברידער די נביאים פער־שעמט ער, טראגט זיך ארום גאט ווייסט מיט וועמען, אין וועלדער, אין פעלדער, מיט ראבען, מיט חיות, גאט ווייסט מיט וועמען. (שטילער) קיין איין ווארט „שלום״ נישט געזאגט, נישט איבערן מלך, נישט איבער ישראל און איבער „איזבל״, דיין ווייב, גאט, פאטער!

— בײַ נביאים קאָן מען עס קײנמאָל נישט װיסען, האָר מלכות, — חור׳ט איבער דער מלך פון יהודה צום דריטען מאָל זײַנע רייד.

— זאָל מען איהם אויפזוכען! — בעפעהלט אחאב דער מלך פון ישראל.

זענען געגאַנגען נאָך איהם שמועני מיט צװײ דיענער. די װײַבער, װאָס זענען די לעצטע צײַט פון לאַנד אין שטאָדט געקומען, האָבען דערצעהלט, אַז בײַם שטאָדט־װאַלד, װאָס איז נאָכ׳ן באַרג, שטעהט אַ מענש, זײַן אויסזעהן איז װי פון די נביאים, אַ זײַדען העמדעל געהט ער אָנגעטהון, זײַנע האָהר זענען לאַנג געװאַקסען, ראָבען האַלט ער אין די הענד, אויפ׳ן קאָפּ, אויף זײַנע געלאָקטע האָהר איז אַש אַרויפגעשיט. און ער זאָגט צו די פאַרבײַגעהענדע: „געהט צו אחאב׳ן און זאָגט איהם — שיק נאָך די קעניגען פון יהודה און װאַרף מיט איהם גורל איבער ארם־דמשק. אויף גלײַך זאָלען זײ די חלקים צוטײלען, אײנער זאָל דעם צװײטען נישט נאַרען. און איך האָב דאָך שוין אָנגעזאָגט די הינד פון שמרון, אַז זײ זאָלען זײערע צינגער טריקענען, און זײערע נעזער אויסציהען צום שמעקען אחאב׳ס בלוט״.

האָבען זײ פערשטאַנען, אַז ער האַלט זיך אויף אין דעם װאַלד, זענען זײ אַהין געגאַנגען איהם דאָרט זוכען.

נאָך צװײ טעג זוכען האָבען זײ איהם געפונען. פערשטעקט איז ער געװען אין אַ פערװירטען געביש פון טרוקענע צװײַגען, האָט ער זיך דאָרט בײַ אַ קװאַל װאַסער אַ נעסט געפלאָכטען. אַ פערװילדערטער פײַגענבוים איז אויך דאָרט געװען, װאָס פון זײַנע פרוכטען האָט ער געגעסען. אויס טרוקענע הערבסט־בלעטער האָט ער זיך אַ געלעגער צװישען די בוימער אויסגעבעט און זיך דאָרט געװאוינט. אין שכנות מיט איהם, אין פערװיקעלטע צװײַגען פון אַ געזונדען דעמב, האָבען זיך ראָבען אַ נעסט געמאַכט. ער האָט זיך מיט זײַנע שכנים גאַנץ גוט פערהאַלטען, האָט זײ דיענסט געלײַסטעט. אויפ׳ן װינטער האָט ער זײ געהאָלפען זײערע נעסטען פערריכטען. די אויערליך זײערע האָט ער טיעפער אין שטרוי און בלעטער אײַנגע-

זעצט, און ווען די עלטערן זענען אוועק שפּיִיז זוכען, האָט ער די יונגע ראָבען אָבגעהיט. אין נאָהענטסטען פעלד געגאַנגען, שאַרנלעך געקליבען און זיי אין נעסט געבראַכט. און די ראָבען זענען שוין צו איהם געוואָרען אַזוי צוגעוועהנט, אַז זיי האָבען איהם פאַר אַ גאַנצען זייעריגען געהאַלטען, אראָבגעגעסען פון זיינע הענד, פון זיינע הענד די קעפּעלעך אויסגעשטרעקט צום וואַסער־קוואַל וואַסער טרינקען. אַזוי האָט פערגעסען דער געטליבער מאַן זיין ווירדע, און דאָס בכבוד'ע אָרט, וואָס ער פערנעהמט צווישען די נביאים פון ישראל און איז אומגעגאַנגען מיט נישט זיין גלייכען.

בעמערקען זיי איהם צווישען דעם צווייגען־געוועלב, וואו ער ליעגט אין זיין נעסט און שפּיעלט זיך מיט די יונגע ראָבען, וואָס די מוטערם האָבען זיי איהם אָנפערטרויט, בעטראַכטען זיי איהם אַ ביסעל צוערשט פון דער ווייטען, בעדויערן איהם און שאָקלען אויף איהם מיט די קעפּ. און שמעוני בערעכט זיך די הענד: „מיכיהו, מיכיהו, וואָס איז פון דיר געוואָרען?“ נאָר לאַנג צו בעדויערן איהם האָבען זיי, ליידער, קיין צייט נישט געהאַט, וואָרום דעם קעניגם געבאָט איז געווען איילינג.

רופען זיי איהם.

— מיכיהו, מיכיהו! ביסט גערופען געוואָרען צום קעניג.

פרעגט ער זיי אָב פון דער ווייטענם:

— וואָס איז היינט מעהר פון אַנ'אַנדערם מאָל?

— ישראל מיט יהודה האָבען שלום געמאַכט, און גענען בײדע אויף רמת־גלעד.

קלינגט אָב מיכיהו'ם קול צווישען די בוימער פון וואַלד:

— און וואָס ווילען זיי פון מיר?

— זיי ווילען הערען פון דיר גאָטס וואָרט.

האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז געגאַנגען מיט זיי.

זענען זיי אַרויסגעקומען אויפ'ן מלך־וועג, האָט די זון געשיינט צווישען די בלעטערדיגע צווייגען פון די בוימער, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען אויפ'ן וועג. און די ווייסע מויערן פון אַ חורבה, וואָס איז דאָרט געווען אויף אַ באַרג אין מיטען פעלד,

האָבען זיך אויך געשײַנט . נאָר די גרינגע פעלרער האָבען זיך געטונקעלט , וואָרום זיי האָבען ערשט אָנגעהויבען אויסצוציהען דאָס גרינס פון זיך , און דער קוואַל וואַסער , וואָס איז דאָרט געווען נעבען באַרג , האָט זיך אויך געטונקעלט . נור דאָ און דאָרט האָבען זיך איבער איהם די וואַסער־שפּיגלען געגלאַנצט געגענאיבער דער זון , וואָרום עס איז געווען אָנהויב פריהלינג , ערשט וואָס דער שניי איז צוגאַנגען . און זיי זענען געגאַנגען אויפ׳ן וועג און האָבען געשוויגען .

נור שמעוני האָט זיך איינינגע מאָל אָנגערופען :

— מיכיהו , מיכיהו ! און האָט זיך אַלץ נישט צוזאַמענגענומען איהם צו זאָגען .

און מיכיהו האָט דעם קאָפּ געבויגען צו דער ערד און געשוויגען .

און צום סוף האָט שמעוני געזאָגט :

— מיכיהו , זעה , דאָס גאַנצע פאָלק איז אין טויער און די קעניגען אין זייערע קרוינען . זאָג אַ גוט וואָרט .

מיכיהו האָט געשוויגען .

איין מינוט האָט זיך נאָך שמעוני איינגעהאַלטען .

— מיינסט , אַז שטענדיג מוז מען זיין אַ קרומער האָקען ? מיר זענען דאָך אַזעלכע נביאים , ווי דו . דאָס גאַנצע פאָלק אין טויער פרעגט צו גאָט , פאָרשט צו גאָט .

ער שווייגט .

— און אַ מלחמה־מצוה אויף ארם . גאָט האָט אַליין געהייסען , געווען ביי צדקיה בן כנענה , געווען ביי ימלה בן גדעון , ביי דעם , ביי יענעם , און אַלץ איז שוין גרייט ... די רייטוועגען געשפּאַנט , דאָס חיל גרייט , נור דו אַליין מוזט זאָגען : נישט , האַ ?

— פון וואַנען ווייסט דו , אַז איך וועל זאָגען נישט ? — רופט זיך אָב מיכיהו צום סוף .

— אַזוי , ווער אַ מענש , און לאָז איינמאָל נעהמען אַ סוף . געוויס זיך שוין אַרומגעקריגט , לאָז שוין זיין שלום .

און ער האָט זיך געריבען די הענד :

— אַ שען וועטער היינט , האַ ? און באַלד דערויף :

— ווייסט וואָס מאַך, דיר אַ ערדענעם טאָפּ און וואַרף איהם פאַר די מלכים אָן דער ערד און וויַיז זיי, אַזוי וועלען זיי צובּרעכען ארם, ווארום דאָס משל מיט די אײַזערנע הער־נער האָט שוין צדקיה געמאַכט.

און פאַר'ן אַרײַנקומען:

— מען דאַרף דאָך דיר אַ מלבוש שאַפען, אין אַזאַ הולך קאָנסט דו דאָך פאַר די מלכים נישט קומען.

אַזוי זענען זיי אין שטאָדט אַרײַנגעקומען.

האָט מען מיט'ן שופר געבּלאָזען און דאָס גאַנצע פאָלק איז אין שטאָדט־טויער צוזאַמענגעקומען. מען האָט די טראָהנען אויפ־געשטעלט, די מלכים אין זייערע קרוינען, אין זייער כלי־זיין פאַר'ן פאָלק געזעצט. די נביאים האָבען זיך פאַר די מלכים געשטעלט. און דאָס גנאַצע חיל האָט מען צוזאַמענגערופען און די פערד צו די רייַטוועגען געשפּאַנט. און די קעמלען מיט די מויל־טיערען און די אייזלען געלאָדען מיט רויב־זעק. און דוד'ס גאָלדענע פּאַנ־צערם האָבען זיך אין דער זון געלויכטען, און די שפּיזען־וואַרפּערס מיט די פײַלענבויגענס. די טראָמפּייטען שאַלען אין די זון אַרײַן. און די ווייַבער האָבען זייערע קינדער אויף די הענד גענומען און זענען זייערע מענער בּעגלייטען געגאַנגען אין דער מלחמה אַרײַן.

האָט מען מיכיהו בּן שמעוני פאַר די מלכים געפיהרט אין זײַן ווילדען וואַלד־קלייד. בּלעטער האָבען זיך נאָך אין זײַנע האָהר אויפ־געהאַלטען און זײַן בּאָרד איז פערוויִרט געוואָרען מיט די וואַלד־שטעכערס. און דאָס גאַנצע פאָלק האָט די קעפּ געהויבּען, געקוקט איינער איבּערן צווייטענס קאָפּ, איהם אָנגעקוקט, זײַן נביאות צו הערען.

און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געשוויגען, געהאָרכט אויף איהם.

זעה, דעם טאָפּ, וואָס שמעוני האָט געזאָגט, האַלט ער נישט אין זײַן האַנד.

און צדקיה בּן כנענה שטעלט זיך פאַר איהם מיט די אײַ־זערנע הערנער, וואָס ער האָט זיך געמאַכט, און קוקט איהם אָן.

און דער מלך יהושפט זאָגט צו איהם :

— ווי איז געווען גאָט'ס וואָרט צו דיר ?

— געה אויף צו יהושפט מלך יהודה און צו אחאב מלך ישראל , זיי זיצען אין דעם שטאָדט-טויער פון שמרון, און זאָג זיי : געהט אויף אויף רמת-גלעד . איך וועל ארם איבערגעבען אין זייערע הענד .

— שלום ! — האָט דאָס פאָלק אויסגעשריען אין איין קול .

און צדקיה קוקט איהם אָן פון דער הויך מיט דעם האָרן אין דער האַנד :

— העַ , נישט ליגען געזאָגט .

— ניין , נישט ליגען געזאָגט . דאָס קול איז געווען צו דיר — ווי עס איז געווען צו דיינע חברים — צו פערפיהרען דאָס פאָלק , וואָס שטעהט דאָ אַרום , ווי פערבלאָנזשעטע שעפעלעך אין פעלד איבער די בערג , וואָס האָבען קיין פאַסטוכער נישט .

— וואָס האָט ער געזאָגט ? — פרעגט דער מלך פון יהודה .

— און איך בעט מיך ביי מיין גאָט , פאַרוואָס פערפיהרסט דו זיינע פאַסטוכער , — און גאָט ענטפערט מיר : נישט זיי זענען די פאַסטוכער פון מיין פאָלק ! — שרייט אוים דער נביא, וויזענדיג אויף די מלכים .

— האָב איך דיר דען נישט באַלד געזאָגט , אַז מיט איהם איז נישט גוט צו האָבען צו טהון , אַז קיין איינציג גוט וואָרט וועט פון זיין מויל נישט אַרוים ?

— און איך זעה , ווי גאָט זיצט אויף זיין שטוהל , און די מלאכים אַרום לינקס און רעכטס , און מען פרעגט זיך : ווער וועט אַגריידען אחאב , אַז ער זאָל געהן אויף רמת-גלעד ? דער זאָגט אַזוי און יענער אַזוי . און עס געהט אַרוים דער שטן און זאָגט : איך וועל עס טהון ! און גאָט פרעגט איהם : מיט וואָס ? און ער ענטפערט איך וועל פאַלשע נביאות אין זייערע מיילער לעגען . איך וועל זיי צו אחאב שיקען מיט אייזערנע האָרנס , מיט אַקערס און שניידמעסערס . איך וועל זיי פאַלשע בילדער וויזען און וועל זיי פאַלשע ווערטער געבען . און גאָט זאָגט איהם : געה און טהו עס !

— הייסט עס , אַז דו ביסט דער אמת'ער , אַז דו האָסט

דאָס אַלץ געזעהן, געהערט און ווייסט, הא? נור מיר זענען פערפיהרטע נאראָנים פון שטן און דו ביזט פון גאָט? אוי, אוי, דו ליגנער, דו עוכר ישראל. טאָמער האָבען יודען שלום געמאַכט, קאָנסטו עס נישט ליידען, העט. טאָמער וועלען יודען רמת־גלער איינעהמען, ווילסט דו עס נישט, הע! — קוקט איהם אָן צדקיהו.

און אחאב גיט אַ וואונק צום שטאָדט־היטער וויַזט אויף מיכיהו'ן און זאָגט:

— נעהם דעם און האַלט איהם אין שטאָדט־גרוב, גיב איהם ברויט, גיב איהם וואַסער, ביז מיר וועלען בשלום אַהיים קומען.

און זיי האָבען איהם גענומען, די הענד געבונדען און אין שטאָדט־גרוב אַריינגעוואָרפען.

און די שופרות האָבען געבלאָזען און דאָס פאָלק האָט צו מלחמה אויסגעצויגען. אין די שטעדט זענען נור איבערגעבליבען אַלטע, ווייבער און קינדער, די שטאָדט צו היטען.

נאָך אַ פּאָר וואָכען זענען פון דער מלחמה די ערשטע אַנטלאָפענע אין שטאָדט אַריינגעקומען. בעהאַלטענערהייד האָבען זיי זיך אין שטאָדט אַריינגעחאַפּט, די זייערינגע אויפגעזוכט און אין די געצעלטען זיך בעהאַלטען. ערשט אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבען די שכנים זיך דערוואוסט פון זיי און זענען צולויפען געקומען אויספרעגען אויף די זייערינגע. וואָס אַ טאָג זענען אַלץ מעהר פון די מלחמה־אַנטלאָפענע אָנגעקומען. ערשט אין אַ שענעם טאָג יהושפט דער מלך פון יהודה אויף אַ צובראָכענעם רייטוואָגען מיט אַ רעשט פאָלק, אָהן מלחמה־כלי־זיין, אָהן פערד, זענען זיי שטילערהייד, ווי גנבים, אין שטאָדט אַריינגעקומען.

באַלד זענען די שטאָדט־ווייבער געקומען צו לויפען, די זייערינגע נישט דערזעהן, איז אַגרויס געוויין געוואָרען. און דאָס קול פון די אלמנות מיט די קינדער־יתומים האָט דאָס האַרץ געשניטען און צום הימעל אויפגעגאַנגען. אין די ווייבער, וואָס זייערע מענער האָבען זיך יאָ אומגעקעהרט, האָבען זייערע מענער אין די געצעלטען בעהאַלטען — וואָרום די שטאָדט איז פול געווען מיט אלמנות

און קיין מענער זענען נישט געווען. און די קינדער זענען נאך קליין געווען. האבען זיך אנגעכאפט זיבען ווייבער אין איין מאנס־פערזאן און האבען געזאגט: „אונזער ברויט וועלען מיר עסען, אונ־זער וואסער וועלען מיר טרינקען, אבי זאל נור דיין נאמען אויף אונז גערופען ווערען”.

און מיכיהו האט דערהערט אין דער גרוב דאס געוויין פון די ווייבער און די קינדער — האט ער זיך איבערן ראנד פון גרוב געוויזען און געשריען הויך צום קעניג:

— האב איך אייך דען נישט באלד געזאגט — פערפיהרט נישט דאס...

נור יהושפט דער מלך פון יהודה האט איהם נישט געלאזט ריידען און האט געזאגט צו יואש דעם מלך אחאב'ס זוהן, וועל־כענס פאטער איז אין דער מלחמה געבליבען: דעם לאז לויפען, — דאס איז א קרומער האקען.

האבען זיי מיכיהו'ן פון גרוב ארויסגעלאזט — האט ער זיך גענומען און איז צוריק אין וואלד געגאנגען צו זיינע שכנים די ראבען, וועלכע האבען נישט געוואוסט, וואו ער איז אהינגעקו־מען דורך די גאנצע צייט.

אין א קארנאוואל-נאכט

אין א קארנאוואל-נאכט.

ר׳ שמואל הורדעס האט בעגלייט די טאכטער ביז צו דער מחיר. ער האט געוואלט עפּעס זאגען, נאר דאס מיידעל האט שטיל אראב געהאלטען די אויגען צו דער ערד. און דער קנייטש, וואס האט זיך פערקרימט איבער איהר אויבערשטער ליפּ, האט אזוי געשוויגען, אז דער אלטער יוד האט, קוקענדיג אויף איהר, אראבגעשלונגען די ווערטער און זיך איינציגע מאל די ברייטע האנד איבער די באָרד אריבערגעצויגען און שווייגענדיג האט ער זיך איבער די שטוב ארויף און אראב געדרעהט.

אז דאס מיידעל מיט איהר ברודער, וועלכער האט זי בעגלייט מיט די לאמטער, האבען שוין געהאט די שטוב פערלאזט, האט זיך דער אלטער געטראכט: רבונו של עולם, לאז קומען פאר דיר די שאנד פון יונגע קינדער, וואס טראגען זי רוהיג איבער פאר דיין כבוד וועגען.

דאס מיידעל, וועלכעס האט אין איהר ארעם געהאלטען רויטען זיידען-שטאף און נאדלען און האקלען מיט זילבער-פעדים און גאלד-פעדים, האט שטיל נעבען איהר ברודער די שמאלע געסלעך פון דעם רוימער גהעטא דורכגעצויגען. עס איז געווען א ליכטיגע לבנה-נאכט, און די לאמטער, וואס דער ברודער האט געהאלטען אין האנד, איז מעהר געווען לכבוד איהר, — וויל א כלה-מיידעל טאר נישט אליין געהן ביינאכט, און עס הייסט: זעהט, א כלה-מיידעל געהט, — איידער דעם וועג צו בעלייכטען, וועלכער איז גענוג העל געווען פון לבנה-ליכט און לאמטערן-שטראהלען, וואס האבען ארויסגעשיינט פון די הייזער. שטיל זע-

נען זײַ בײדע פאַרבײַגעגאַנגען די אַקטאַוויאַ=אַלעע, אין וועלכער די אַלטע רוימער האָבען טיטוס'ן מקבל פּנים געווען נאָך זײַן ירושלים=נצחון, און פון וועלכער עס האָט יעצט אַרויסגעשײַנט אַ שטאָהלענער קרייץ מיט די העברעאישע ווערטער: „האַרטנעקיג פאָלק וואָס דו טהוסט אָבקעהרען דײַן רוקען פון גטאָס וואָרט".

חאָטש זײ האָבען שוין אַזוי פיעל מאָל די העברעאישע ווערטער אַראָבגעלעזען פון דער קירכע און זענען בײדע שוין נישט אײנמאָל געוואָרען אַרײַנגעשמיסען מיט דעם בײַטש פון די שומרים שבת נאָך מיטאָג צו הערען די דרשות פון די פּרעדיגער, דאָך האָבען, ווי אויף דעם ברודער, אַזוי אויך אויף דער שוועסטער, די העברעאישע ווערטער פון קרייץ אַראָב געמאַכט אַ מין ווילדען אײַנדרוק, און אַ טיעפער שרעק, אַ בעהאַלטענער שרעק איז זײ פלוצלונג בעפאַלען. שטיל=שווײַגענדיג זענען זײ בײדע געבען אײנ= אַנדער געגאַנגען, ביז זײ זענען אָנגעקומען פאַר ר' יוסף'ס הויז. דער ברודער האָט נישט געוואָלט מיט=אַרײַנגעהן; ער האָט גע= וואוסט, אַז דערינען געפינט זיך זײַן כלה, מיט וועלכער ער וואָלט זיך נישט געוואָלט טרעפען יעצט אין אַזאַ מינוט. האָט ער זיך אָבגעשײדט פון דער שוועסטער מיט אַ בלויז „גוטע=נאַכט" און אַזוי ווי זײ זענען שווײַגענדיג געגאַנגען, אַזוי האָבען זײ זיך שווײַגענדיג אָבגעשײדט.

בײַ ר' יוסף'ן אין דער גרעסטער שטוב זענען שוין געווען פערזאַמעלט די פאָרנעהמסטע יודישע טעכטער פון דער קהלה רוים, און בײַ דעם שײַן פון קלײנע אײל=לעמפּלעך האָבען זײ אויף טײַערען רויטען זײַדען=שטאָף מיט זילבער=פעדים און פּורפּור=פע= דים אויסגעהאָפטען דיוואַנען.

דעם מײדעלס אַרײַנקומען האָט ניט געמאַכט קײן אויפזעהען, ווי עס וואָלט אַנ'אַנדער מאָל דער פאַל געווען. זי האָט זיך נישט געוויטעוועט מיט איהרע חבר'טעס; זי האָט נאָר לײַכט מיט'ן קאָפּ געגריסט צו איהר ברודערס כלה, וואָס האָט איהר שוואַרצען יודיש=שפּאַנישען קאָפּ אויפגעהויבען בײַ איהר אַרײַנקומען. שווײַגענ= דיג האָט זי זיך, ווי איהרע חבר'טאָרינס, צו דער אַרבײט אַני= דערגעזעצט, האָט אַ קאָפּ פון אַ לײב, וועמעס פּוס איהרם אַ חבר'= טע האָט געהאַט, אָנגעהויבען אויסצונײהען. און שטיל איז געווען

ביים ארבייטען, ווי עס וואלטען דא נישט יונגע כלה-מיידלעך געזעסען מיט יונג בלוט אין די אדערן, און מיט יונג ווילען אין הארץ. נישט עס האט אפגעקלונגען דאס ריינע מיידעל-לאכען, וואס בעגלייט אזא ארבייט, ווען דאס כלה-מיידעל העפט אויס א טלית-בייטעל פאר איהר חתן און דאס לאכען מאכט די פארב העלער. עס איז גיכער גלייך געווען, ווי אלטע ווייבער וואלטען געזעסען אין א מגפה-נאכט און וואלטען זיך סובות אויפגענייהט — צו דעם קומענדיגען טויט.

ווארום דאס העפטען איז געווען אנ׳ארבייט פון אונטערטעניגקייט און שאנד. די יודישע כלה-מיידלעך האבען דיוואנען אויסגעהאפטען צו בעפוצען דעם טיטוס-בויגען, וואס מען האט געשטעלט לכבוד טיטוס, נאכדעם ווי ער איז פון דער ערעבערונג פון ירושלים צוריקגעקומען. איצטער בעפוצט מען דעם בויגען לכבוד דער פראצעסיע פון דעם „הייליגען פאטער“, וואס וועט מארגען, אין ערשטען טאג פון קארנאוואל, דורך דעם טיטוס-בויגען דורכגעהן, און מיט זיין פוס טרעטען אויפ׳ן קאפ פון עלטסטען רב, וואס וועט איהם א ספר-תורה דערלאנגען. און די מנורה מיט דעם שלחן-הזהב, וואס זענען אויסגעהאקט אין די ווענד פון דעם בויגען, וועלען ארויסקוקען פון די וואנען, וואס די יודישע טעכטער האבען אויסגעהאפטען, און וועלען אין דער שטיל, מיט א שטילער ווירדע, ווי עס פאסט פאר אזעלכע מיוחסים, ווי זיי זענען, איבערטראגען זייער צער.

אזוי זענען געזעסען די יודישע טעכטער און האבען, ניט מיט איין ווארט די טרויעריגע שטילקייט צו שטערען, געטהון זייער ארבייט.

אין דעם איז אריינגעקומען דער אויפזעהער פון דער מארגענדיגער צערעמאניע און, אהן א ווארט צו רעדען, איז ער צוגעגאנגען צו דער ארבייט, האט אנגענומען די שטיקער און בעקוקט זיי איינס נאכ׳ן אנדערן.

די פאטערס פון די מיידלעך האבען זיך אין דער טהיר געוויזען, נישט איבערצולאזען דעם גוי מיט יודישע טעכטער אליין, אזוי ווי דער דין איז. אריינצוגעהן האבען זיי דאך מורא געהאט, זיי זאלען דעם גוי נישט דערצערענען.

דער אויפוועהער האָט איין שטיק נאָך דעם אַנדערן אוים דער האַנד געוואָרפען און, נישט ווי עפּעס קענענדיג מעיז פּנים זיין די מיידלעך, וואָס, אין זייערע שוואַרצע זיידענע שטאָפּען־קליידער און די פּערלען געשמיקט, זענען עהגליך געווען צו געפאַנגענע פּרינצעסינס, האָט ער זיך צו די יודען געווענדעט אין דער טהיר :—יודען, גנבים! איהר ווילט אונז אָבגענאַרען מיט׳ן שטאָף און פּעדים!...

און אַרויסגעהענדיג האָט ער זיך צו זיי געווענדעט: — וועט איהר נישט מיט אַנדערע דיוואַנען דעם בוינען בעפּוצען, וועל איך לאָזען די פּרוכת׳ען פון אייערע שוהלען און די העמדלעך פון אייערע ספר־תורות אַראָבריישען און מיט זיי דעם בוינען אויספּוצען.

— וועה, דאָס שענסטע, דאָס בעסטע, — האָבען זיך טייל פון די יודען געפּרובט ביי איהם בעטען.

— ביז צום ערשטען קלאַנג פון דער פּעטערס־קירכע האָט איהר צייט!... — און איז אַרויס פון דער שטוב.

די מיידלעך האָבען זייער אַרבייט אָבגעהאַקט, און, האַלטענדיג די פּעדים אין די הענד, האָבען זיי טייל אויף דער ערד געקוקט, טייל צו די פאַטערס, טייל ווייט אין פענסטער אַריין, געשעמט זיך צו בעגעגענען מיט די בליקען. די פאַטערס אויף דער שוועל פון דער טהיר זענען אויך שווייגענדיג געבליבען, אַ מינוט נאָכגעדענקט. אַזוי האָבען אַלע געוואַרט אין שווייגען.

דער עלטסטער, דער בעל־הבית פון דער וואוינונג ר׳ יוסף, האָט זיך אָבגערופען:

— יודישע טעכטער, דער כבוד פון דער תורה איז יעצט אין אייערע הענד. טהוט ווי איהר פערשטעהט.

אַ מינוט האָבען נאָך די יודישע טעכטער געוואַרט.

באַלד דערויף, מיט רוהיגע טריט, אָהן אַ וואָרט צו רעדען, האָט זיך אויפגעהויבען דעם בעל־הבית׳ס טאָכטער, די כלה פון לאה׳ס ברודער, און איז אין איהר צימער אַריינגעגאַנגען, איהם קאַסטען אויפגעעפענט, אין וועלכען עס איז געלעגען איהר אויס־שטייער, און האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אַ שוואַרץ סאַמעט מענטעל, אויסגעהאַפטען מיט גאָלדענע פּעדים די כותל מערבי מיט די פיער טענען־בוימער. די בלעטער פון די טענען־בוימער זענען געווען אויס מאַטע זילבער־פּעדים, בעפּוצט אַרום מיט וויי־

טרויבען-בלעטער אויס דעמזעלבען מאטען שטאף, און דא און דארט זענען אויף די בלעטער געהאנגען טוי-טראפען, ארויפגעווארפען אויס א מאטען זילבער-טראץ. די ארבייט איז געווען זעהר קינצליך און איידעל אויסגעפיהרט. שוין דאס דריטע יאהר, זינט זי איז א כלה געווארען, העפט זי אויס פאר איהר חתן א טלית-בייטעלע, אין וועלכען מען וועט איהם דאס ערשטע מאל דעם טלית דערלאנגען צו דער חופה. אלע איהרע מיידעל-חלומות, אלע איהרע כלה-חלומות האט זי אריינגענייהט מיט די פעדים אין דעם זעקעל אריין. מיט איהר פרייד זענען די פארבען העלער געווארען. מיט איהר טרויער זענען די פארבען טונקעלער געווארען. און גארנישט צו רעדען, האט זי די חתן-מתנה, פון די כלה-הענד געהאפטען, אין שטוב אריינגעבראכט און שווייגענדיג אויף דעם טיש אנידערגעלעגט.

און יעדע כלה נאך איהר איז אהיימגעגאנגען און פון איהר קאסטען איהר חתנ'ס זאק, מצה-צוועל און חופה-טוך ארויסגענומען, אין שטוב צו ר' יוסף'ן געבראכט, און שווייגענדיג אויף דעם טיש אנידערגעלעגט.

און די יודישע כלה-מיידלעך האבען די טלית-זעק צוזאמענגענומען און פון דעם א גרויסען, גרויסען טעפיך געהאפטען צו בעפוצען דעם טיטוס-בויגען, וואס די אלטע רוימער האבען לכבוד הם אויפגעשטעלט, ווען ער איז קיין רוים צוריקגעקומען פון דעם נצחון איבער ירושלים.

II

אין דערזעלבער נאכט האבען זיך די שווערע טויערן פון דער הייליגער פעטרוס-קירכע אויפגעעפענט. און דער יוד פון דער שטאדט נצרת, וואס אין גליל, איז פון זיין קרייץ אראב און די מזרח-וואנד פון דער פעטרוס-קירכע פערלאזט. זיין וואונד אין דער זייט און זיין קערפער האט ער ארומגעהילט מיט יוספ'ס לייליך פון דער שטאדט ערימתא און האט אליין

איבער די גאַסען פון רוים געוואַנדעלט. קיין גלעקען פלעק אויף זיין רוקען, דעם צייכען פון זיינע ברידער, האָט ער נישט גע־טראָגען, און די שומרים האָבען איהם נישט אָבגעהאַלטען, האָטש די טויערן פון גהעטאָ זענען שוין לאַנג געווען פערקלאַפּט, און ער, אַלס יוד, האָט זיך נישט געטאָרט געפינען אויף יענער זייט גהעטאָ־טויער נאָך דעם לעצטען קלאַנג. רוים איז געווען בעשעפטיגט מיט מאַסקעס קלעפּען און קאָסטיומען זיך אויפנייהען צום מאָרגענדיגען קאַרנאַוואַל. די רוימער האָבען נישט געזעהען דעם מענשען־גאָט, וואָס האָט זייער הייליגע קירכע פערלאָזט, און צווישען זיי זיך אַרומגעדרעהט. עס האָט זיך זיין לייליך געבלייכט צווישען די הויכע ווענט, וואָס זענען אויפ׳ן פּעטרוס־פּלאַץ. אַליין איז ער איבער דעם אַלטען בית־המדרש פאַרבייגעגאַנגען, וואָס שטעהט געגענאיבער דעם קאָליזעאום. ער האָט געהערט די יודענס געוויין פון אינוועניג, ווי זיי בעטען, אַז גאָט זאָל זיי בייזשטעהן מאָרגען, ביי דעם ערשטען קאַרנאַוואַל־זונטאַג, נישט פערשעמען, אַז זיי זאָלען נישט פיעל חרפּות אַריבערטראָגען, און אַז דער הייליגער פאָטער, ווען ער וועט זיין פּוס אויפ׳ן קאָפּ פונ׳ם אַלטען רב טרעטען, זאָל די ספר־תורה, וואָס מען וועט איהם דערגרייכען, נישט צו דר׳ערד וואַרפען. ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם קאָליזעאום. די לבנה אַליין האָט אין דעם גרויסען שרעקליכען מויער אַרומגעשפּאַצירט, נישט צו קענען פון איהם אַרויסקומען. דעם יוד פון דער שטאָדט נצרת האָט זיך גערדאַלט נאָך צו פערנעהמען די רופען פון זיינע נאָמען פון זיינע ערשטע גלויביגע, וואָס האָבען, ראַנ־גלענדיג זיך מיט די חיות, איהם אויסגערופען ביי דעם לעצ־טען זיפץ.

דער מענשען־גאָט איז דורכגעגאַנגען דעם „אויגוסט־טויער", וואָס שטעהט ביי דעם אַריינגאַנג פון דער שטאָדט רוים. אין נאַכט געהילט, האָט ער דאָרט געטראָפען משיח׳ן זיצען אויף אַ שטיין און אָנגעבונדען צו דער וואַנד ביי בײדע פיס מיט צוויי שוואַרצע שווערע קייטען. אין האַנד האַלט ער דעם שופר, דאָס קריגעל אייל שטעהט ביי איהם, און ער וואַרט אויף גאָטס וואָרט, ער זאָל איהם הייסען צו בעפרייאונג בלאָזען. די אויגען איינגע־

גראָבען אין דר'ערד, און דער שטאָלצער, הויכער, שטאָהלענער שטערן — ווי אַ שילד געגענאיבער די שרעקליכע לאנגע „פּיִאַ אַפּיִאַ". דער מענשען־גאָט האָט זיך צו משיח'ן געווענדעט און האָט געזאָגט אַזוי:

— משיח, איך בין צו דיר געקומען. זיי מיר מוחל איבער אַלעם, וואָס זיי טהוען אין מיין נאָמען.

משיח האָט דעם קאָפּ געבויגען צו דר'ערד און געשוויגען.

— ציִ בין איך דען נישט צו אייך געקומען? ציִ האָב איך דען אייך נישט ווי אַ הוהן, וואָס נעהמט איהרע יונגע הינדערלעך אונטער איהר פליגעל אַרונטער, — נישט געוואָלט אַרונטערנעהמען? ציִ האָב איך דען פאַר אייך, פאַר אייך מיין בלוט נישט פערגאָסען אין מיין מאַמעס אויגען? צו וועמען בין איך דען געגאַנגען? אין אונזערע בתי־מדרשים האָב איך מיך דען נישט געפונען? אין די שוהל־הויפען האָב איך מיך דען נישט אויפגעהאַלטען? און צווישען אונז און פאַר אונז מיין וואָרט פערשפּרייט? און ווי פון אַ אָבקרעציגען האָט איהר זיך פון מיר אָבגעשיידט. און יעצט זענען פרעמדע געקומען, דאָס ליילּיך האָבען זיי פון מיין לייב געריסען און אויף פעהנער עס צושניטען. די פעהנער האָבען זיי אין מיין בלוט געטונקט, און מיט זיי ציהען זיי אויס — טרעהרען און צער צווישען מיינע ברידער צו פערברייטען אין מיין נאָמען אויף זייערע ליפען. מיין וואָרט צו שלום האָבען זיי צו מלחמה פערדרעהט, מיין וואָרט צו סליחה האָבען זיי צו נקמה פערקעהרט. די בחורים פון מיין פאָלק האָבען זיי צו זייערע וועגען געשפּאַנט. און די כלות — מיינע שוועסטערס — מיט שאַנד און שפּאָט האָבען זיי זייערע אויגען צו דער ערד געדריקט.

משיח האָט דעם קאָפּ געבויגען צו דער ערד און געשוויגען.

— און אויף מיין שטוהל האָבען זיי זיך געזעצט צו פרעסען און צו זויפען און צו רעגירען איבער דער וועלט. זעה, זיי זאָגען ווערטער אין מיין נאָמען, וואָס איך האָב זיי נישט געזאָגט, דעם טרויעריגען געמיט האָבען זיי נישט געטרייסט, די טרעהרען פון אונגליקליכען האָבען זיי נישט געווישט. דעם אונטערדריקטען טהוען זיי נאָך מעהר אונטערדריקען, און דעם ערהויבענעם טהוען זיי חנפ'ענען. אָ, איהר פרעמדע, ווער האָט אייך דאָס רעכט

געגעבען, איהר זאָלט משפּט'ן צווישען א ברודער און א ברודער? מיין וועהטאָג טהוט איהר דאָך נישט פיהלען, און מיין צער טהוט איהר דאָך נישט פערשטעהן.

משיח האָט דעם קאָפּ געבויגען צו דער ערד און געשוויגען.

— דאָ ביי דיר וויל איך זיצען, מיינע הענד, ווי דיינע, לאָזען זיי צו די מויערן קייטען. מיינע אויגען, ווי דיינע, וועל איך אין דער ערד איינגראָבען. און מיט מיינע ברידער אינאיינעם, און מיט מיינע שוועסטער אינאיינעם — שאַנד און שפּאָט אַריבער־טראָגען, וואָרום דערוויידער איז מיר זייער לויב און געזאַנג. וואָ־רום צו מיין האָליץ טהוען זיי זיך בוקען, און מיין וואָרט האָבען זיי געטהון פערגעסען. דאָ מיט דיר וויל איך וואַרטען, ביז עס וועט קומען דער טאָג פון גאָט, און דו וועסט מיט דיין שופר בלאָזען, צו פערזאַמלען די פעלקער הינטער דיין בארג. און — ווי דער געטרייער שעפער זיין שאָף, אין טאָג פון היץ און וואַרימ־קייט, זאַמעלט פון וואַסער אויף — וועל איך מיין סטאַדע צוזאַ־מענעהמען און וועל גאַנץ מאַכען דאָס, וואָס דער לייב האָט פערצוקט, און וואַרימען דאָס, וואָס דער ווינטער האָט פערקיהלט, און היילען דאָס, וואָס די הינד האָבען צובּיסען. און ווישען וועל איך די טרעהרען פון אונגליקליכען, און הויבען דעם צובראָכענעם געמיט, וואָרום דענסטמאָל וועל איך זיין מיט זיי און מיינע ווער־טער וועלען לעבען אין זיי.

III *).

. . . עס איז געקומען די צייט פון „לויפען". די ענגע קאָרסאָ, וואָס שטעהט מיט איהרע אַלטע בעלי־בתים — די ערנסטע הייזער — פון דור־דורות, איז געוואָרען איינגעטונקען

---

*) די לעגענדע פון דעם קאַפּיטעל איז אויך בענוצט געוואָרען פון זאַנגוויל'ן אין איינער פון זיינע ערצעהלונגען.

אין אַ ים פון פּערסישע היט און טערקישע מיצען. געפּאַקט זענען געווען די באַלקאָנען מיט די פאָרנעהמסטע סיניאָרעס און סיניאָרען, וועלכע, אין ווילדע מאַסקעס און אויסגעלאַסענע קאָסטיומען, האָבען זיך מיט גרויס נייגיריגקייט צוגעקוקט צו דעם „לויפען". פון יעדען פענסטער און באַלקאָן, וואו די רוימער־געזעלשאַפט איז געווען פערזאַמעלט, פון אַרקאַדאַ מיציאַנא איבער דער גאַנצע קאָרסאָ, ביז צו דער קירכע סאַן־מאַרקאָ, האָבען אַראָבגעהאַנגען ברייטע פערשידען־קאָלירטע טעפּיך־בענדער, קראַנצען בלומען, און זענען אַרויפגעפאַלען אויף די מאַסע קעפּ פון דער אָנגעפילטער קאָרסאָ. מיט שווערליכקייט האָבען די אויפזעהער פון דעם קאַרנאַוואַל, וואָס זענען געווען אָנגעטהון אין רויטע, ווילד־אינדישע פעדערן־היט, מיט נאַקעטע פיס, געקענט פלאַץ מאַכען צווישען די מאַסקעס פאַר די לויפערס. און איבער דער קאָרסאָ, איבער דעמזעלבען אָרט, וואו עס זענען אַמאָל, פאַר דער קריסטען־צייט, די שענסטע און פאָרנעהמסטע יונגלינגען פון רוים נאַקעטערהייד געלאָפען פאַר ווילדקייט און פרייקייט פון מעטע צו מעטע, און די שענסטע יונגפרויען פון רוים האָבען זיך זיי אין די אָרעמס געוואָרפען און געשטערט זיי, — זענען היינט, — פאַר די אויגען פון דעם הייליגען „פאַטער", וועלכער איז געזעסען אין פענסטער פון דער מעטא, אין סאַן־מאַרקאָ'ס קירכע, — געלויפען אַלטע גרייז־גרויע יודען, געיאָגט פון קאַרנאַוואַל־זעלנער אויף פערד און אונטערגעשמיסען מיט ריטער. די יודען, וואָס זענען נאַקעט געווען, נור בלויז אויף זיך לייכטע העמדער געהאַט, האָבען, מיט זייערע אויסגעקרימטע פיס און פולע בייכער (ווייל מען האָט זיי פיעל צו עסען געגעבען פאַר'ן לויפען), דאָס ווילדסטע געלעכטער אַרויסגערופען ביי די רוימער. געהעצט און געיאָגט פון די מאַסען, זענען די אַלטע יודען געלאָפען. וועלענדיג פערדעקען זייער טיילס־נאַקעט לייב, שעמענדיג זיך פאַר די פרויען, זענען זיי געפאַלען און זייערע קרומע בעוועגונגען האָבען אַרויסגערופען דאָס ווילדסטע לאַכען און די רוישענדע העצערייען ביי דעם אויפגערודערטען עולם. פון די פענסטער האָט מען זיי אַראָבגעוואָרפען געשרייען און צורופען. די מאַסע האָט

זיי נאָכגעיאָגט מיט האַנד־פאָכערען און רוישענדען געלעכטער, און די אַלטע יודען, געיאָגט פון די שמיץ פון די קאַרנאַוואַל־וועכטער אויף די פערד, גערייצט פון דעם ווילד געוואָרענעם עולם, פערטויבט פון רוישענדען לאַכען און געוואַלדען, זענען ווי משוגענע געלאָפען. געלאָפען ווי אויס אַ שרפה, נישט ווי־סענדיג פון וואַנען און וואוהין, געלאָפען ווי צומישטע; בעגלייט מיט שפּאַס און שמיץ, זענען זיי ווי אויס זיך אַליין געלאָפען; געלאָפען ווי אין אַ חלום, נישט געזעהען קיין מענש און הויז, נאָר שדים, און רוחות, און לאַכען און שמיץ, ביז זיי זענען צו די מעטאַ פאַר דער סאַן־מאַרקאָ אָנגעקומען... נאָך רוישט די צוהיצטע מאַסע, נאָך רופען זי זיי מיט לויטען לאַכען, און נאָך פאָכערען די טיכער פון די באַלקאָנען געגען דעם ערשטען, וואָס איז צו צו דער מעטאַ. — נור פּלוצלונג, זעהט: די היט אַראָב! דער עולם פאַלט מיט די פּנים'ער צו דר'ערד, און אַ שרעקענדיג שטיל־שווייגען רוהט איבער די ליגענדע אַקסלען און די איינגעגראָבענע פּנים'ער אין דר'ערד. דאָ און דאָרט פערהאַ־קען זיך די פענסטער, די סיניאָרעס און די סיניאָרען אויף די באַלקאָנען פאַלען אויף די קניה, בייגען די קעפּ; און די גאַנ־צע קאָרסאָ — ווי איין שטראָם ליגענדע קעפּ — און די שטיל־קייט, און דער שרעק רוהט איבער זיי.

ער, דער מענשען־גאָט, איז געווען צווישען די „לויפערס", זייער גאָט האָבען זיי געשמיסען, זייער גאָט האָבען זיי געיאָגט. מיט זיין בלייך פּנים האָט ער זיך אומגעדרעהט פון דער סאַן־מאַרקאָ־וואַנד. מיט יוספ'ס לייליך פון דער שטאָדט עריטמתא האָט ער זיינע נאַקעטע פים צוגעדעקט, און הויך האָט ער אויפגעהויבען דעם קרייץ איבער די ליגענדע קעפּ און איז אַדורכגעגאַנגען דורך זיי...

IV

דער לעצטער פון די פינף האָט אין אַ פענסטער אַריינגעקלאַפּט :

— מענשען! אונזערע ליגען געשאַכטען אין מיטען מאַרק.... מען לויפט מיר נאָך... לאָזט זיך פערשטעקען...

פערשלאָסען איז געווען דעם ברודערס האַרץ ווי די טהיר פונ׳ם הייזעל.

און עס האָט געבלישטשעט... און אַ יונגלינג־בלוט האָט אַ טויטעם שטאָהל אין אַ לעבעדיגער האַנד געוואַרימט....

און די זון האָט זיך אין אַ בלאָהען, טונקעלען וואָלקען געהילט, איהר ליכט האָט זיך דאָ און דאָרט פון די וואָלקען־ריס געגאָסען און בעקושט וואַסער, פעלד, הויז און בוים מיט הימעל־ליכט. נאָר באַלד האָט דער וואָלקען זיינע ריס בעהאָפטען און נאַכט איז געוואָרען וואַסער, פעלד, הויז און בוים. נאַכט איז געוואָרען איבער דעם טראַיאַנאָווער הימעל און איבער די טראַיאַנאָווער ערד. די זעה, שוואַרצע האַנד, וואָס ציהט שוואַרצע שלייערן פון אַלע עקען פון דער וועלט, און וואַרפט זיי איינם אין אַנדערן אַריין, און שלעפּט זיי איבער טראַיאַנאָוו אַרום. שוואַרץ און נאַכט איז איבער טראַיאַנאַוו; שוואַרץ און נאַכט איז איבער די הייזלעך, וואָס שטעהען, טהיר און לאָדען פערהאַקט, פון פאַר זונען־אונטערגאַנג ביז נאָך זיין אויפגאַנג, און דער טויט וואוינט אין זיי. לעבעדיגער טויט און טויטעם לעבען. און דער מלאך־המות האָט זיין מאַנטעל פערשפּרייט איבער זיי. שטעהען זיי, די הייזלעך, ווי נאָך ודוי אָבגעזאָגט, אָנגעגרייט צו אַלעם. נור פון איין זייט זעהט מען נאָך אַ רויטען ווייטען שטראַנד איבערן הימעל אויף מערב־זייט, ווי אַ ראַנד פון אַ רויטען ווייסען פּייערדיגען ברעג אויף אַ

שוואַרצען ים. און פון איין עק נאַכט שטראַהלען אַרוים פראַנק און פריי אין די נאַכט אַריין ליכטיגע שטראַהלען פון אַ ברענענדען לאָמפּ און בויערן דורך מיט שרעק די טויט־נאַכט איבער דער שטאָדט. און פון דאָרט הערט מען אַ וויַיט־וויַיט שפּיעלען פון אַ האַרמאָניקע, נאָר די ליכטיגע שטראַהלען פון די פענסטער און די קלאַנגען פון דער האַרמאָניקע שרעקען מעהר ווי די שוואַרצע טויט־נאַכט, וואָס איז אויסגעשפּרייט...

און אין פּנים אַריין פון שוואַרצען הימעל טראָגט די טראָיאַנאָווער ערד אויף זיך, אין מיטען פון איהר שענסטען פּלאַץ פון איהר מאַרק, איבערגעגעבען הפקר דער נאַכט און דעם שוואַרצען שלייער, פיער טויטע לייכען אין ברודיגע וואַכענדיגע אַנגעטועכם. און איינער ליעגט, אין זיין שוואַרץ בלוט געגליווערט, פאַר אַ פערמאַכטער טהיר, הינטער דעם טראָיאַנאָווער שוואַרצען נאַכט־הימעל.

און זעה: ווער איז דאָס? פון וואַנען קומט דאָס, די וואָס געהט אַרוים פון דער נאַכט און פון דעם שוואַרצען, אין איהרע ווייסע תכריכים, אין איהר הויב אויפ׳ן קאָפּ, און איהרע שבת־אויערינגלעך אין איהרע אויערן? און הויך איז זי ווי אַ קעניגין און געהט, ווי אַ משוגענע מאַמע וואָלט זי געווען, און טראָגט עפּעס אין איהר בריַיטער שירץ און ציהט עפּעס פון איהר בריַיטער שירץ אַרוים. זעה: שטיקער צוריסענע ספר־תורות, שטיקער צוריסענע טלתים, שטיקער צוריסענע פּרוכת׳ער, און נייהט, נייהט אַ לאַנגע, לאַנגע פּלאַכטע, און רעדט שטיל און שמייכלענדיג צו זיך.

... מיַינע קינדער האָבען זיי מיר געטויט, האָבען זייערע לייבער אין די גאַסען געוואָרפען. כ׳האָב מורא, די פויגעל זאָלען מיר זיי נישט אויפעסען, מיה איך מיר! לייליכער נייהען... גיט מיר שטיקער ספרי־תורות. גיט מיר צוריסענע פּרוכת׳ער, גיט מיר טלתים, גיט מיר... גיט מיר... איך מוז דאָך מיר לייליכער נייהען, לייליכער נייהען... מיַינע קינדערס לייבער צודעקען. כ׳האָב דאָך מורא, פויגעל זאָלען זיי נישט אויפעסען...

ציַ איז זי נישט די, וואָס שטעהט אַליין אויפ׳ן וועג קיין

בית-לחם, איהרע אייגענע האבען זיך אין דער מערת המכפלה בעהאלטען, איהר מאן מיט איהר שוועסטער... האבען זי אליין אויפ'ן וועג איבערגעלאזט, אז זי זאל די קינדער היטען. שטעהט זי יעדע נאכט אויף און קוקט דורך די פענסטער, דורך די לאדען אריין, אבער איהרע קינדער טהוען שלאפען.

איז זי זיך אליין פון וועג, וואס פיהרט קיין בית-לחם אנגעקומען, פלאכטעס נייהט זי זיך, — איהרע קינדערס לייבער צו פערדעקען.

און ווער איז די, וואס געהט איהר נאך, א טריט נאך א טריט? יונג איז זי, ווי איהרס א טאכטער. זעה, זי שטרעקט נאך איהר איהרע הענד אויס, און בעט זיך בײַ איהר: — לאז מיך, מאמעשי, לאז מיך דיר העלפען די פלאכטעס נייהען... מיין קינד האב איך פאר זײַ צום קרבן געבראכט... איך האב געזעהען ווי דאס בלוט רינט פון די לעכער פון זיינע הענד, פון די לעכער פון זיינע פיס, ווי זײַ האבען איהם מיט די נעגעל אין האלץ געקלאפט, און זיין רוקען ברעכט זיך הינטער איהם. און ווי ער האלט די אויגען צום הימעל געווענדיט און בעט מיט די ליפען: „וואסער". זײַ האבען איהם א שוואם אין עסיג דערלאנגט, איך האב נישט געוויינט, מאמעשי! פון דיר האב איך מיך געלערנט. פרעהליך בין איך געוועזן, מאמע, איך האב די טרעהרען אין מיר געשלונגען און פרעהליך בין איך געוועזן. איך האב מיך געפרעהט, מאמעשי, אז איך ברענג מיין קינד א קרבן פאר זײַ, א קרבן ברענג איך איהם צו גאט, פאר די וועלט, פאר זײַ, פאר זייערע זינד, פאר זייערע זינד... זעה, יעצט האבען זײַ מיין קינדס בלוט גענומען, און צום געלעכטער די מענשען דערמיט די פנים'ער פערשמירט... אין מיין קינדס נאמען האבען זײַ מיינע ברידער געשאכטען. עס זענען מיינע מתים... מיינע הרוגים... מיינע קינדער האבען דאס געטהון, אין מיין קינדס נאמען... לאז מיך דיר העלפען פלאכטעס נייהען... מיינע מתים פערדעקען, אז די פויגעל פון הימעל זאלען זייערע לייבער נישט עסען... לאז מיך דיר העלפען, די פלאכטעס נייהען...

און די מאמע רחל מיט איהר טאכטער מרים האבען זיך

אין מיטען מאַרק געזעצט, אין נאַכט און שוואַרצען געהילט, האָבען פלאַכטעם גענייהט, פון צוריסענע ספר־תורות פלאַכטעם גענייהט, פון צוריסענע טלתים, פון צוריסענע פרוכת'ער, וואָס די מאַמע רחל האָט זיי אין איהר שירץ אויפגעקליבען, — און די טויטע לייבער פון איהרע זיהן פערדעקט, פערשטעלט פון פאַר די פייגעל פון הימעל, און ווייט אויסגעצויגען די פלאַכטעם, ווייט אויך צו פערדעקען דעם איינעם זוהן, וואָס איז געלעגען פאַר דעם פערשלאָסענעם טויער, פאַר'ן הייזעל.

ערד.

ערד.

דאָס שטיק ערד, פון וועלכען איך וויל ערצעהלען, איז געלעגען אויסגעצויגען אויף יענער זייט דאָמבראָווער גרויסע וועלדער בּיים בּרעג פון דער ווייקסעל. די הויכע סאָסנעס, וואָס זענען געשטאַנען ווי אַלטע גרויסע מלכים, מיט זייערע קרוינען אויף די קעפּ, און האָבּען מיט זייער הויך איבּערגעשטיגען איינער די צווייטע אין ווייטען, ווייטען וואַלד אַריין, האָבּען פון דער ערד דורך דורות דורות אויסגעטרונקען איהר פעטקייט און פייכטקייט און זי איבּערגעלאָזט טרוקען און זאַמדיג ווי אַ סוחאָטניטשע אויסגעזויגענע בּרוסט פון אַ דאַרער מוטער, און זי האָט זיך אויסגעצויגען מיט איהר טונקעלן טרוקענעם זאַמד־רוקען, הינטער דעם העלען לויכטענדען הימעל, וואָס האָט יעצט אין פריהלינג־צייט בּענאָסען אַלעס אַרום מיט לייכטענדע יונגע שטראַהלען. די יונגע שטראַהלען האָבּען ערפילט דעם שטח מיט אַ לעבּענס־לופט, וואָס האָט געוועקט צו שאַפען, נור די לייכטענדע, פול מיט קראַפט אָנגעטרונקענע שטראַהלען האָבּען ווי יונגע חתנים־בּחורים איבּערגעלויכטען זיך איבּער די ערד, און האָבּען נישט געפונען קיין כלה צו דער חתונה. בּחנם האָבּען זיי געוועקט פון דער ערד דאָס פערבּלאָנזשעטע קערנדעל, וואָס דער ווינד האָט עס אַהער געבּרענגט פון פעטע פעלדער; די ערד האָט קיין גרינס נישט אַרויסגעצויגען, און האָט זיך שוין יאָ דאָ און דאָרט דורך דעם זאַמד גרינע קנאָספּען־שפּראָצעכץ געוויזען, איז עס פריהצייטיג פון זאַמד און שטויבּ פערטריקענט און אויפגעגעסען געוואָרען. און דאָס גאַנצע שטיק לאַנד אויסגעצויגען אַרום בּרעג פון ווייקסעל איז געווען ווי אַ אונגוצליכע שמאַטע, וואָס איז געוואָרען אַרויסגעוואָרפען פון דעם

הויכען רוישענדען וואלד, פערשעמט פון גאט און לייט.

זי האט נישט צוריקגעגעבען דעם פויער, איהר בעל־הבית, רי מאס ווייצען, וואס ער האט בעדארפט ארויסנעהמען פון איהר, זיין ארבייט און די קערענדליך, וואס ער האט אין איהר אריינגעלעגט, — האט ער זי בעשטימט פאר דעם ארימען קארטאפעל און פאר'ן ארימען ברויט, וואס זי האט איהם אבגעגעבען צוריק פאר זיין פראצע מיט זעהר א קארגער האנד. טאקי דער שטרוי איז געוועזען קליין און שיטער, און די קערענדליך אזוי מאגער דאר, אז עס האט נישט געלוינט זיי פון די פלעווע ארויסצוהאקען — נור דאך איז עס געוועזען גאטס ערד, און זי צו פערשעמען, איבערצולאזען נישט בעארבייט — וואלט געוועזען א זינד פאר גאט.

איז ער ארים געוועזען, דער פויער פון דער ערד און האט איבערגעטראגען זיין ארימקייט מיט אונטערטעניגקייט און געדולד. זיינע קינדער ווי זיינע פיה האבען זיך איהם נישט געהאוועט, זיי זענען איהם געבוירען געווארען ווי די ערד, סוחאטניטשעס, אדער זיי זענען פריהצייטיג געשטארבען, צי פאר הונגער און דחקות, צי איבער די קללה, וואס דאס שטיק לאנד איז עפעס איבער א פערבארגענע געהיימניספולע זינד געווארען פערשאלטען, ווי די פויערים האבען געגלויבט, — נור אפילו די וואס זענען יא געבליבען ביים לעבען, און ווי דארט זיך געקענט דורכשטופען און דערוואקסען, האט די סוחאטנישע ערד אויך נישט געקענט מפרנס זיין און ערהאלטען. דאס פיה ווי די מענשען, חאטש זיי זענען קליין־וויקסיג געוועזען, האבען זיי איהר געמוזט פערלאזען אין דער יוגענד און פיהרען זייערע הענד אויף אנדערע פעלדער, צו פרעמדע פעלקער, איבער די דייטשע גרעניץ, אדער אויף יענער זייט ים, אין ווייטען בראזיליען.

און געהאלטען האט זיך נור אויף איהר די פון איהרע קינדער, וועלכע האבען נישט געקלערט און נישט געוואוסט, אז עס איז ערגיץ אנדערש וואו דא אנדערע ערד, וועלכע בעצאהלט בעסער און רייכער פאר דער ארבייט און ווייצען, וואס מען לעגט אריין אין איהר. די פון איהרע קינדער, וועלכע זיי האט זיך געדאכט, אז זיי זענען בעשאפען געווארען פאר

איהר, אָנגעוואַקסען אין איהר, און אַריבערטראָגען מיט איהר צוזאַמען איהר אָרימקייט און טרוקענקייט.

האָבען זיי זיך געהאַלטען אָן איהר, און איהר צוריקגעגעבען די קראַפט און פראַצע, וואָס זיי האָבען גענומען פון איהר ביסעל בידנע חיונה, פון איהר לופט, פון איהרע אָרימע פרובלטען, און נאָך דער צייט פון זייערע יאָהרען זיך איינגעגראָבען אין איהר, און זייערע לייבער אויסגעמישט מיט איהר שטויב און זאַמד. און נישט איינמאָל האָט אַ פויער געפונען ביים אַקערן מיט'ן אייזען אין דער ערד דעם שייטעל פון זיין עלטער זיידע, וואָס זיין קערפער איז שוין לאַנג געוואָרען אַ חלק פון דער ערד.

אויף אַ שיידען-וועג אין אַ ווינקעל פון דעם שטיק לאַנד, איז געשטאַנען אַ אַלטער, האַלב-איינגעזונקענער צלם. דער צלם מיט דעם קריסטוס, וואָס איז געווען אויף איהם, האָבען פערשפרייט זייערע אַלטע מיט מעך בעוואַקסענע הענד איבער די צוויי זייטען וועג און האָבען געזאָלט, אַזוי ווי מען האָט אויף זיי אָנגעשריבען, אָבהיטען די געגענד פון הונגער, פייער און מלחמה. דער צלם מיט דעם קריסטוס-בילד, וואָס זיינע הענד און פיס זענען געווען צוגעשלאָגען צום קרייץ — זענען אַזוי אַלט געווען, אַזוי אָבגעלאָזען און מיט מעך בעוואַקסען, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען, אַזוי ווי דער אַלטער אויסגעלעכערטער און מיט דונערס דורכגעבּרענטער בוים, וואָס איז געשטאַנען הינטער זיי, — זענען זיי אויך אַרויסגעוואַקסען פון דער ערד, האָבען אַמאָל געבליהט, צווייגען און בלעטער געהאַט, נור פאַר אַלטקייט זענען זיי אַזוי אויסגעדאַרט און טונקעל געוואָרען, און מיט מעך בעוואַקסען און גייגען זיך צו דער ערד.

אויף יעדען מאַי-יום-טוב האָבען די קינדער פון דאָרף דעם צלם מיט בלימלעך בעפּוצט, ריכטיגע פעלד-בלימלעך, גאָטס אַרבייט, וואָס זיי האָבען ערשט פון בוימער אין פעלד אָבגעריסען, און פאַפּירענע, זייערע האַנד-אַרבייט. נור די בלימלעך האָבען זיך אויסגעמישט. מען האָט נישט געוואוסט, וועלכע

עס זענען פעלד און וועלכע עס זענען פאַפיר-בלימלעך. האָבען ליכטלעך געברענט פאַר דער הייליגער מאַמעס בילד, וואָס איז געווען אַרייַנגעוואַקסען אין בוים אַרייַן. האָבען דעם צלם מיט בוימעלעך וואַלד-קשאַקעס אַרומגעזעצט, מיט זאַמד אויסגעשיט און מיט אַ ווייַסען טישטוך פאַר דעם צלם אויסגעשטעלט, האָבען ווי קינדער זייער גאָטס שטיבעל, וואָס איז געשטאַנען אין מיטען וועג הינטערן פרייַען הימעל אָהן אַ דאַך, אָהן אַ וואַנד, אויסגעפוצט און אויסגעצירט, און גויעס האָבען זיך יעדען אויפדערנאַכט אין גענצען חודש מאַי הינטער דעם קרייַץ, צווישען די אַרייַנגעשטעלטע בוימעלעך אַרונטערגעקליבען און אַלע ווי מענער און ווייַבער ווי יונגלעך און מיידלעך, האָבען פון די ביכער מיט די ליכט בעלויכטען הייליגע לידער אין די נאַכט אַרייַן געזונגען.

אין איינער פון אַזעלכע מאַי-נעכט האָט זיך דאָס גויעס פון דעם דאָרף צונויפגענומען מיט די ליכטער און די געבעטביכער אין די הענד אַרום דעם קרייַץ און האָבען אָבגעריכט זייער מאַי-געבעט. די פויערים זענען זעהר בעטריבט געווען, עס איז שוין געווען אין שפּעטען מאַי, ווי אַנדערש וואו האָבען שוין געמוזט די פעלדער אין גאַנצען בעקליידט זייַן מיט גרינס, דער ווייץ און דער קאָרן האָט שוין בעדאַרפט אין דער הויך צו שטעהן און דאָ נאָכן אַקער'ן, אַזוי ווי דער ווינד האָט אָנגעטראָגען דעם שטויב, בעהויכט די ערד, אַזוי איז עס געווען איצט. טאַקי דאָ און דאָרט האָט זיך געגרינט קאָרן, די קאַרטאָפעל האָבען בלעטלעך אַרויסגעגעבען, עס וואָלט אפשר, דאָס הייַיאָהר בעסער געווען ווי אַנ'אַנדערס מאָל, נור וואָס קומט אַרויס — קייַן רעגען איז נישטאָ. די ערד איז טרוקען, צוזאַמענגעבאַקען פון דער זון, וואָס האָט שוין הייַיאָהר אין מיטען פריהלינג הייס געוואַרימט, דער ערד שפּאַלט זיך און דער שטויב לעגט זיך אויפ'ן גרינס. דער גלח אין די קירכע פון נאָהנטען שטעדטעל האָט שוין אייניגע געבעט אָבגעריכט אויף רעגען, נור דער רעגען ווייַזט זיך נישט. יעדען פאַרנאַכט קוקען די פויערים אויף די רויטאונטערגעהענדע זון, וואָס לאָזט זיך אין טיפען וואַלד אַרייַן, זוכען צייכען, אויב עס וועט מאָרגען זייַן רעגען — געפי-

נען אָבער קיינע נישט. די טעג זענען וואַרים, די נעכט זענען שוואַרץ, מיט שטערען איז דער הימעל בעדעקט, און די זון געהט יעדען טאָג גליהענד אונטער, בעלייכט דעם גאַנצען וואַלד, און די בוימער נייגען זייערע קעפּ צו דער רויטאונטערגעהענדער זון. האָט דאָס גויעס דאָסמאָל זייער געבעט אָבגעריכט מיט צוּבראָכענע הערצער, און זייערע שטימען זענען געווען זעהר ריהרענד. אין די ווייבערישע שטימען האָבען זיך טרעהרען געהערט, און די מענער־שטימען זענען געוועזען האַרט, רויה, נור דאָך האָט זיך אין זיי אַ קלאָגען געהערט. זיי האָבען זיך נישט געהאַלטען אין טאַקט, נישט מיטגעזונגען, נור האָבען געשריגען, רויה געשריגען די ווערטער אין די שטילע טונקעלע נאַכט אַריין, וואָס האָט אַרומגעהאָרכט, אַרום דעם גאַנצען, גאַנצען שטח. דער וואַלד איז שוואַרץ געווען און זיך איינגעהילט, געטוליעט זיך צו זיך, יעדער בוים איז געשטאַנען פאַר זיך, ווי אַליין אין זיין סוד בעהאַלטען און געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַ שוואַך אונהילפיג קינד, וואָס מען האָט עס אַנידערגעשטעלט און ווייסט נישט ווי צו דער מאַמען אַהיים צו געהן. נור די קעפּ אין דער הויך האָבען זיך אויסגעמישט, בעהאַלטען זיך אין איינעם און פערלוירען געוואָרען אין דער שוואַרצע נאַכט. שטיל איז געווען אַרום, נור אַ שטיל טיעף געראויש האָט זיך געהערט אין טיעפען וואַלד — ווי דאָס וואָלט אויסגעזאָגט פון דעם טיעפען שרעקליכען געהיימניס, וואָס טהוט זיך יעצט אין וואַלד אָב... דאָס שטילע געראויש האָט געוואָרפען אַ שרעק אויף די קינדער, וואָס דאָס גויעס האָט מיטגענומען צום צלם. די קינדער האָבען אַרומגעקניהט און זיך איינגעטוליעט צום צלם צו. צוערשט האָט זיך געהערט זייערע קינדער־שטימען מיטזינגען די ליעדער; דערנאָך, ווען די נאַכט איז שוואַרץ געוואָרען, דאָס ביסעל רויטליכקייט איז פערטרונקען געוואָרען אין טיעפען וואַלד, און פון וואַלד האָט זיך דערהערט דאָס שטילע געראויש — זענען זיי שטיל געוואָרען, נור ענגער נאָך צוגעטוליעט צום קרייץ צו... זייערע ליפּען האָבען אין דער שטיל געברומט „טאַטע אונזער"... דאָס ליכט, וואָס האָט זיך געברענט אַרום קרייץ, און די עלטערנס שטימען וואָס האָ־

בען יעצט שוין נישט מעהר געזונגען, נור געשריגען, הארץ־רייסענד געשריגען, קלאגענדיג זיך, קלאגענדיג זיך, קלאגענדיג זיך, האט אויף זיי אזא שרעק געווארפען, אז זיי זענען איינגעשלאפען, איינס צוגעטוליעט צום צווייטען, און מיט די הענד ארומגענומען דעם האלז פון קרייץ. די סוחאטנישע ערד, וואס האט זיך יעצט איינגענארעט, און איינגענארטשעט זיך אין די שווארצע נאכט אריין, איז געלעגען אויסגעצויגען ארום דעם שווארץ־געהילטען וואלד, ארום דעם טיעף אין סוד איינגעזונקענעם וואסער און האט זיך איינגעהארכט צו די געשרייען, און האט זיך צוגעקוקט צו די ליכטלעך, וועלכע לייכטען זיך פון קרייץ אהער, און צו די שווארצע שאטענס פון די פויערים, וועלכע ליעגען ארום דעם קרייץ, — איינגעהארכט און צוגעזעהן זיך אלץ און געוואוסט, אז איבער איהר זענען די געוואלדען, וואס רייסען זיך אזוי אין די נאכט אריין, און ווי א קאפריזע, שלעכטע מאמע איז זי געלעגען, „איך וועל נישט בעסער ווערען”.

נישט ווייט פון צלם, אבגערוקט פון די קינדער, אבגערוקט פון די פויערים, איז געלעגען אויף דער ערד איינגענארעט א מין בעשעפעניש וואס האט געמאכט דעם איינדרוק אין דער נאכט ווי א משוגענער הונד, וואס קוקט אוים אויף וועמען אנצופאלען און בייסען, — אזוי האט דאס בעשעפעניש אריינגעגלאצט אין די נאכט אריין, מיט זיינע צוויי שווארצע גלאנצענדע אויגען, וואס זענען געווען אונרוהיג, געווארפען זיך און געמיאוטשעט. עס האט געבילט, אונפערשטענדליכע געשרייען האט עס געשריגען, טיילמאל מיט געבייזער, ווי אויף די קופע מענשען געבילט, געוואלט אנפאלען אויף זיי, טהיילמאל פאר זיך אליין געשריען, בעקלאגענדיג זיך אויף עפעס... אדער איינגעטוליעט דעם קאפ צו דער ערד, און פאר דער ערד עפעס געקלאגט, געזאגט, געוואלט... טיילמאל האט עס זיך פון ארט דערהויבען, צוגעלאפען אויף אלע פיער, צום קרייץ צו, ווי געוואלט זיך אויף וועמען ווארפען, מיאוטשענדיג עפעס. נור באלד האט עס זיך ווייטער אנידערגעלעגט פון דערווייטען, געלעגט זיך אויף אלע פיער, צוגעקוקט זיך, דעם קאפ צו דער ערד צוגעבויגען און אנגעהויבען צו קלאגען מיט אזא אונמענש־

ליך קול, אז עס האט דאס הארץ געשניטען... די פויערים האבען דאס בעשעפעניש צוערשט נישט בעמערקט, דערנאך ווען דער אלטער מארטשין האט בעמערקט פון דערווייטענס זיינע גלאנצענדע אויגען, האט ער א מינוט אויפגעהערט צו זינגען, ארויסבויגענדיג דעם קאפ האט ער געזאגט צו אנטאן גראבאוו:

— אנטאניו, דיין אונגליק דערנעהנט זיך.

א מינוט האבען דאס גויעס אויפגעהערט צו זינגען, און געסטראשעט פון דערווייטענס דאס בעשעפעניש.

— א אנטלויף, א דערווייטער זיך, דו אונגליק, — און געצלמ'ט זיך איינציטיג פאר'ן הייליגען בילד: הייליגע פריילין, ערבארעם דיך.

אנטאן האט גענומען א וויטקע פון דער ערד, און פון דערווייטענס געשאקעלט דערמיט צום בעשעפעניש:

— צו דער סטאדאלע, צו דער סטאדאלע, דו פאקראקע!— די אנטיכנע, האט זיך דערווייל געצלמ'ט, און ווייזענדיג אויפ'ן בעשעפעניש האט זי זיך געבעטען פאר'ן הייליגען בילד, מיט טרעהרען אין די אויגען:

— הייליגע פריילין, ערבארעם דיך, און טרייב פון איהם ארויס דעם שלעכטען גייסט, און נעהם איהם צו דיר אין הימעל אריין; בעשיץ איהם אונטער דיינע לייכטענדע פליגעל, הייליגע, הייליגע פריילין, קריסטוס הער!

דאס בעשעפעניש איז אליין געלעגען אויף איין ארט, און צוגעהארכט זיך, ווי דאס גויעס שרייט אויף איהם. די קינדער האבען זיך אויף איין מינוט אויפגעהאפט, דערזעהן די גלאנצענדע אויגען, געשראקען, זיך און נעהנטער זיך צוגעטוליעט צו די עלטערן.

— דאס האט דיך דער טייוועל אהער געשיקט, אז דו זאלסט אונז אין אונזער בעטען שטערען,— האט א גוי זיך אנגערופען פון דער חברה.

באלד האט זיך אנטאן גענעהנטערט צו דעם בעשעפעניש, יאגענדיג איהם מיט דער צווייג, און דאס בעשעפעניש האט זיך אויפגעהאפט, אנטלאפען און פערלוירען געווארען אין די טונקעלע נאכט אריין.

באלד דערויף האבען די פויערים זייער תפלה געענדיגט

איבערגעלאָזט דעם קריסטוס אויפ'ן צלם מיט דעם ליכטעל, וואָס האָט געברענט פאַר איהם אין מיטען דער נאַכט, און זענען זיך ווי שאָטען צוגאַנגען.

אַנטאָן מיט דער אַנטאָניאָזענען אַהיים געקומען אין זייער שטיבעל אַריין, האָבען געוואָרפען אַ בליק אויף די קוה מיט'ן קאַלב, וואָס זענען געשטאַנען אין הויז און זייערע פּיסקער אין שטיבעל דורכ'ן ליימערל אַריינגעשטעקט. אַנטאָן איז אַרויסגעגאַנגען די לאָדען צומאַכען, די אַנטאָניאַ האָט פון אינוועניג דאָס אייזענדעל אַריינגעשטעקט, דאָס שטיקעל קיהן האָט זיך אויפ'ן אויווען געברענט. אַנטאָן איז אַריינגעקומען, און אָנגעהויבען זיך אויסטהון, האָט די אַנטאָניאַ געפרעגט דעם מאַן:

— עס ליעגט הינטער דער שוועל?

— עס ליעגט! — האָט אַנטאָן אָבגעענטפערט.

די אַנטאָניאַ האָט אַ שטיק ברויט אָבגעשניטען פון דעם שוואַרץ ראָזעוואַנע לעבעל, אַ שפּאַלט פון דער טיר אויפגעעפענט, אין הויז אַרויסגעוואָרפען.

— נאַ, האָסט דו, מיין אונגליק.

דאָס בעשעפעניש, וואָס איז הינטער דער טיר געלעגען, האָט דאָס שטיק ברויט געחאַפּט, די אַנטאָניאַ האָט דאָס קיהנדעל פערלאָשען און זיך אין בעט צום מאַן געלעגט שלאָפען.

דאָס בעשעפעניש, וואָס איז איצט געלעגען אויף דער שוועל פון הויז פון אַנטאָנס חאַלופּע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען זיין קוה מיט'ן קאַלב, און קרישענדיג דאָס האַרטע שטיק ברויט, האָט עס זיך איינגעהילט אין די גרויסע וועסט, וואָס האָט געטראָגען און געבלישטשעט מיט די צוויי גרויסע שוואַרצע אויגען — האָט געקעהרט צו אַנטאָניען מיט די אַנטאָניכע.

די סוחאָטשיטשע ערד פלעגט פון צייט צו צייט אַרויסוואַרפען פון זיך ווילדע מיני בעשעפענישען, קאַליקעס און אונגעוועהנליכע בעלי-מומים, סיי ביי מענשען, סיי ביי פיה, וואָס האָבען געהאַט פערשידענע מאָדנע פאָרמען. עס פלעגען געבוירען ווערען טיילמאָל פון אַ קוה, קעלבער מיט געשטאַל

טען פון פערשידענע בהמות, אָדער פון דער ערד פלעגען אַרויסוואַקסען פּרוכטען, ענליכע צו מענשליכע פאָרמען, קאַרטאָפלען אין געשטאַלט פון קליינע פערדלעך, קעלבער, ווי לאַנגע אויסגעצויגענע טאָפּאָלען, מענשליכע קינדער מיט הינטישע פּנים'ער, אָדער אין געשטאַלט פון קעלבער, וואָס פלעגען קריכען אויף אַלע פיער, און פלעגען בילען ווי הינד, מיאַוטשען ווי קעץ און האָבען די איינגענשאַפטען פון טיערען. דאָס גויעם האָט געגלויבט ביים געבוירען ווערען אַזאַ מין בעשעפעניש, אַז דאָס איז פון שטן, און דאָס איז די גאַנצע סבה פון זייער אָרימקייט, טרוקענקייט און פערשידענע קרענק. דאָס פּיה אין די אונגליקליכע געשטאַלטען פלעגען זיי באַלד אונטערברענגען, אין וואַסער פערטרינקען, אין די ערד איינגראָבען, אָדער טיילמאָל עס אין וואַלד אַריינפיהרען, און ביי אַ געוויסער צערעמאָניע אין פייער עס פערברענען. די מענשליכע בעשעפענישען אין אַזעלכע געשטאַלטען, ווען עס פלעגט זיך טיילמאָל ווייזען, האָבען זיי געלאָזט אויסהונגערן, ביז עס פלעגט אַליין פון זיך שטאַרבען, דערנאָך האָבען זיי עס ערגעץ וואו אין די ערד איינגעגראָבען, וואו קיין מענשענס פיס טרעטען נישט.

די אַנטאָניאַ האָט פאַר אַ פּאָר יאָהר צוריק געבוירען אַזאַ מין בעשעפעניש, אַ קינד אין אַ געשטאַלט פון אַ הינדעל. עס איז געוועזען איינגאַנצען מיט האָהר בעוואַקסען, קליינע שוואַרצע אויגען, וועלכע זענען טיעף אין פלייש געזעסען, לאַנגע אַראָבגעהאַנגענע אויערן, שטום איז עס געוועזען, און פלעגט אַרויסלאָזען פון זיך קולות ענליך צו הינטישע בילען. אין די ווינקלען פלעגט עס קריכען, ליעגען אויף אַלע פיער און קוקען ווילד און אונהיימליך ערגיץ־וואו מיט די אויגען.

דאָס גויעם האָבען געגלויבט, אַז דאָס בעשעפעניש איז געקומען פון שטן. און אַזוי לאַנג ווי דאָס לעבט, איז עס נור דאָ שלעכטעס צו מאַכען. אַלע אונגליקען, וואָס פלעגען פּאַסירען אין דאָרף, האָט מען עס אָנגעלעגט אויף דעם בעשעפעניש. האָט מען עס געטראָפען אויפ'ן וועג, האָט מען דאָס אָנגענומען פאַר אַ שלעכטען צייכען. אַז עס פלעגט זיך ווייזען ביי אַ געבעט, איז געוועזען אַ צייכען — דער שטן האָט זיך אַריינגעמישט. אין

דאָרף האָט מען עס געוואָלט אונטערברענגען, אויסהונגערן, די עלטערן האָבען עס פון קליינערהייד אָן פון שטוב ערווייטערט, און עס פלעגט זיך אין דאָרף אַרומוואַלגערן. נור וואָס דאָס גויעס האָבען נישט געטהון דאָס בעשעפעניש אונטערצוברענגען, האָט עס זיך דאָך ערהאַלטען, אין דאָרף אַרומגעלאָפען, געפרעסען אַלץ, וואָס האָט געפינען; דורך די אָפענע פענסטער, דורך די אָפענע טירען אין די שטובען זיך אַריינגעחאַפּט, אַראָבגעשלעפּט אַלץ, וואָס האָט געפונען אויף די טישען אין די שיסלען, און דערנעהרען זיך פון וואָס עס האָט געקאָנט. אָבלאַוועס פלעגט מען מאַכען אויף דעם בעשעפעניש, פעריאָגען עס אין וואַלד אַריין, נור עס האָט נישט געהאָלפען קיין שום זאַך. אַזוי ווי אויף להכעיס די גוים האָט דאָס דער שטן גענומען אין זיין שוץ אַריין, בעשערט עס יעדען טאָג זיין ביסעל בידנע חיונה, פון וואָס עס האָט זיך געדאַרפט צו דערנעהרען און דערהאַלטען זיין אונגליקליך לעבען, צו שאָדען די מענשען אין דעם דאָרף, און צום שאַנד פון זיין מוטער, וואָס דער שטן האָט זיך דערנעהנט צו איהר, און פון זיך אַזאַ בעשעפעניש אַרויסגעגעבען...

ביי טאָג האָט עס זיך אין דאָרף אויפגעהאַלטען, הינטער יעדער טיר געטשאַטעוועט, אויף די קינדער אָנגעפאַלען, פעריאָגט זיי און דאָס ברויט זיי אַוועקגענומען. און קוים האָט עס עפּעס דערחאַפּט, פלעגט עס זיך בעהאַלטען הינטער אַ טרעפּ, הינטער אַ שטאַל און אויפפרעסען דאָס, וואָס עס האָט דערטאַפּט. קוים אָבער איז די נאַכט צוגעפאַלען, פלעגט עס פאַר געוועהנהייט אָנקומען פאַר'ן טויער פון זיין מוטערס שטיבעל, זיך דרעהען אַהין און דרעהען אַהער און ווי אַ הונד, וואָס מען לאָזט איהם נישט אין שטוב אַריין אין אַ רעגען, האָט עס הינטער דער טהיר געבילט, געמיאַוטשעט, ביז דער פאָטער פלעגט אַרויסגעהן דעם לאָדען צומאַכען, האָט ער עס אַריינגעלאָזט אין הויז אַריין, וואו דאָס פיה איז געשטאַנען. די מוטער פלעגט דאַן אַ שטיק ברויט, אַ טעלער מיט איבערגעבליבען עסען הינטער די טיר אַרויסשטעלען, און די טו. · פערמאַכען נאָך זיך.

די מוטער, וועלכע האט געהאט נאך קינדער, און האט בעדארפט אין איינעם מיט די קיה, אין אקער זיך איינשפאנען, און די צוויי מארגעס ערד, וואס איהר מאן האט געהאט, צו בעארבייטען, האט נישט קיין צייט געהאט צו זארגען אדער צו דענקען פון דעם בעשעפעניש. אז זי פלעגט איהם זעהן, אדער מען האט איהר עפעס דערצעהלט פון איהם, פלעגט זי די הענד פערשפרייטען פאר דער הייליגער מאריען, און בעטען, אז גאט זאל זיך אויף איהם מרחם זיין, ארויסטרייבען פון איהם דעם גייסט און צונעהמען איהם צו זיך. נור אין די ווינטערדיגע נעכט, ווען דאס בעשעפעניש איז געלעגען אין הויז, דער פראסט איז אין דרויסען גרויס געווען, פלעגט זי אין דער שטיל ביינאכט זיך אויפהויבען, ווען דער מאן איז שוין געשלאפען, די טיר אויפעפענען און דאס בעשעפעניש אין שטוב אריינלאזען, צווארפען איהם א לאבמאנע, אז ער זאל זיך צודעקען, א שטיק ברויט איהם צווארפען, אז קיינער זעהט נישט, אדער א טעלער עסען. און ווען עס איז געווען דער בויך-טיפוס אין דארף, קליינע קינדער זענען פיעל געשטארבען, די גוים האבען געזאגט, אז עס איז פון איהם, מעשישטן, און האבען איהם דורכאויס געוואלט סמ'ען, האבען פאר איהם א קולען אבגעבאקען מיט סם און איהם אינטערגעווארפען, אז ער זאל עס אויפפרעסען, — איז זי געשטאנען א גאנצען טאג, א גאנצע נאכט, דאס בעשעפעניש מיט א שטעקען אבגעהיט, און פון דעם ארט, וואו דער קולען איז געלעגען, איהם אוועקגעיאגט, ביז עס איז געקומען דער דארפס-סטראזשניק, מיט'ן מאלטים, און האבען דעם קולען צוגענומען, און דאס בעשעפעניש אויף א פאר טעג אין די וואך איינגעשלאסען, ביז דאס גויעס האט זיך בערוהיגט...

דער פאטער האט אויך וועגען דאס בעשעפעניש וועניג געקלערט, האט מיט זיין פערדעל א גאנצען טאג האלץ געפיהרט פון וואלד צו דער זעג; ער האט געוואלט, עס זאל שטארבען, נור עס זאל אליין פון זיך שטארבען. טויטען עס, ווי די פויערים האבען געוואלט, האט ער נישט געקענט איבערטראגען. דאך, ווען דאס גויעס, ביים טיפוס-קרענק, האבען איהם סמ'ען געוואלט, האט ער זיך בעהאלטען אין וואלד, נישט געוואלט אהיים געהן, און

געשריגען, אַז עס איז איהם אַלץ איינס. נור ווען ער האָט זיך אָנגעשכור'ט, מיט די פויערים אין שענק געקריגט, און האָבען איהם פאַרגעוואָרפען מיט'ן בעשעפעניש: — „דיין ווייב איז מיט'ן שטן געשלאָפען! האָוועסט אַ בענקאַרט פון שטן אויף“ — פלעגט ער אַהיים קומען, דאָס ווייב ביי די האָהר חאַפּען, און שלאָגען מיט די פויסטען אין קאָפּ אַריין:

— דו פערשאָלטענע! טייוואָלים געווינסט דו, צום שאַנד פאַר די מענשען.

זי פלעגט זיך אַרויסרייסען פון איהם, בעהאַלטען זיך ביי אַ שכנ'טע, דער גוי איז אויף דער ערד געפאַלען, אויסגעשלאָפען זיך, אויסגעניכטערט, דערנאָך האָט ער ווידער פערגעסען אין בעשעפעניש.

צומאָרגענס אין דער פריה האָט זיך אָנטאָן אויפגעהויבען, האָט פון הויז אַרויסגעפיהרט זיין פערדעל, (דאָס בעשעפעניש איז שוין נישט געווען), איינגעשפּאַנט צום וואָגען און ווי זיין געוועהנהייט געפאָהרען אין וואַלד אַריין, פיהרען די אָבגעהאַקטע בוימער צו דער זעג. עס איז געווען אַ שענער פריהמאָרגען, די יונגע זון האָט געוואַרימט דעם וואַלד פון דעם קאַלטען אָוועגד, און געטריקענט די בלעטלעך. דער פויער — ווי זיין זאַך וואָס ער האָט געהאַט אויף זיך — האָט גאָר נישט געקלערט, גאָר נישט געוואוסט, נור געטהון זיין אַרבייט. פלוצים, אַזוי ווי ער איז טיעפער אַריינגעפאָהרען אין וואַלד, האָט ער דערזעהן איינינע גרויסע וועגען־הייזלעך פון אַ צירק־קאָמעדיאַנטען שטעהען אין מיטען וואַלד, אַ פייערל ברענט זיך, אַ רויך געהט, און עס הערט זיך אַ קול פון האַקען האָלץ. אַז ער איז נעהנטער צוגעקומען, האָט ער דערזעהן, ווי די שעפער־שקציס'לעך האָבען נייגיריג אַרומגערינגעלט איינס פון די הייזער־וועגעלעך, פון וועלכען עס האָט דורך אַ קראַטקע אַרויסגעקוקט פערשידענע חיות: אַ לייב האָט זיך געדרעהט אַרויף און אַראָב אונרוהיג, מאַלפּעלעך האָבען אין אַ קלאַטקע אויף אַ לייטערל אַרומגעשפּרונגען און אַמוזירט זיך מיט די שעפער־יונגלעך, וועלכע האָבען זיי שטיקער צוקער און עסענוואַרג

צוגעוואָרפען. א מעגש, אין א קאַרטאָן אָנגעטהון, מיט אַרויפגע־רוקטע אַרבעל און מיט פאַרבאויסגעשטאָלענע הענד און א רינגעלע אין אויער, האָט די חיות פליִיש דערלאַנגט דורך די קראַטעס און צוגעוואָרפען זיי אַזעלכע מאָרנע ווילדע ווערטער, וואָס נור די חיות האָבען עס פערשטאַנען. צוערשט האָט דאָס פויערל גע־וואָלט דורכפאָהרען, עס איז שוין שפעט, ער איז אָבער נייגיריג געווען צו זעהן די חיות, האָט ער אָבגעשטעלט די פוהר, און א מינוט זיך אויך צוגעקוקט — צו די בעשעפעניִשען, געקוקט און געשוויגען און געטראַכט זיך: „וואָסערע ווילדע בעשעפעניִשען דאָס זענען!"

ער איז נייגיריג געווען צו וויסען, פון וואָס פאַר א מין דאָס איז — צו פרעגען האָט ער נישט קיינעם געהאַט, האָט ער זיך נאָך א פאָר מינוט צוגעקוקט, נייגיריג, מיט א געוויסער שרעק, באַלד אָבער אינסטינקטיוו האָט ער געגעבען א פיִטש צום פערדעל, א שמיץ מיט'ן בייטשעל „וויאָ" — און איז ווייטער געפאָהרען זיין וועג.

— קריסטען אודאי נישט — האָט ער זיך געטראַכט.

— מיט מאַלפעס טרייבט זיך דאָס אַרום, צום טייוועל מוז דאָס דינען.

— און דאָס בלאָנזשעט אַרום איבער דער וועלט, דאָ אַהער געקומען זיך צו שלעפען, מענשען שלעכטס צו טהון...

— וועט שוין וועם דאַרפען, א עולה אַרויסקומען, — טראַכט ער זיך ווייטער — אַז דאָס ווייזט זיך נור. בחנם ווייזט זיך דאָס נישט.

— מען האָט עס געדאַרפט מיט שטעקענס צו פערטרייבען פון דאַנען; שדים וויסען, ווער דאָס איז! — אַזוי קלערענדיג איז ער צוגעפאָהרען צו די גוים וועלכע האָבען שוין געוואַרט אויף איהם, דעם אָבגעהאַקטען בוים אין דעם פערדעל איינצושפאַנען — צום זעג צוצופיהרען.

ער האָט זיי געוואָלט דערצעהלען וועגען די מענשען, וואָס זענען אין וואַלד — נור עפעס ווי מורא האָבענדיג, אַז מען זאָל איהם נישט זיין „חרפה" פאָרוואַרפען, האָט ער געוואַרט, ביז די גוים וועלען דערפון אָנהויבען צו רעדען.

נאָך דעם מיטאָג-עסען, ווען דאָס גויעס האָבען זיך אַנידער-געזעצט הינטער די בוימער מיט די טעפּ אין די קיַען, האָט דער אַלטער וואויטעק זיך אָנגערופען:

— באַ! דען דאָס איז פון שטן געשיקט — אונז נור קאַליע צו מאַכען. — דען דאָס האָט נישט קיין רוהיגע נשמות, און אַזוי ווי דער ווינד וואַנדעלט עס פון לאַנד אין לאַנד, און וואו עס קומט, טהוט עס שלעכטס די מענשען.

—און די מאַלפּעס, מיינט איהר, זענען ריכטיגע מאַלפּעס?— דערצעהלט אַ דריטער — אָדער די מיַזלעך, וואָס זיי האָבען אין די קעסטלעך? עס איז דאָך בעוואוסט, אַז דאָס זענען אַלץ פערשאָל-טענע נשמות — וואָס זיי נעהמען אויף אויף זייער וועג, אָדער וואָס טשעפּעט זיך צו און זיי פיהרען עס צום טיַוועל אַהין.

— פערטרייַבען דאַרף מען דאָס! מיט שטעקענס דאַרף מען דאָס פערטרייַבען פון דאָרף, — האָט זיך אַנטאַן אָנגערופען.

— אַלערעשטענס דאַרף מען דעם שטן, וואָס זיצט צווישען אונז, פערטרייַבען! — האָט איינער פון דער מחנה געזאָגט, מיינענ-דיג אַנטאָנס בעשעפּעניש, וואָס וואַלגערט זיך אין דאָרף אַרום.

אַ מינוט איז דאָס גויעס שטיל געשוויגען, נור דאָרט הינטער אַ בוים האָט אין דער שטיל געקיכערט... אַנטאָן איז בלייך גע-וואָרען, האָט געקלערט צו חאַפּען דעם דישעל פון זיין וואָגען און צושלאָגען, ער האָט דאָס דאָך נישט געטהון, ער האָט זיך געפוילט...

אַ מינוט איז דער שמועס אָבגעהאַקט געוואָרען, נור באַלד איז ער פיעל ערנסטער געוואָרען, דען מאַטשיק, דער עלטסטער פון די פּויערים מיט אַ אָבגעהאַקטען פוס, האָט זיך אָנגערופען:

— מיר האָבען איהם שוין לאַנג געדאַרפט צו פערטריַי-בען פון דאָרף, אַלדאָס שלעכטס ברענגט ער אונז, און ווער ווייסט, צי ער האָט זיי נישט אויך דאָ אַהער געבראַכט, די קאָ-מעדיאַנטען, אויב נישט איבער זיינעטוועגען זענען זיי דאָ אַהער געקומען.

— ווי ער האָט אונז נעכטען אין מיטען געבעט באַל-מושעט! דאָס שיקט איהם דער שטן אַהער, דער שטן אַהער.

— צו סמ׳ען האָט מען איהם געדאַרפט נור דענסטמאָל,

אויף גאָרנישט צו קומען — נור סמ׳ען, — האָבען שוין איני־גע הויך געשריגען.

— ווער האָט דען אייך נישט געלאָזט — האָט איהר בע־דאַרפט מיט אייגענע הענד! ווילט איהר, אַז די זינד זאָל דערנאָך אויף מיין האַלז ליגען — וויל איך נישט, — האָט אַנ־טאָן זיך אָנגערופען.

די אַנטוואָרט פון פּאַטער האָט איינגעשטילט די פּויערים, ווייל ער געמאַכט זיי — האָבען זיי אויפגעהערט צו רעדען דער־פון, און אַ גאַנצען טאָג, ביי דער אַרבייט, שוין איין וואָרט נישט געלאָזט פאַלען דערפון.

ווען אַנטאָן איז פאַרנאַכט אַהיים געפאָהרען, האָט ער געוואָלט אויסמיידען די קאָמעדיאַנטען און פאָהרען דורך אַנ'אַנ־דערען וועג, זיך נישט בעגעגענען מיט'ן שטן פנים אל פנים. נור צוקומענדיג נאָהנט, האָט ער דערהערט פון דאָרט, וואו די וועגען זענען געשטאַנען, אַ גרויס ברומען און אַ געשריי, און אַ גרויסע מענגע זענען דאָרט געשטאַנען. ער איז נייגיריג גע־ווען צו זעהן, וואָס דאָרט איז אַזעלכעס — האָט ער אויסגע־דרעהט און צוגעפאָהרען צו זיי. אַהין קומענדיג זענען איהם שוין איינגע דאָרפס־יונגען פאַראויסגעלאָפען, מיט איינעם פון די קאָמעדיאַנטען מיט דעם רינגעלע אין אויער, און האָבען גע־שריגען, און געוויזען אויף איהם:

— אָט איז דער פּאַטער! אָט איז דער פּאַטער!

דער קאָמעדיאַנט, אַרויסגעהמענדיג אַ פּאַפּיראָס און פער־רויכערן זיך, האָט געזאָגט צו אַנטאָנען:

— לאָז אונז אָב, פּאַטער, דעם יונגעל, אין דאָרף וואָל־גערט ער זיך אַרום, האָסט קיין נוצען פון איהם סיי ווי סיי נישט, — ווייזענדיג אויפ'ן יונגעל.

אַנטאָן האָט זיך ערשט איצט אומגעקוקט און דערזעהן זיין בעשעפעניש, אָנגעטהון אין אַ קליידעל, ווי אַ צירק־היינטעל — און מיט אַ קיטעל אויפ'ן האַלז איהם איינער פון זייערע לייט, און לערנט איהם שפּרינגען דורך אַ רייף, צום געלעכ־טער און פרייד פון דער מענגע דאָרפס־יונגלעך און ווייבער, וואָס רינגלען אַרום דעם ספּעקטאַקל.

— מִיט אַנ׳אמת, פֶּעטעֶרל, — קומט אָן אַ צווייטעֶר פון זייעֶרעֶ לייט, אַ הויכעֶר און אַ דיִקעֶר, מִיט אַ גרויסעֶן בויך און אַ גאָלדעֶנעֶר בראָנזעֶלעֶט אויף דעֶר האַנד, מִיט אַ שפִּיצרוט אִין דעֶר האַנד און אַנ׳אָדלעֶר אויפ׳ן אויפגעֶדעֶקטעֶן האַרץ אויסגעֶמאָלט, — מִיט אַנ׳אמת, און געֶלד וועֶסט דו אויך קריִגעֶן — אויף צוויי מאָרגעֶס עֶרד. וואו וואוינסט דו פֶּעטעֶרל?

— און וואָס נאָך! דו טייוועֶל, און איִך וועֶל דיִר דאָ וויַיזעֶן, — העֶ, העֶ, דו טייווליִשעֶר בעֶנקאַרט! — איִז עֶר אַראָב פון דעֶר פוהר מִיט דעֶם בייטש צום בעֶשעֶפעֶניִש — וועֶלכעֶס האָט איִהם דעֶרזעֶהן מִיט דעֶם בייטש אִין האַנד — האָט זיִך עֶס געֶגעֶבעֶן אַ ריים אַרויס פון דעֶם קאָמעֶדיאַנט און מִיט אַ ווילד ביִלעֶן זיִך געֶלאָזעֶן אִין טיִעפעֶן וואַלד אַריין.

דעֶר פויעֶר האָט געֶגעֶבעֶן אַ שמיִץ דאָס פעֶרדעֶל און בעֶגלייט מִיט די געֶוואַלדעֶן פון די שקצים איִז עֶר אִין דאָרף צוגעֶפאָהרעֶן.

אַריין אִין שטוב, איִז עֶר מִיט די פויסטעֶן צו צום ווייב:

— היִט דיִר דיין בעֶנקאַרט, היִט דיִר דיין טייוועֶל, דו טייווליִשעֶס ווייב!

— אָ לאַ באָגאַ, אָ לאַ באָגאַ! — האָט די גויעֶ געֶשריִגעֶן.

די שקצימ׳לעֶך די קינדעֶר זעֶנעֶן פונקט פון וואַלד אָנגעֶקומעֶן מִיט די קוה און קאַלב — האָבעֶן דעֶרזעֶהן ווי דעֶר פאָטעֶר שלאָגט די מוטעֶר, האָבעֶן זיי אָנגעֶהויבעֶן הויך צו וויינעֶן, און צוגעֶפאַלעֶן איִהם צו די קניִהעֶן.

— אָ יעֶזו, אָ יעֶזו, טאַטולקאַ, טאַטולקאַ. — און די פיִס איִהם געֶקושט.

— שווייגט׳ס, בעֶנקאַרטעֶס, איִך וועֶל אייך די קעֶפּ שפּאַלטעֶן! — האָט עֶר געֶשריִגעֶן.

די גויעֶ האָט זיִך פון איִהם אַרויסגעֶריִסעֶן און צו אַ שכנ׳טעֶ אַנטלאָפעֶן.

דעֶר עֶרשטעֶר כעס איִבעֶרגעֶגאַנגעֶן — האָט עֶר זיִך דעֶרמאָהנט, אַז דאָס פעֶרדעֶל שטעֶהט נאָך איינגעֶשפּאַנט צום וואָגעֶן — איִז עֶר אַרויס, דאָס פעֶרדעֶל אויסגעֶשפּאַנט, אִין שטאַל געֶפיִהרט, דעֶם וואָגעֶן אִין הויף געֶברעֶנגט — איִז עֶר הונגריִג

געוואָרען, אין אויווען געזוכט, — האָט אַ שנצ׳ל נאָך דער מוטער געשיקט.

די מוטער איז געקומען, קאָלאַציע דערלאַנגט, צו דער „מאָליטווא מאַיאָ“ איז ער נישט געגאַנגען — האָט זיך נישט געוואָלט מיט׳ן גויעם טרעפען נאָך דער מצענע אין וואַלד, איז ער אין בעט געקראָכען שלאָפען.

דערנאָך ווען די מוטער איז אַרויס דעם לאָדען צו פערמאַכען, האָט זי שוין געטראָפען איהר „אונגליק“ ליגענדיג הינטער דער טיר פון הויז און געבילט ווי אַ הונד, אַז מען זאָל איהם אַריינלאָזען.

די נאַכט איז שוואַרץ און קאַלט געווען. עס האָט זיך געקליבען אויף רעגען, — פון דערווייטענס האָט אָבגעשאַלט דאָס געזאַנג פון די פּויערים בײַם צלם... דאָס „בעשעפעניש“ איז געלעגען אין דעם הינטישען קלייד, אייגגעגאַרעט דאָס פנים אין דער ערד, געציטערט פאַר קעלט מיט פיס און הענד, און געבילט, געקלאָגט זיך, געקלאָגט זיך... האָט אַ גרויסער רחמנות די מוטער אַרומגענומען אויף איהר בעשעפעניש... אַ פשעטשעז איז ער דאָך איהר בלוט — וואָס איז ער שולדיג, אַז דער טײַוועל האָט זיך אין איהם בעזעצט — האָט זי די האַנד אויסגעשטרעקט, איהם געגלעט איבערן קאָפּ:

— דו מײַן אונגליק... דו מײַן וועהטאָג! פאַרוואָס האָט דיך גאָט אַזוי געשטראָפט? פאַרוואָס? יעזוס ליעבער, פרײַליין הײַליגע, ערבאַרעם דיך איבער איהם, ערבאַרעם דיך.

דאָס בעשעפעניש האָט זיך געטוליעט צו איהר און געלעקט ווי אַ הונד איהר האַנד... געביסען איהר קלייד און מיט׳ן פנים עפּעס געזוכט אין איהר... צוטוליענדיג זיך צו איהר ענגער... ענגער...

זי האָט איהם, דורך די טיר, אין דער שטיל, אַז דער מאַן זאָל נישט זעהן, אַ טעלער אַרויסגעשטעלט, צוגעמאַכט די טיר נאָך זיך, און פאַר׳ן הײַליגען בילד זיך געוואָרפען איהר נאַכט-געבעט זאָגען:

— הײַליגע פרײַליין, ערבאַרעם דיך איבער איהם, נעהם

איהם צו דיר אין הימעל ארויף... הייליגע פריילין, קריסטוס ליעבער.

— קריך אין בעט ארײן — אלטע, האט דער פויער האלב פון שלאף געזאגט.

זי האט זיך אויסגעטהון, אין בעט געקראכען.

דער פויער האט א גאנצע נאכט נישט געקענט שלאפען, געווארפען זיך — געדרעהט, און יעדעס מאל דאס ווייב גע־וועקט...

— דו שלאפסט?

— איך שלאף... און האט זיך פערדרעהט אויף דער צווייטער זייט.

ער האט געקלערט, וועגען דעם, וואס דער דיקער האט איהם אין וואלד געזאגט —

— געלד פאר צוויי מארגעס ערד...

— איך וועל דאך דעם טייוועל קיין קינד נישט פערקוי־פען, און ווי עס זאל נישט דארט זיין, פון מיר איז עס דאך דאס, — האט זיך דער פויער געטראכט און צו דער האנד אויסגעדרעהט שלאפען.

געשלאפען איז ער דאך נישט. ער האט די אויגען צוגע־מאכט, און עס האט זיך איהם פארגעשטעלט דאס בילד אין וואלד, ווי דער צירק־מענש האלט דאס בעשעפעניש אויף א קייטעל אנגעבונדען, און לערנט עס שפרינגען דורך א רייף, צושלאגענדיג פון אונטען מיט דער שפיצרוט, וואס ער האט אין דער האנד.

— און פון שטן איז דאס געשיקט — געוויס פון שטן, דאס האט ער זיי אהער געבראכט, דא אהער — האט ער זיך געטראכט, דערמאהנענדיג, וואס דאס גייעם האבען געזאגט אין וואלד.

איינציינטיג אבער ווי ער האט זיך דאס געטראכט, איז איהם איין מינוט פון קאפ נישט ארויס דאס, וואס דער „די־קער" האט איהם געזאגט — און געלד פאר צוויי מארגעס. —

ער האט איין מינוט געגעבען א טראכט וועגען דאס שטיק ערד, וואס ליגט ביי איהם אין שלנות אויפ'ן בערגעל, דארט קומט דער זאמר נישט ארויף — בעסער ווי זיינע — נור מא־משיק האט דריי מארגעס, צוויי וועט ער נישט פערקויפען — איבאליגעס מיט זיינע פיער וואלט ער א זיעבען מארגעס געהאט, אריינגעחאפט אויך אין וואלד אריין.

— א, די זינדיגער, די זינדיגער — פערקויף נישט די נשמה, פערקויף נישט ; ווייסט דאך, עס איז פאר דעם טייוועל —

נור טראכטען מעג ער זיך.

האט ער זיך ארונטערגערוקט הינטער די לאכמאנע, בע־האלטען דעם קאפ אונטער די קאלדרע, אזוי ווי ער האט מורא געהאט פאר דער שווארצער שטוב, אז עס זאל קיינער נישט הערען זיינע געדאנקען, און דארט זיך פארגעשטעלט דאס בילד אינגאנצען צו קויפען דעם בארג, א, אויף דריי וועט ער אויך געבען. דאס „אונגליק" וועלען זיי מיטנעהמען מיט זיך, עס וועט שוין קיינער נישט האבען מעהר אויסצוזידלען, אזוי ווי היינט אין דארף — דאס „אונגליק" איז נישטא און ערד האסטו נאך דערפאר, און אזוי ווי אזוי וואלט גלייבער געוועזען עס וואלט געשטארבען.

און ווי ער האט זיך דאס געטראכט, האבען אלץ די ליפען געקלאפט, — אוי־אוי מעשי־שטן, מעשי־שטן, פרייליין הייליגע, יעזוס ליעבער, העלף מיר! זיי רחמנות'דיג, זיי רחמניות'דיג!

עס איז איהם הייס געווארען, ער האט פון זיך אראבגע־ווארפען די קאלדרע, דערזעהן פלוצלונג דאס לעמפעל, וואס האט זיך געברענט פאר'ן הייליגען בילד — און א שטאך האט איהם געטהון אין הארצען.

— דו טראכטסט דיר, — און גאט ווייסט אלעס, אזוי דו זינדיגע נשמה — דער טייוועל נעהמט דיך גוט אין די הענד אריין.

און דאך האט ער איינצייטיג דאס ווייב געוועקט:

— אלטע, אלטע, הער נור!

— ע, וואס לאזט די היינט נישט שלאפען — ביזט דו קראנק? דער בויך טהוט דיר וועה?

— מען וויל דיר דאָס „אונגליק" אָבקויפען, אויף צווי מאָרגעס ערד ווילען זיי געבען.

געוואָלט האָט ער זאָגען, — דער „טײַוועל" וויל דיר דאָס קינד אָבקויפען.

— ע, רעד נישט קיין נאַרישקײַטען, לאָז שלאָפען.

— אַז זיי ווילען — באַ זיי ווילען, — האָט דער גוי נאָך צוגעברומט.

שלאָפען האָט ער נישט געקענט, עס איז איהם הײַס געװען — און דאָס ליכטעל פאַר'ן הײליגען בילד האָט איהם עפּעס געשטערט, — האָט ער זיך אָנגעטהון, דען פון שפּאַלט פון לאָדען האָט זיך שוין געלויכטען.

— וואָס איז דיר דאָס הײַנט? — פאַרוואָס טהוסטו דיך אָן — פרעגט איהם די אַלטע פון שלאָף אַרויס.

— עס דאַכט זיך מיר, אַז עס ריהרט וועך דאָרט בײַ די בהמות.

— ע, דיר דרעהט זיך הײַנט אין קאָפּ.

דער גוי האָט גאָרנישט אָבגעענטפערט.

נאָך אַ קלײן שטילשווײַגען, האָט זיך די פויערטע אָנגערופען, ווי זי וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָהנט:

— וואָס האָסטו דאָס פריהער געזאָגט, אַז זיי ווילען קויפען, וואָס ווילען זיי קויפען?

— אַ, דאָס אונגליק, דײַן בעשעפעניש ווילען זיי קויפען — ווילען זיי קויפען, — האָט דער פויער געזאָגט בייז, נישט וויסענדיג פאַרוואָס ער איז בייז...

— איך וועל דיר דאָ געבען אַ קויפען! איך וועל באַלד לויפען צום גלח, דעם סטראַזשניק וועל איך דערצעהלען!

— אַ שווײַג — וואָרעם שווײַג! איך בין אַזאַ קריסט ווי יעדער אײנער — און דו וועסט עפּעס רעדען, וועל איך דיר די צייהן אויסהאַקען.

די גויע האָט שוין געשוויגען.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז דער גוי אַזוי בייז געוואָרען, אַז ער האָט געוואָלט נעהמען אַ האַק און איהר דעם קאָפּ אָבהאַקען, אַזאַ כעס האָט איהם אַרומגענומען.

— טײַוואָלים געווינסטו, מיט'ן טײַוועל שלאָפֿסטו! אַ זאָל דיר! — און איז אַרויס, צוהאַקענדיג די טיר נאָך זיך.

די גויע האָט דאָס פּנים אין קישען אײַנגעגראָבן, און גע־הליפּעט: פּאַני באָושע, פּאַני באָושע!

אויף דער שוועל אין הויז האָט ער אָנגעטרעטען אויף עפּעס ווייכס, פֿון וועלכען ער איז מיט שרעק פֿלינק צוריקגעשפּרונגען. עס איז געווען דאָס בעשעפעניש, אין הינטישען העמדעל, וועל־כעס אײַנגעבאָרעט דעם קאָפּ אין זיך איז געלעגען און געשלאָפֿען. ער האָט אויפגעעפֿענט די טיר פֿון הויז און בײַ דעם שײַן פֿון ערשט אײַנגעבראָכענעם טאָג האָט ער בעטראַכט דאָס בעשע־פּעניש.

דאָס הארץ האָט איהם עפּעס געזאָגט, אַז ער זאָל צוגעהן נעהנטער. ער האָט נישט געוואָלט, איז אַרויס אויף דער גאַס, געטראַכט זיך — איך וועל אַליין געהן צום גלח.

אײַנשפּאַנענדיג דאָס פֿערדעל, האָט ער געגעבן אַ וואָרף אַ בליק אויף מאַטשיקס נחלה, וואָס ליגט מיט איהם אין שכנות אויפ'ן בערגעל — אין פֿריהען מאָרגען־גרוי איז די ערד אויפ'ן בערגעל געווען גרינער ווי אין דער גאַנצער אומגעגנד — אַ ראָסע־וואָלקען איז איבער איהר געלעגען.

נישט צו קומען צו קײן פֿריבונג, איז ער געפֿאָהרען אין אַנ'אַנדערן וועג אין וואַלד אַרײַן כּדי זיך נישט צו בעגעגענען מיט די „קאָמעדיאַנטען".

די אַנטאָניאַ האָט זיך אויפגעהויבען באַלד נאָכ'ן מאַנס אַרויסגעהן, אַרויס אין הויז, גענומען דאָס בעשעפּעניש, צוגע־פֿיהרט איהם צום שטרוי־בוידעם, איהם אַרײַנגעלאָזט און פֿערשלאָ־סען די טיר נאָך איהם — פֿאַר דער טיר זיך געשטעלט, ווי עפּעס געוואָלט ווען אָבוואַרטען — ברייט געווען מלחמה צו האַלטען מיט דעם, וואָס וועט קומען איהר דאָס בעשעפעניש אַוועקנעהמען — האָט דעם שגץ אַ טעלער מיט אַ שטיק ברויט אַרויפגעטראָגען, איהם אַוועקגעשטעלט, בעהאַלטענערהייד, עס זאָל קײנער נישט בעמער־קען, ווי זי האָט דאָס בעשעפעניש בעהאַלטען, און ערשט דאַן ווען

זי האט דאס שליסעלע פון שלאס, הינטער וועלכען דער שנץ איז געווען בעווארענט, אויף איהר הארץ געפיהלט, האט זי זיך גע־קאנט נעהמען צו איהר טעגליכער ארבייט.

א שבת׳טע איז אריינגעקומען, האט זיך א שופעל, דאס ברויט ארויסצונעהמען, געוואלט בארגען. און שוין ביי דער טיר האט זי זיך אנגערופען:

— א היט אייער אונגליק, היט איהם גוט, דען נישט־גוטע זענען געקומען נאך איהם — מען הערט זיי פון וואלד, — האט די גויע געזאגט.

— א וואס האב איך איהם דארט צו היטען. אז גאט וועט וועלען, וועט ער זיין געהיטען, — זאגט די אנטאניא טהו־ענדיג איהר ארבייט, און פיהלענדיג דאס שליסעלע אויפ׳ן הארץ.

ווארום דאס זענען אזעלכע מענשען, וואס זענען פון טייוועל געשיקט נאך איהם, א סך האבען זיי שוין מיט זיך.

די אנטאניא האט זיך גארנישט אנגערופען, נור פעסטער צוגעדריקט דעם שליסעל צו איהר ברוסט, ווי זי וואלט איהר קינד בעהאלטען.

אז די גויע האט געזעהן, אז יענע שווייגט, איז זי ארויסגעגאנגען.

דערווייל האט זיך איבערן דארף דער קלאנג פערשפרייט, אז נישט־גוטע זענען געקומען, געשיקט פון טייוועל, צוצונעה־מען אנטאנס בעשעפעניש. עס האט אנגעהויבען ארומצוגעהן איבערן דארף פערשידענע לעגענדען, און איין פויערטע האט די צווייטע געשראקען מיט די ווילדסטע זאכען. מען האט אנגעהויבען צו דערצעהלען וועגען טייוועל־מעשים, וואס זיי, די קאמעדריאנטען, טהוען אין דארף, פארע מעשים מיט די חיות און מאלפעס אב. די פויערטעס האבען זייערע קינדער בעהאל־טען, הונדערט מאל אין טאג זיך געצלמ׳ט און נישט געלאזט קיינעם פון זייערינע געהן אין וואלד אריין — וויזען זיך ארער זעהן זיך מיט׳ן שטן, וואס איז דארט.

און דערווייל האט זיך עפעס טאקי איבערן דארף געווי־זען פערשידענע מיני קאליקעס, אלטע לייט מיט לירעס הא־

בען דאס דארף אַדורכגעצויגען, מכשפות האָבען זיך געזעהן ווי זיי האָבען דורך די פענסטער אַריינגעקוקט... אַזעלכע גויעס, בלינד אויף איין אויג, האָבען זיך אין דארף געוויזען, האָבען זיך אין די הייזער געפרעגט, ווער עס האָט מיי צו פערטרייבען, וואנצען אויסצוראָטען, — אין דעם אַלעם האָבען די גויעס געזעהן צייכענס פון שטן, אַז ער איז געקומען נאָך ס׳זייניגע.

— אַז ער איז געקומען דערנאָך, איז פערפאַלען, מוז מען עס דעם שטן אַרויסגעבען, אַז ניש וועט ער דאָס גאַנצע דאָרף מזיק׳ן, — האָבען דאָס גייעס געזאָגט.

די אַנטאָניאַ אָבער האָט זיך פאָרגעבריִט מלחמה צו האַלטען מיט׳ן שטן מיט אַלע כוחות. זי האָט אויף דער טיר פון היי־בוידעם אַ צלם אויפגעקריצט מיט אַ שטיקעל קרייד, אַז דער שטן זאָל קיין שליטה ניש האָבען, — אַליין האָט זי עפּעס געפּיהלט, אַז עס טהוט זיך עפּעס אויפ׳ן דאָרף... מען ברייט זיך אָן אויף איהר. דען אַנ׳אַנדערע שבת׳טע, איז ווידער אַריינגעקומען, און האָט איהר געזאָגט:

— און איהר זענט דאָ, און איהר ווייסט נישט וואָס די פויערים זאָגען, — און דאָ איז דאָך דער טייוועל געקומען נאָך דיין אומגליק.

די גויע האָט געשוויגען.

— אוי עס איז פערפאַלען, אוי עס איז פערפאַלען, מיט׳ן טייוועל וועסטו גאָרנישט מאַכען.

די גויע האָט ווידער געשוויגען און געטהון איהר אַרבייט, רויט־טויט ווערענדיג.

— און דאָס גייעס איז אין קאָרטשמע געגאַנגען אויף אַ נאַראַדע... דען מען דאַרף איהם אַרויסגעבען פון דאָרף.

— און איך וועל זיי דעם יונג נישט אַרויסגעבען, און וואָס ס׳וועט זיין, וועט זיין, — האָט די גויע געזאָגט...

— אוי שפּאָר דיך נישט איין, אוי שפּאָר דיך נישט איין, וואָרום מיט׳ן טייוועל וועסטו גאָרנישט מאַכען!

— און איהר גיהט און צוברעכט הענד און פּיס, — האָט זי געזאָגט, — דען איך וועל אייך דאָ געבען מיט דער לאָפּעטע! —

האָט זי אויפגעהויבען די לאָפּעטע, אז די שכנטע איז אַרויסגע־
לאָפען, און די אַנטאָניאַ האָט צוגעמאַכט די טיר נאָך איהר.

פּשאַ יוכאַ! — זי האָט געטראַכט צו האַפּען דאָס טוך און
לויפען צום גלח, אָדער נאָכ׳ן מאַן. אָבער זי האָט זיך דער־
מאָהנט, אז זי לאָזט איבער דאָס בעשעפעניש אַליין, האָט זי
אָנגעגרייט דעם רידעל און געוואַרט אויף וועם.

דאָס גייעס, וואָס איז איבערגעבליבען אין דאָרף, נישט גע־
ווען אויף דער אַרבייט, נישט אין פעלד נישט אין וואַלד — האָבען
זיך צוזאַמענגעקליבען אויפ׳ן בריקעל און האָבען גערעדט, און
האָבען געראַטען:

— און מען דאַרף אַהין געהן, דאָס בעשעפעניש מיט
געוואַלד אַרויסנעהמען און זיי אַרויסגעבען, זאָלען זיי געהן פון
דאַנען, זאָלען זיי געהן פון דאַנען.

— אַ פייער וועט ער שיקען, אוי אַ פייער וועט ער שיקען! —
און יעדעס מאָל זענען איינציגע פון זיי דורך איהר שטיבעל אַדורכ־
געגאַנגען — געוואָלט האַפּען אַ בליק, וואו דאָס בעשעפעניש גע־
פינט זיך. זיי האָבען געזעהן — די אַנטאָניאַ מיט צופלאַמטע אויגען,
צופלאָסענע האָהר און רויטע צוקאָכטע באַקען האָט זיך מיט דעם
רידעל ווי אַ טיראַן פאַר איהר שטיבעל געדרעהט, בריייט געווען
אַרויפצופאַלען אויף די, וואָס וועלען קומען איהר קינד אַוועקנעהמען
און מיט די נעגעל ווי אַ חיה אויף זיי זיך וואַרפען, איהר איינגען־
געבוירענעם מיט דעם גאַנצען לייב און לעבען ראַטעווען, — האָבען
זיי מורא געהאַט, אָבגעלעגט די זאַך ביז פאַרנאַכט, ווען דאָס
גאַנצע דאָרף פויערים וועלען פון פעלד אַהיים קומען, און די זאַך
זיך איבערלעגען, וואָס זיי האָבען צו טהון.

דאָס בעשעפעניש האָט זיך צווישען די צירק־לייט, אין
געזעלשאַפט פון די חיות און מאַלפּעס געפיהלט גוט און צופריע־
דען. נישט צו וויסען דערפון האָט זיך אין דער מענשען־חיה ערוועקט
אַ אינסטינקט פון אַ צירק־הונד צו ערגעצען און צו ערפרעהען די
צושויער מיט זיינע העוויות און קרומע בעוועגונגען. און וואָס העכ־
ער עס האָט זיך געהערט דאָס געלעכטער פון די דאָרפס־יונגלעך,

וואָס האָבען איהם נעלטען געזעהן דורך דעם ריף שפּרינגען, און וואָס צופרידענער זיי זענען געווען, — האָט זיך עס נעסטאַרעט וואָס מעהר צו ערגעצען דעם עולם.

און קוים האָט עס די מוטער אין היי-בוידעם איינגעשלאָסען, האָט עס זיך געפיהלט געפאַנגען, און געבענקט און געצויגען נאָכ'ן וואַלד, נאָך דעם צירק. עס האָט דאָס עסען נישט אין מויל גענומען, געוואָרפען זיך פון איין ווינקעל אין צווייטען, בעהאַלטען דאָס פּנים אין די פאָדלאָגע און געוואויעט, און געוואויעט. אַ שכנה פון דער נאָהענט האָט דאָס וואויען געהערט, האָט זי געזאָגט: „דאָס וויינט, דאָס ציהט דאָס זיין נשמה צום שטן“, און זי האָט דאָך רעכט געהאַט. עס האָט זיך אַזוי לאַנג געוואָרפען, און געשמעקט און אויסגעקוקט, ביז עס האָט דאָך אַ לאָך געפונען, פון וואַנען עס זאָל זיך פון היי-בוידעם אַרויסקריגען. און ווען די מוטער האָט זיך הינטען פאַר'ן הויז מיט דעם רידעל ווי אַ ווילדעם טיער אַרויף און אַראָב געדרעהט, בעשיצענדיג איהם, האָט דאָס זיך דורך אַ בעהאַלטען לאָך, דורך אַ בעהאַלטענעם וועג, צווישען קשאַקעס און שטעכערס, אַז קיינער זאָל דאָס נישט זעהן, אין וואַלד, זיך צו די צירק-לייט געלאָזט...

ביי די צירק-לייט איז היינט קיינער נישט געווען. די מוטערס האָבען זייערע קינדער נישט געלאָזט אין וואַלד אַריין, שרעקענדיג, אַז דאָס איז דער טייוועל מיט מכשפים, וועלכע זענען געקומען נאָך דעם בעשעפעניש — זיי זענען שוין ברייט געווען אָבצופאָהרען אין דער נאָהנטסטער שטאָדט אַריין — נור זיי האָבען געוואָלט דאָס בעשעפעניש מיטקויפען, וועלכעס וואָלט פאַר זיי אַ גוטע סחורה געווען. אין דאָרף אַריין האָבען מורא געהאַט צו געהן מיט דעם פאָטער איבערצורעדען, כדי עס זאָל נישט קיין געוודער ווערען, זיי האָבען איהם אָבגעוואַרט אין וואַלד, וואו קיין מענש וועט נישט זיין.

און אַזוי ווי דער קאָמעדיאַנט מיט'ן רינגעלע אין אויער און מיט די בעמאָלטע הענד שטעהט פאַר די מאַלפּעלעך און וואַרפט זיי פלייש דורך די קראַטעס אַריין, דערהערט ער פון דער נאָהנט אַ בילען ווי פון אַ הונד. ער קוקט זיך אום — ערשט דאָס בעשעפעניש ליעגט פאַר איהם, און פּיעשטשעט זיך צו

איהם, און קוקט אויף איהם מיט אזעלכע בעטענדע אויגען, ווי עס וואלט רעדען געוואלט, און מאכט מיט די ליפען, און ברענגט פון זיך אזעלכע וויינענדע בעטענדיגע קולות, אז דער קאמעדיאנט האט רחמנות געקריגען דערויף, און האט עס ליעבליך מיט דער האנד אויפ'ן קאפ געגלעט, און דאס בעשעפעניש האט זיך געפרעהט, געלעקט איהם די האנד, און געשפרונגען נעגען איהם ווי א הינטעל.

אז אנטאן האט געדארפט פארנאכט אהיים צו פאהרען פון וואלד, האט ער געוואלט ווי אין דער פריה דורך אנ'אנדערן וועג פאהרען, זיך נישט צו בעגעגענען מיט יענע לייט, נור ביים פאהרען האט ער זיך געטראכט, סיי וועט דערפון גארנישט ווערען — די ווערטער האט ער מעהר געזאגט מיט'ן מויל ווי מיט'ן הארץ; פאר'ן הארץ האט ער אנ'אנדערן תירוץ געהאט, אז ער וועט נישט פאהרען דורך דעם וועג, ער וועט נור צופאהרען צום צלם, דערנאך וועט ער אויסדרעהען צום געלען וועג צו — און וועט דארט ארום אהיים פאהרען, — דען דורך דעם גאנצען טאג האט איהם דער שטן דערקוטשעט, האט איהם פארגעשטעלט מאטשיקס בארגשטיק אין פערשידענע צייטען פון יאהר... ער האט מורא געהאט פאר די פויערים, אז זיי זאלען נישט זעהן זיינע געדאנקען, ער האט זיך דערוויטערט פון זיי דעם גאנצען טאג, און אלץ געקלערט וועגען דעם. אויפדערנאכט, האט ער זיך געטראכט, וועל איך אהיים פאהרען דורכ'ן אנדערן וועג, זיך נישט צו בעגעגענען מיט זיי. נור קוים איז ער אנגעקומען צום צלם, האט ער ווי ווייסענדיג אבגעדרעהט אויף דעם זייט וועג, וואו די קאמעדיאנטען זענען.

דער וואלד איז פארנאכט שען שטיל געוועזן, די סאסנען זענען געשטאנען יעדע איינציגע בעזונדער, הויך געשפארט אין הימעל אריין מיט זייערע קעפ און געשוויגען. אנטאן האט זיי נישט דערקענט; עס האט איהם געדאכט, אז ער זעהט צום ערשטען מאל דעם וואלד און דערקענט נישט די סאסנעס; פרעמדע, נייע אנגעקומענע זענען זיי, אזוי שווייגען זיי... דאס הארץ

האָט איהם געקלאַפּט און ער האָט זיך געשראָקען... ער האָט נישט געוואוסט פאר וואָס עס שרעקט איהם, פאר וואָס דאָס הארץ קלאַפּט איהם... דאַכט זיך, ער האָט יעצט איבער דעם גאָרנישט געטראַכט, ער האָט איבערהויפּט וועגען גאָרנישט גע-קלערט... ער האָט גאָרנישט געדענקט... עס איז איהם גאָר-נישט איבערגעבליבען, נור שרעק...

פון דערווייטענס צווישען די בוימער האָט זיך געשפּיגעלט דער רויטער הימעל, איבערגעפלאָסען מיט בלויע וואָלקענס. וועלכע האָבען דורך די בוימער פון וואלד געמאַכט אַ איינדרוק, ווי אַ ברייט ליכטיג וואסער-פעלד פון אַ ים. אין וואַלד דאָ און דאָרט האָבען זיך העלע זון-פלעקען געוויזען, און די בוימער שטע-הען און שווייגען!.. קוקען זיך צו אַלעס צו און שווייגען...

באַלד האָט ער פון דערווייטענס די פוהרען צווישען די בוימער דערזעהן. אַ שטיל גערויש פון דאָרט דערהערט. דער גוי האָט געציטערט און מיט שרעק ווי פאַר עפּעס אונהיימליכעס האָט ער דאָס פערדעל אָבגעשטעלט.

ער האָט געטראַכט, געוואוסט, אַז ער דאַרף אומקעהרען און אַוועקפאָהרען, פלינק, פלינק אַוועקפאָהרען; דאָך האָט ער זיך נישט געקענט ריהרען פון אָרט, ווי אָנגעשלאָגען.

באַלד האָט ער געזעהן, ווי מען דערנעהנט זיך צו איהם, דער דיקער מיט'ן גראָבען בויך, מיט דער בראָנזעלעטע אויף דער האַנד און דער שפּיצרוט אין דער האנד. זיין פּנים האָט ער נישט געזעהן, נור אַ פּיער-קאַנטיג היטעל אויפ'ן קאָפּ. נאָך איהם איז נאָך ווער נאָכגעגאַנגען.

און ווי זיי האָבען זיך דערנעהנטערט צו איהם, האָט זיך דער פּויער געטראַכט: „שוין, אַז ער איז שוין לאַנג פערפאַלען, אַז ער איז אין דער האַנד פון שטן, דער שטן האָט איהם ארומגענו-מען אין זיין מאַכט, געפאַנגען איהם אין זיין נעסט און מוז טהון אַלץ, וואָס ער וועט איהם הייסען.

און ווי די קאָמעדיאַנטען זענען נור צו איהם צוגעקומען, איידער זיי האָבען נאָך אַ וואָרט געזאָגט, האָט דער פּויער זיך אָנגערופען:

— און אויף דריי מאָרגעס וועט איהר געבען?

— מיר וועלען געבען.
— טא איז גוט.
— גוט.
— פאָהרען מיר צו יענקלען.
— פאָהרען מיר.

די קאָמעדיאַנטען האָבען זיך אויף זיין וואָגען ארויפגעזעצט און ער איז געפאָהרען מיט זיי צו יענקלען.

דער גוי האָט געוואוסט, אז ער פאָהרט מיט'ן טייוועל, און ער האָט זיך געוואונדערט, זעהענדיג, אז עס איז גאָר נישט אזוי שרעקליך, ווי ער האָט געמיינט.

און צו שרעקען האָט ער זיך אויפגעהערט, דען עס איז גאָרנישט אזוי שרעקליך געווען, ווי איהם האָט זיך פריהער אויסגעדאַכט.

יענקעל דער קארטשמאַרש האָט זיי אין זיין בעזונדערע שטוב אַריינגעלאָזט, בראָנפען דערלאַנגט, ביער דערלאַנגט. ער האָט נישט געוואוסט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך — האָט ער זיך אויך אָנגעהויבען אַריינצומישען, האָט אָנגעהויבען צו ריהמען דעם פוי־ערס פעלד, דאָס הייזעל. די קיה — געוואָלט זיך אין געשעפט אַריינקריגען. געוואָהר געוואָרען צום סוף, וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, האָט ער זיך אָבגערוקט, מורא געהאַט, און שטיל שווי־גענדיג מיט א גלעזעלטערל אויף די ליפען האָט ער מאַנעקיניש דערלאַנגט צום טיש דעם בראָנפען, וואָס זיי האָבען פערלאַנגט, געהיט זיך מיט אַן איבריג וואָרט און געמאַכט זיך ווי ער ווייס גאָרנישט וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך. איבערהויפט זיי אליין געלאָזט און צו זייניגע, וועלכע זענען הינטער דער טיר געשטאַנען, געזאָגט:

— מיר ווייסען פון גאָרנישט, נישט אונזער געשעפט... זיי ווילען בראָנפען, גיט מען זיי בראָנפען, אַן אָפענע שענק — ווער עס וויל, קומט אַריין.

און די יורענע, וואָס איז הינטער דער שענק געזעסען, האָט

זיך די באַקען געקניפּט, די הענד געבראָכען . . . און דער שטיל געזאָגט :

— אוי וועה, מאַמעלע קרוין ! עס איז דאָך גאָר קיין אומה נישט—אַנ׳אײַגען פלייש און בלוט—ווי קען מען דאָס ? און האָט דאָס מיידעלע געקושט אין קעפּעל, וואָס איז ביי איהר געשטאַנען, מיט גרויס רחמנות, צוטוליענדיג עס צו זיך, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, מען זאָל עס פון איהר נישט אַוועקנעהמען ; איהר גוט אַרומגעוויקעלט דאָס טיכעלע אויף איהר העלזעל, און צוגע= קנעפּעלט איהר דאָס קאַפּטענדעל :

— ערקעלט דיך נישט, קינד .

דער פויער איז שפּעטליך אַהיים געקומען, אַהיים געקומען, האָט ער שוין געפונען די קאָלאַציע אויפ׳ן טיש און די שקציט׳לעך האָבען געוואַרט אויף איהם. שווייגענדיג איז ער אין שטוב געקומען, שווייגענדיג האָט ער זיך צום טעלער געזעצט, ס׳מאָל זיך נישט געצלמ׳ט פאַר׳ן עסען. די גויע האָט איהם געוואָלט דערצעהלען וועגען די נאַראַדע אין דאָרף איבער דעם בעשעפּע= ניש, נור זי האָט עס אָבגעלעגט אויפ׳ן נאָכ׳ן עסען. דער פויער איז בייז געווען. אין מיטען עסען האָט זי זיך דאָך נישט געקענט איינהאַלטען, און האָט אָנגעהויבען צו רעדען.

— אַ יאָשט שי, זיי האָבען זיך געראַדועט, געראַדועט, דעם שניץ אַרויסצוגעבען . . .

דער פויער האָט גאָרנישט געענטפערט, וואָרום דורכ׳ן פענסטער האָבען זיך געהערט פוהרען אַדורכפאָהרען, אַ געלויף פון קינדער נאָך . . . און פון דער גאַס האָט זיך געהערט דורכ׳ן אָפענעם פענסטער אַ קול רופען :

— בעהאַלט׳ס די קינדער, בעהאַלט׳ס די קינדער, דען דער טייוועל פאָהרט דורך !

אין הויז האָבען צוויי שכנ׳טעס געשמועסט :

— געלויבט צו גאָט, פערלאָזט שוין אונזער געגענד.

די גויע האָט שוין מעהר נישט גערעדט דערפון, מורא געהאַט, אַז זי זאָל נישט ברענגען צו קיינע אונאַנגענעהמע סצענעס.

אבגעגעסען, האט די גויע א טעלער געגומען, אין דער שטיל, ווי האלב געגנב'עט, ארויפגעגאנגען, און ארויפגעטראגען דעם בעשעפעניש אין היי־בוידעם.

באלד האט זיך געהערט פון דרויסען א שרעקליך הארץ־געשריי, ווי מען וואלט מיט די פויסטען אין פענסטער געקלאפט.

— אוי יעזו, יעזו, ראטוי, ראטוי! — ראטוי, איז זי אין שטוב אריין, מיט א אונמענשליך געשריי, ווי מען וואלט זי געשאכטען, — חלאפאקא ניעמא...

זי האט זיך אויף דער ערד געווארפען און געשלאגען דעם קאפ אין פארלאגע...

— ראטעוועט, ראטעוועט דעם יונג... ער איז נישטא...

דער פויער האט זיך שווייגענדיג פון טיש אויפגעהויבען. ארויסגענומען דאס געלד פון דער הויזען־קעשענע און אויף דעם טיש געווארפען.

די גויע האט זיך פון דער ערד אויפגעחאפט, צו מיט א בליק פון א וועלפין צום מאן, מיט די הענד אויסגעשטרעקט, באלד האט זי געחאפט א טוך אויפ'ן קאפ, ארויס אויף דער גאס, און וואס כח געהאט געלאזט זיך לויפען נאך די פוהרען.

אויף אלע שוועלען איבער דער דארפס־גאס, וואו די גויע איז מיט א געוואלד אויפ'ן וועג געלאפען, האבען זיך קופקעלעך פוי־ערטעס און פויערים צוזאמענגעקליבען, די גויע נאכגעקוקט, געצלמ'ט זיך, און געזאגט איינע צו דער צווייטער:

— וואס איז צום טייוועל דאס איז צום טייוועל; דו וועסט גארנישט מאכען; געקומען נאך ס'זייניגע און גענומען זיך ס'זייניגע...

די גויע איז געלאפען וואס כח געהאט, שוין ארום אויפ'ן וועג. די נאכט איז צוגעפאלען, די נאכט איז שווארץ געווען, און די ערד האט זיך אין שווארצען געהילט... א קליינער רעגען האט געטריפט, און פון ביידע זייטען וועג די אלטע טאפאלען האבען אויסגעזעהן ווי אנגעלאפענע שדים האבען זיך אהער געקליבען מיט אבגעהאקטע קעפ און שטעהען אויפ'ן וועג. די ערד איז שווארץ ארום און ארום, ווי א ווילדער פערעקשענטער טרויעריגער פויגעל, בויגט דעם קאפ אין די קניהען, און בעהאלט זיך... די גויע האט

זיך געדאַכט, אַז די שדים און רוחות יאָגען איהר נאָך, יעדע טאָפּאָליע איז אַ אָנגעלאָפּענער שד, יעדער שוואַרצער פלעק איז אַ פערשאָלטענער טײַוועל... נשמות פערשאָלטענע... און דאָרט די בוימער אין דער נאַכט מיט זײערע שוואַרצע צווײַגען—אַ פערשאָלטענע משפּחה, פערשטײַנערט געוואָרען אין אַ בוים... געהען איהר נאָך... געהען איהר נאָך און בעטען איהר עפּעס... און די גאַנצע שוואַרצע ערד אַרום און אַרום... ווי אַ שוואַרצער פערשאָלטענער פויגעל, בויגט דעם קאָפּ אין זיך און קלאָגט... און קלאָגט... אַ פערשאָלטענע גרויסע נשמה... וואָס מוטשעט זיך און זוכט אַ רוה... און באַלד האָט זיך איהר געדאַכט, אַז אַלעס אַרום איז אַ ים פון שדים, רוחות רעות, טײַוואָלים, אַז אַלץ, וואָס רינגעלט אונז אַרום, טרינקט אין פערשאָלטענע נשמות, יעדער בוים, יעדער שוואַרצער פלעק, יעדער טראָפּען וואַסער, יעדעס שטיקעל טונקעלע גראָז, איז אַ פערשאָלטענע נשמה, וואָס איז פערוואַנדעלט געוואָרען דורך אַ געהײמען געשפּרעך אין אַ זאַך, און שטעהט און קלאָגט, און בעט זיך, עס וויל אויסגעלײזט ווערען... זי האָט מורא געהאַט מיט אַ פוס צו טרעטען אויף דער ערד, אַז זי זאָל ניט הינטער זיך אַ קוויטשען הערען... און די טאָפּאָלען שטעהען ווי אַלטע שדים און שטעקען אַוועלכע לאַנגע, לאַנגע צונגען אַרויס...

האָט זי פאַר זיך אַ צלם געזעהן, שטעהט צווישען די טײַוואָלים — דער צלם, האָט זיך איהר געדאַכט, אַז דאָס איז דאָס אײנציגע שטיקעל פלעק, אינזעל אין דעם ים פון שדים, — איז זי צו דערצו, אַרומגעכאַפּט מיט בײדע הענד דעם צלם, די האָר זיך אַרום דעם צלם אַרומגעוויקעלט, דאָס פּנים אײַנגעגראָבען, ווי זי וואָלט זיך ראַטעווען געוואָלט פון די נאָכיאָגענדע שדים, און האָט געברומט:

— יעזו! יעזו! יעזו!

און זי האָט געזעהן אַרום זיך די גאַנצע ערד, ווי עס וואָלט אַ ים פון שדים געווען, אַ פערשאָלטענע נשמה... יעדער פלעק— רוחות, טײַוואָלים! — און איבער דעם אַלעס שטעהט אַ גרויסער צלם און אויף דעם צלם הענגט אַ גרויסער, גרויסער קריסטוס מיט ברײטע, לאַנגע הענד, וועלכע ער פערשפּרײט איבער די

גאַנצע ערד און שיצט זי פאַר די שדים... און שוואַרצע וועגען פאָהרען ווייט, ווייט אין אַ שוואַרצען ים אַריין, וואו עס איז דאָרט פול מיט שדים, מיט לצים און רוחות רעות... און איהר „בעשפעניש“ איז אויף די וועגען... און די וועגען פיהרען איהם טיעף, טיעף אין דעם שוואַרצען ים אַריין פון די שדים און טייוואָלים... טיעף טיעף אַריין.

האָט זי צום צלם געברומט, ביי וועלכען זי איז געלעגען:

— יעזו, יעזו, ערבאַרעם דיך אויף איהם! ערבאַרעם דיך אויף איהם!...

א חנ'דעל.

אַחֵנ׳דעֶל.

— וואָס איז ? — וואָס ווילט איהר ? א י ה ר האָט דעֶן חתונה מיט איהר ? — א י ך , א י ך , א י ך ! האָט דער יונג געֶשריגען הויך און בייז.

— אָבער זעה—האָט נאָך געֶפרובט די מוטעֶר טענה׳ן.

— וואָס ווילסטו פון איהם ? עֶר האָט דאָך רעֶכט, — האָט דער עֶלטעֶרעֶר ברודעֶר גדליה צו דעֶר מוטעֶר געֶזאָגט, — אז עֶר וויל זיך דוקא אַ שווארץ יאָהר אויסריכטען, וואָס ווילסטו פון איהם.

דעֶר יונג בעֶריל איז האַסטיג פון שטוב אַרויס און האָט צוגעֶהאַקט די טיר הינטעֶר זיך.

— און וואָס וועֶסטו טהון, אז עֶר וועט זיך גאָר אינגאַנצעֶן פון שטוב אַרויסציהעֶן, די פרנסה נישט אַהיים ברענגעֶן, — קאָנסט עֶפּיס רעֶדען מיט איהם ? עֶר איז דאָך דער גאַנצעֶר פרנסה־געֶבעֶר — האָט די מוטעֶר צום עֶלטעֶרן ברודעֶר געֶזאָגט, נאָך בעֶרילס אַרויסגעֶהן.

דעֶר יונג, וועלכעֶר האָט געֶהאַט די שטוב פעֶרלאָזעֶן, האָט זיך נאָך אַ קלײנעֶר ווײלעֶ אַרויסגעֶלאָזט אין געֶסעֶל און געֶשלאָגען זיך מיט דער דעה וואו עֶר זאָל געֶהן... עֶר איז געֶוועֶן אויפגעֶרעֶגט פון דעֶם געֶשפּרעֶך מיט די עֶלטעֶרן. עֶר האָט אײניגעֶ אַנגעֶשלאָגען אויפ׳ן וועֶג, נישט זעֶהעֶנדיג, און האָט אַלץ געֶ׳טענה׳ט צו זיך: וואָס ווילען זײ ? וואָס ווילען זײ ?

אַז עֶס איז אַ ביסעֶל טונקעֶלעֶר געֶוואָרען, האָט עֶר זיך אַבגעֶקעֶהרט אין אַנ׳עֶק ליקעֶל, צווישעֶן צוויי גאַסען. עֶר האָט זיך אָבגעֶשטעֶלט פאַר׳ן גאַניקעֶל, וואָס איז דאָרט געֶוועֶן אין

א געבויטען הויז, געביסען די ליפען און געקלערט וועגען עפּיס. באלד האט זיך פון פענסטערל, וואס איז איבערן גאניקעל, געוויזען א מיידעלס קעפּעל. צוויי שווארצע קאקעטע אויגען האבען איהם צוגעוואונקען פון א בלייך קליין געזיכטעל ארויס, און א דין קול'כעל האט צו איהם פון דער וויטענס גערופען:

— וואס שטעהסט דו אין דרויסען, בעריל?

בעריל איז צוגעגאנגען בייזליך, נור אויפגערעגט, חאטש אויף זיינע גראבע ליפּען פון זיין ברייטען רויטען געזיכט האט זיך געוויזען א געלעכטערל, און זיינע שווארצע גרויסע אויגען האבען צוגעלויכטען צו איהר — ער האט פאר גדולה די ציינער געוויזען.

— דער טאטע איז דא?

— ניין, ער איז געגאנגען אין גאס. קום אריין.

בעריל איז ארויף אויפ'ן גאניקעל. זי איז איהם געקומען אנטקעגען ביים טיר פון גאניקעל. זי איז געווען אין א לייכט טיכעל איינגעוויקעלט, ווארום עס איז געווען פריהלינג, און איצט האט מען געזעהן די אונגאטירליכע רויטע ליפּען איהרע, וועלכע זענען זעהר דין געווען, — און אז זי האט גערעדט האט זי גע-וויזען איהרע ציינער, וועלכע זענען וויים געווען, אבער נישט גאנץ פול.

— עפּיס ביזטו מיר היינט צוטראגען, — האט זי געזאגט מיט א שמייכעלע, אין וועלכען זי האט אויסגעשטעלט א פּאר גרויסע אויגען מיט א ענערגישען בליק, און מען האט אנגעזעהן, אז אום אנצושטעלען דעם ענערגישען בליק האט דאס דינע מיי-דעלע מיט די קליינע אונענטוויקעלטע גלידער און קינדישען דינעם העלזעל אנגעשטרענגט אלע איהרע כחות, און עס האט איהר שוין נישט מעהר געשטייעט אויף דעם האנד-דרוק, וואס זי האט בערלען אנגענומען ביי זיין גרויסער קרעפטיגער האנד, און דער האנד-דרוק, וועלכער האט געזאלט אויסדריקען איהר טיעפע, שטארקע ליעבע צו איהם, איז ארויסגעקומען זעהר וויך און שוואך.

— אין דערהיים זיך צוקריגט, — האט דער יונג אבגע-ענטפערט נאך מיט דעם פריהעריגען געבייזער, — און האט זיך געבען איהר אויפ'ן גאניקעל אוועקגעזעצט.

א מינוט האָבען זיי ביידע געשוויגען, ווי זיי וואָלטען זיך פערקוקט ערגיץ־וואו.

באַלד האָט זיך דאָס מיידעל אָנגערופען:

— איבער מיר?...

דערביי איז איהר בלייך פּנים'ל אָנגעבלאָזען געוואָרען, און די נישט לויט איהר וואוקס ענטוויקעלטע ברוסט האָט זיך הויך געהויבען. זי האָט מיט איהרע האַלב־אויסגעבראָכענע ציינדעלעך די דינע ליפּ געביסען.

— עס וועט זיי גאַרנישט העלפען, לאָזען זיי שרייען, לאָזען זיי ריידען. ווען זיי וועלען נאָך עפּיס מיר זאָגען, וועל איך מיר גאָר איינגאַנצען אַרויסציהען פון זיי, גאָר איינגאַנצען, — האָט דער יונג מיט א היזעריגער שטים געזאָגט.

— כ'לעבען, זיי וועלען זיך נאָך מיט דיר דעם יחוס איינריידען, — האָט די מוטער פּלוצלונג די טיר פון גאַניק געעפענט. (זי האָט געמוזט הינטער דער טיר דעם יונגס ווערטער הערען). און רופענדיג צום מיידעל, האָט זי אין א שטרענגען טאָן געזאָגט:

— אַריין, רחש'ע, אַריין זאָלסטו מיר געהן. מען קאָן זיך נאָך מיט דיר דעם יחוס איינריידען.

— וואָס שרייט איהר? וואָס שרייט איהר? — האָט דער יונג צו דער מוטער געזאָגט, — וואָס איז?

— אודאי, איך האָב מיך מיט מיין קינד ניט צו שעמען אַז עס געפעלט זיי ניט דער שדוך, דאַרף מען ניט. איך לאָז זיי פון עסק אַרויס! — האָט די יודענע הויך געשריען.

— קומט אַריין! קומט אַריין! נישט אויף דער גאַס! — האָט דער יונג אויפגערעגט געזאָגט.

זיי זענען אַריין אין שטוב; אין שטוב איז האַלב טונקעל און אין דער טונקעלהייט איז די יודענע ערשט אַרויס אויפ'ן קול:

— דו זאָלסט מיר לעבען, מיר האָבען געשיקט נאָך דיר? צו וואָס? זיי מיינען דאָך, אַז מיר האַלטען דיך צו, אַריינגעכאַפּט פון די ראָזענצווייגס א יונג און מען וויל איהם דווקא חתונה מאַכען! מיין רחש'ע קאָן נאָך וואַרטען, נישקשה, זי האָט נישט וואָס צו איילען זיך.

— אפשר שוין גענוג, — האָט דער יונג געזאָגט צו דער יודענע אין אַזאַ טאָן, וועלכער האָט געוויזען, אַז ער איז ניט קיין פרעמדער אין דעם הויז.

— ווירקליך, בעריל, ווען דיינע עלטערן ווילען ניט, אפשר איז עס טאַקע ניט, — און צו רחשען, וועלכע איז געזעסען און געוויינט, האָט זי זיך געווענדעט:

— וואָס האָסטו צו וויינען? נישקשה, דו האָסט נישט וואָס צו וויינען.

דער יונג האָט געקוקט אויפ'ן מיידעל, זי האָט געהאַלטען דאָס פנימ'ל פערשטעלט אין איהרע ביידע הענד, און איבער איהר גלאַטען קאָפּ האָהר, וועלכער איז געווען פערקעמט גלאַט מיט אַ שרינד, פונאַנדערגעפלאָכטענע צעפּ אַרום דעם קאָפּ, האָט געררוהט אַ געוויסער מיידעלשער חן, וועלכער האָט דעם יונג גע־ריהרט, און איהר גאַנצע דינע פיגור, וועלכע האָט זיך איצט אין דער טונקעלהייט פון חדר אַרויסגעוויזען זעהר קינדיש, איז איהם זעהר געפעלען און עס האָט איהם אַרומגענומען זעהר אַ וואַרים רחמנות־געפיהל איבער איהר — און דער יונג האָט מיט די פּיס געטופּעט, די פינגער אין מויל געביסען, און געררופען מיט אַ ווייכער שטים, וועלכע קומט מעהר פון רחמנות־געפיהל איידער פון ליעבע: רחש'ע, הער אויף! — האָט ער איהר געגעבען אַ טרייסעל מיט די הענד, ביי וועלכען דאָס מיידעל האָט זיך שיער אומגעדרעהט.

זי האָט איהרע הענד פון איהר פנים'ל אוועקגענומען און געקוקט איצט אויף איהם מיט איהרע צוויי גרויסע אויפגעעפענטע פייכטע אויגען, מיט'ן זעלבען אַנגעשטרענגטען שטאַרקען בליק וואָס פריהער, נור איצט, מיט איהרע טרעהרען — האָט דער בליק ערוועקט מעהר מיטלייד, ווי די קאָקעטעריי, צוליעב וועלכער ער איז געווען אַנגעשטרענגט. דער בליק פון די פייכטע אויגען האָט דעם יונג נאָך מעהר געררייצט, און ער האָט אָנגעהויבען צו שרייען:

— איך וועל מיר אַ מעשה אָנטהון, איך וויל דאָך חתונה האָבען, איך וויל דאָך...

— וואָס איז? — וואָס איז געשעהן? — האָט זיך פּלוצלונג

א שטים געהערט. א ליכטיגקייט האט אריינגעדרונגען דורך די געעפענטע טיר אין טונקעלן שטיבעל אריין, דערנאך האט א ליכט פון א אנגעצונדען שוועבעלע דאס שטיבעל בעלויכטען, בעריל האט דערזעהן די צוויי אויסגעלאשענע אויגען, וואס זיצען אין דעם בלייכען געזיכט, ארומגעוואקסען מיט דעם שווארצען בערדעל, וואס האט אין דער אויגענבליקליכער ליכט-בעלויכטונג געמאכט אנאיינדרוק ווי א געזיכט פון א טויטען. בעריל האט גאנץ גוט געוואוסט, ווער דאס איז. דאס איז געוועזען איהר פאטער.

קיינער האט נישט אבגעענטפערט אויף זיין פראגע.

דער פאטער האט די לאמפ אנגעצונדען און איז געבליבען שטעהן מיט איהר אין דער האנד.

— וואס איז געשעהן? — פרעגט דער פאטער נאכאמאל.

— ווייסט נישט וואס? די ראזענצווייגס (די יורענע האט אויף בערלען געוויזען) ריידען זיך איין.

— און ווער האט דען געשיקט נאך זיי? — ווער דארף זיי דען דא? — האט זיך דער פאטער אנגעהויבען צו קאכען, — נור קאכען זיך לאנג האט ער נישט געקאנט, עס האט איהם באלד געשטיקט דער הוסט, און זיין קול איז געווארען הויל, הייזעריג און אונפערשטענדליך.

— שטיל דיך איין, שטיל דיך איין, האט די יורענע פון איהם די לאמפ גענומען און איהם אוועקגעזעצט. דאס מיידעל האט אויפגעהערט צו וויינען, איז געלאפען, געבראכט א גלאז וואסער, און דער יונג איז געשטאנען דערביי, ווי מען האט דעם פאטער דאס וואסער אין מויל אריינגעגאסען, און זיך די הענד געבראכען, ביים קאפ זיך געריסען און געשריען: „וואס זאל איך טהון?“, „וואס זאל איך טהון?“

אז לייזער שפילטער האט זיך בערוהיגט, האט ער זיך גלייך געשטעלט, געווארט א מינוט, אזוי ווי ער וואלט געווארט, ביז אלע גליעדער וועלען ביי איהם פארטיג זיין צום דיענסט, אנגעצויגען די אדערן אין דעם האלז, און אויך ווי די טאכטער געשטארקט זיך, א שטרענגען בליק פון דעם הרוב'דיגען פנים מיט די אויסגעלאשענע אויגען ארויסצוקריגען, — האט ער צום יונג מיט א ערנסטער שטים געזאגט, וועלכע איז געוועזען פערחריפעט

(און געהערט האָט זיך, אַז זי קומט ניִשט אַרויס פון גאַנצע לונ־גען — און דאָס האָט נאָך מעהר ערנסטקייט זיין שטים געגע־בען): — ביז די תנאים וועט ניִשט זיין, וויל איך ניט, אַז דו זאָלסט דיך מיט רחש'ען זעהן, — זי איז אַ מיידעל, דו ביזט אַ יונגער־מאַן, — דו פערשטעהסט, אַז עס איז גלייכער. — רחש'ע, אַריין אין שטוב אַריין! — האָט ער דעם מיידעל געוויזען אויף דער טיר פון דער צווייטער שטוב.

— אַ גוטע נאַכט, — האָט דער יונג געזאָגט, און גענומען זיך שטיל אַרויסצוגעהן, וואָס דאָס האָט געוויזען נאָך מעהר זיין אויפגערעגטקייט. — און דער שאָטען פון זיינע ברייטע פּלייצעס האָט זיך איבער דער וואַנד פערצויגען, אַוועקגע־נומען אַ האַלב שטיבעל און אין זיך אַריינגענומען דעם פאָטער מיט דער טאָכטער.

דעמזעלבען אָוועגד, ווען די מוטער האָט בעֶרלען צום טיש געגרייט, האָט ער געחאַפּט דעם טעלער מיט די זופּ און געגעבען אַזאַ זעץ אין דר'ערד, אַז די קאַרטאָפלעס פון דער זופּ האָבען זיך אויפ'ן באַלקען געזעצט.

ביי דעם יונגם עלטערן, ביי די ראָזענצווייגס, איז דער שדוך מיט לייזער שפּילטערס טאָכטערל ניִשט געווען בלויז אַ יחוס־פראַגע. טאַקע די ראָזענצווייגס, וועלכע האָבען זיך גע־גערעכענט פאַר איינע פון די שענסטע משפחות אין שטעדטעל, איז ניִשט אָנגעשטאַנען דער שדוך מיט לייזער'ן, אויף וועלכען עלטערע מענשען דערצעהלען, אַז זיינע יונגע יאָהרען איז ער ניִשט געווען קיין גרויסער צדיק... דייטש געקליידעט, און צופיעל מיט'ן שררה פון שטעדטעל קיין ווארשוי געפאָהרען, און אַ גאַנצער „פייערלעשער“ געווען, — איז ער ניִשט געווען אַ גע־איינגעטער מחותן פאַר ר' יצחק ראָזענצווייג, דער פרומער שטאַר־קער בעל־הבית, וועלכען אַלע איינוואוינער פון שטעדטעל פלעגען זאָגען צום ערשט מיט כבוד „גוט מאָרגען“, ווען זיי האָבען איהם בעגעגענט מיט טלית און תפילין אין בית־המדרש געהען דאַווּ־נען. נור דער אַלטער ר' יצחק איז שוין טויט געווען. עס איז

איבערגעבליבען די אלמנה מיט זעקס זיהן, איינם גרעסער פון צוויטען, און קיין מלאכה האט איינם נישט געהאט געלערנט (פאר ר׳ יצחק ראזענצווייג האט נישט געפאסט, אז זיינע קינ־דער זאלען בעל־מלאכות ווערען). און דערנאך, אז דאס „גע־וועלב״ איז גאס, וועלכעס האט נאך אנגעהויבען שלעכט צו געהן ביי ר׳ יצחק׳ס לעבען, האט נאך זיין טויט גאר שלעכ־טע געשעפטען געמאכט, אזוי אז עס האט נישט געקאנט דער־נעהרען דאס הויז־געזינד, — איז דאס גאנצע הויז־געזינד צו־פאלען. יעדער יונג האט פאר זיך געמוזט אנהויבען צו זארגען און זיי זענען זיך צופאהרען אויף זיעבען ימים: דער — נאך אמעריקא, דער — נאך לאדז. דאן האט זיך בעריל אויסגע־לערנט א קאמאשען־שטעפער. א שטוב האבען זיי נאך געהאט, וואס האט געהערט צו זיי, האט ער זיך א פאר מאשינען אריינ־געשטעלט און איז געווארען א בעל־מלאכה פאר זיך. דער יונג איז פעהיג געווען, א געשיקטע האנד, האט ער אנגעהויבען אליין צו מאכען ארבייט פאר זיך און פערדינען זעהר שען, און נאך דער מאמען צוגעהאלפען. דורכדעם האט מען פאר איהם דרך־ארץ אין שטוב געהאט און מורא געהאט זיך שטארק געגען איהם צו שטעלען.

עס האט זיך געמאכט, אז ער האט זיך בעקענט מיט דעם שפילטערס מיידעל, אמאל, א שבת, אין א גארטען, און ער האט זיך איינגעליעבט אין איהר און אנגעהויבען ארויפ־צוגעהן צו זיי אין שטוב אריין.

ליזער שפילטער, וועלכער פלעגט זיין אנ׳אפטער אריינ־געהער ביי זיי אין הויז, ווען דער אלטער ר׳ יצחק האט נאך געלעבט און דאס הויז איז געווען אין א מדרגה, האט דעם יונג גוט געקענט אלס קינד, און טאטע־מאמע האבען זעהר גערן געקוקט, וואס עס וועט פון שדוך ווערען. דער יונג איז געווען א פערדיענער און איינער פון די שענסטע משפחות אין שטעד־טעל... ביז זיין מוטער איז דערפון געוואהר געווארען און האט צוגערופען איהר עלטערן זון גדליה׳ן, און זיי האבען מיט דעם יונג געמאכט א געוואלד.

ווארום, ווי געזאגט, איז ניט געווען בלויז דער יחוס דא

אין שפּיעל. די יודענע, וועלכע האָט נאָך איהר מאַנס טויט ניט געהאַט שוין איין חרפּה אויסצושטעהן, האָט זיך שוין געהאַט צו אַלץ צוגעוועהנט. די עלטערע יונגען האָבען געטהון שדוכים, אויף וועלכע די יודענע האָט געזאָגט, אַז איהר מאַן קאָן אין קבר נישט איינרוהען, וויסענדיג ווער זיינע מחותנים זענען. דאָך איז ר' יצחק גאַנץ רוהיג אין קבר איינגעלעגען און די יונגען האָבען געטהון, וואָס זיי האָבען געוואָלט. זי וואָלט דאָ אויך שטילגעשוויגען. נור דאָ האָט זיך געהאַנדעלט אום דעם, וואָס דער יונג, וועלכער איז אַרויסגעקומען פון אַ שטאַרקער, געזונדער משפּחה, איז געווען הויך, ברייט און שטאַרק געבויט, — האָט געקאָנט זיין געליעבטע, וועלכע האָט איהם קוים דערגרייכט צו דער ברוסט, בעהאַלטען אין איין אַרבעל זיינעם, ער האָט זיך גאָר נישט געאייגענט פאַר דעם מיידעל, וואָס איז געווען, ווי איהר פאָטערס אַ קינד, דין, מיט ווייכע, דינע ביינדלעך, און וואָס איהרע, דעם מיידעלס פאָטער-מוטער האָבען זיך ניט געסטאַרעט זי אויסצופּאַשען און פעט צו מאַכען, איז זיי נור געלונגען אָנצוהענגען אויף איהרע דינע ביינדלעך אַ סך פעטס, וועלכעס האָט נישט געשטימט מיט דער דינקייט פון האַלז און פון איהר טאַליע, און ווי הויך איהר ברוסט איז נישט געווען ענטוויקעלט, און אַרום הינטען, דאַכט זיך, אַ שפּאָר ברייט מיידעל... דאָך האָט איהר גאַנצעם אויסזעהן געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַ קליין אונענטוויקעלטעם קינד, וועלכעס טראָגט אַ הויכע ברוסט און אַ ברייט קליידעל, נישט לויט איהרע יאָהרען...

דער יונג האָט אָבער דאָס נישט געזעהן. אויף איהם האָט אַנ'איינדרוק געמאַכט איהר פּנים'ל, וועלכעס איז געווען פון אַ בלייכער הויט, מיט אַ נישט-נאַטירליכער רויטער פאַרב, האָט געהאַט אין זיך פערבאָרגען אַ געוויסען מיידעלשען חן: אַ קורץ, דין נעזעל, וועלכעס זי האָט אויסגעשטרעקט פאָראויס מיט די אויגען, און אַ קליין מיילכעל מיט דינע רויטע ליפּעלעך, וועלכע זי פלעגט בייסען פון צייט צו צייט מיט די דינע, נישט פולע ציינדעלעך, אַז זיי זאָלען רויט זיין. און דער עיקר — די אויגען. אויגען האָט זי געהאַט ברוינע, אונטער שיטערע

ברעמען, וועלכע זי פלעגט צופארבען, אז זיי זאלען מעהר איינדרוק מאכען, און איהר גאנצע ענערגיע האט זי אנגעשטרענגט אויף דעם בליק, אז ער זאל ארויסקומען שטארק, ענערגיש און איינדרוקספול. און אן'איינדרוק האט זי דוקא געוואלט מאכען מיט דעם, וואס זי האט צום וועניגסטען געקאנט — מיט איהר פיזישער שטארקייט. אז זי האט מיט וועמען גערעדט, האט זי זיך געגעבען א שטעל אוועק, אויפגעעפענט ברייט די אויגען, הויך געעטעמט מיט דער ברוסט און איהר געזיכט האט אנגענומען א אונגאטירליכעס בעלעבען. מיט א דין קאקעטיש שמייכעלע אויף די ליפען איז זי געשטאנען אזוי גראציעז, האט פון צייט האלב די אויגען פערגלאצט און קאקעטירט מיט איהר הויכער ברוסט און דינע פיסלעך. נור לאנג האט איהר בליק ניט געקאנט אנהאלטען. זי פלעגט פון דער אנגעשטרענגטקייט צו בעלעבען איהר געזיכט באלד מיעד ווערען. די אויגעלעך זענען שוין שלאפען געגאנגען, די ליפעלעך בלאס געווארען, און די גליעדערלעך זענען פערלארען געגאנגען אין די פיעל פעטס, וואס זי האט געהאט אויף איהרע דינע ביינדעלעך, און עס האט זיך באלד ארויסגעוויזען די ארימע ירושה, וואס זי האט פון איהר פאטער גע'ירש'עט...

דעם יונג האט זי שוין געקענט פון לאנג. אלס קינדער האבען זיי זיך געשפיעלט צוזאמען, שכנים געוועזען; עלטער געווארען — זענען זיי פרעמד געוועזען. אז זיי זענען דערוואקסענע געווארען, האבען זיי זיך בעגעגענט און פערליעבט זיך. אזוי, ווי געזאגט, האבען אויף דעם יונג געמאכט אן'איינדרוק איהרע הנ'דעלעך. אז זי האט גערעדט מיט איהם, האט זי העכער געהויבען די ברוסט, און דער יונג האט דערפילהט א געשמאק פון פארפום... און געקוקט אויף איהם ליעבליך מיט די אויגען, און גערעדט צו איהם האלב פויליש, עלעגאנטיש, און האט ביי יעדען זאץ אריינגעווארפען דאס ווארט „וושאק", און גערעדט מיט איהם וועגען דעם טאנץ-מייסטער, וואס האט זיך אריינגעצויגען אין שטעדטעל:

— וושאק אי פאן טאנטשי?

דאס איז אזוי איידעל געוועזען!

אויף דעם יונג האבען די ווערטער א גרויסען איינדרוק גע-

מאַכט, און חאָטש באַלד איז איבערגעגאַנגען דאָס געשפּרעך אויף יודיש, דאָך דאָס וואָרט „פּאַן“, וועלכען זי האָט איהם געזאָגט אין דער פּוילישער שפּראַך, האָט איבערגעלאָזט אַ אונפערגעסליך אָנדענקען אויף איהם.

און אין די זומערדיגע פאַרנאַכטען, ווען ער איז מיט רחש'ען אין שטאָדט־פּאַרק שפּאַצירען געגאַנגען, און איהר פון גערטנער אַ „ראָזשע“ (אַ רויז) געקויפט, און זי האָט עס געשמעקט, איז געשפּראָכען געוואָרען פון „ראָזשעס“ — דאָס איז געוועזן אַזוי איידעל, אַזוי פיין, אַזוי געבילדעט...

דער פאָטער, לייזער שפּילטער, האָט גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס ער טהוט, דאָס וואָס ער האָט פערבאָטען דעם יונג צו זעהן זיך מיט דער טאָכטער — דאָס האָט נאָך מעהר גערייצט זיין ליעבע. זי האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט פיעל שענער, ווי ביז איצט, און דער יונג איז שיער ניש אויסגעגאַנגען פאַר בענקעניש. אלע פאַרנאַכט האָט ער זיך געדרעהט פאַר'ן גאַניקעל, הין און צוריק, און די ליפּען זיך געביסען פאַר אויפרעגונג. ער האָט זיך געשעמט פאַר די פאַרבייגעהענדע. אַלע האָבען איהם געקענט, און אַ האַלב געסעל האָט געוואוסט פון דער „ליעבע“. פלעגט ער זיך באַהאַלטען אין אַ הויז געגענאיבער דעם גאַניקעל און אריבערקוקען. און רחש'ע האָט „געפיהלט“, אַז ער שטעהט דאָרטען, האָט זי אַרויסגעשטעקט איהר קעפּעל. דער יונג האָט דערזעהן איהרע אויגען און דעם בליק, און דאָס שטילע חנ'עווידיגע שמייכעלע, וועלכעס האָט געלויכטען איבער איהרע ליפּעלעך, און די בלייכע, ראָזע קאָלירטע בעקעלעך, — און דאָס אַלץ האָט אַהין געלויכטען צו איהם, און אויף דעם אַלעם איז אַזאַ שען, איידעל הנ'דעל געלעגען, אַז איבער דעם יונגס ליעדער האָט זיך צוגאָסען אַ וואַרימקייט, און אַ שמייכעל פון פרייד האָט זיינע גראָבען ליפּען פערקרימט און געוויזען אַ קאַסטען ציינער... נאָר באַלד איז דאָס קעפּעל פערשוואונדען געוואָרען, דאַן פלעגט פון פענסטערל, וואָס איז איבער דעם גאַניקעל, עפּיס אַרויספאַלען, דער יונג פלעגט צולויפען עס אויפחאַפּען. דאָס איז געווען אַ בריוועל, אין וועלכען עס האָט זיך געפונען אַ פּאָר פערטריקענטע בלעטער פון אַ „ראָזשע“ (אַ רויז) און עס האָט זיך דאָרט געהאַנ־

דעלט וועגען דעם „מאנד” און די „שטערען” און דער אייביג „הימלישער ליעבע” מיט די „ענגעלס”, און דאס איז אזוי איידעל געווען, אזוי פיין, אזוי געבילדעט, אז דער יונג פלעגט שלאפען דערמיט א גאנצע נאכט, און עס בעדעקען מיט קושען פון זיינע ברייטע גראבע ליפען, וועלכע האבען זיך גאר נישט צוגעפאסט צו אזעלכע זאכען . . .

און עס האט גארנישט געהאלפען . אין א פאר וואכען ארום איז די תנאים געווען, און נאך שבת נחמו — די חתונה .

ווען בעריל איז געבליבען איינער אליין מיט זיין יונג ווייבעל, און ער האט געזעהן, ווי זי טהוט זיך אויס, איז זי איהם א ביסעל מאדנע געווארען, — איין קליידעל נאכ׳ן צווייטען איז געפאלען פון איהר, און זי איז געבליבען שטעהן א קינד פאר איהם, עפיס מיט מאדנע דינע פיסלעך, וועלכע האבען זיך איהם געדאכט, אז זיי ברעכען זיך אונטער דעם דיק, פעט קערפערל, — און ער האט פאר עפיס מורא געקראגען . . . נור איהרע אויגעלעך האבען געשמייכעלט, און די ליפעלעך זענען רויט געווען — און דאס ליכט איז געווארען פערלאשען , און עס איז פינסטער געווען . . .

נור פון דענסטמאל אן האט דער יונג עפיס מורא . קוקענדיג אויף דאס ווייבעלע, ווי זי שטעהט ביי דער קיך , און בעוועגט זיך אהין און אהער, — האט ער מורא, אז די דינע פיסלעך, וועלכע ער האט אמאל געזעהן, זאלען זיך נישט ברעכען אונטער איהר. אז ער האט זי אמאל געזעהן פלינק געהן איבער די טרעפ — האט ער זיך געוואונדערט, ווי די קליינע דינע פיסלעך קאנען אזוי פיעל אויף זיך טראגען, און ער האט מורא געהאט . . . און אז ער האט געטראכט דעריבער, האט ער די ליפען געביסען .

און דאס שטיבעל, וואס זי האט איהם אויפגערויטט און צוגויפגעשטעלט נאך זייער חתונה, האט אויך אנגענומען אזא חאראקטער : דער טיש און די ביינקלעך האבען געהאט דינע גע-

טאַקטע פּיסלעך, אַזעלכע מעבעל, אַזוי אַז דער יונג האָט מורא געהאַט זיך אַרעגטלעך אוועקצוזעצען אויף אַ בענקעל, אַז עס זאָל ניט קנאַקען אונטער איהם. אַלץ אין שטוב איז געווען ווי פאַר אַ קינד, און אַלץ אַזוי אויסגעשטעלט, אַז דעם יונג האָט זיך געדאַכט, אַז עס וועט אַראָבפאַלען און צובראָכען ווערען. פאַר'ן שפּיגעלע זענען געשטאַנען פערשידענע טעלערלעך, און פאַרצעלייענע גאַלאַנטעריי, און יעדעס מאָל, ווען דער יונג איז צוגעגאַנגען צום שפּיגעלע, האָט ער עפּיס צובראָכען...

— אויף הינער־פּיסלעך שטעהט דאָס אַלץ! — שרייט דער יונג.

דאָס ווייבעל פלעגט דאַן בלייך ווערען — איהרע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען, נור דאָס בלייכע פּנים'ל (וואָס איז צייט נאָך נאָך דער חתונה נאָך בלייכער און איינגעפאַלענער געוואָרען) האָט אויף דעם יונג געמאַכט אַנ'איינדרוק, אַז די אויגען האָבען זיך ניט אין וואָס צו האַלטען און פאַלען אַרויס פון די צוויי ביינער, און דעם יונג האָט אַ שרעק אָנגעהאַפּט, פלעגט ער די ליפּען פערביסען און זיך אַליין פּאַטשען:

— איך בין אַ חזיר, אַ פּאַדלעץ! — איך וועל ניט מעהר.

זי, אָבגעשוואַכטערהייד, האָט זיך אויך געזעצט אויף אַ קאַנאַפּע, און האָט הויך אָבגעעטעמט, און אויף דעם בלייכען שטערן זענען אַנגסטען אַרויס.

דאָס האָט דעם יונג אַזוי אויפגערעגט, און דערביי האָט איהם אַזאַ טיעף רחמנות־געפיהל אַרומגענומען איבער דעם ווייבעל, אַז ער האָט זיך אויף דר'ערד געוואָרפען און געשלאָגען זיך מיט די הענד אין פּנים אַריין:

— רחש'ע, רחש'ע, איך בעט דיך, הער אויף, הער אויף!—און ער האָט זי אָנגעהאַפּט ביי דער האַנד, אַז זי איז שיער געפאַלען אַריבער איהם.

זי האָט איינענטליך ניט געוואוסט, וואָס זי זאָל אויפהערען, זי האָט שוין זיך לענגסט כמעט בערוהיגט און האָט שוין לענגסט געוואָלט אויפהערען, נור די אַנגסטען זענען אַרויס אויף איהר שטערן אונווילענדיג און אונוויסענדיג.

דאָס ווייבעל איז אַריינגעקומען אין די הויכע חדשים, איהר

געשטאַלט האָט אָנגענומען אַנ׳אוננאַטירליך אויסזעהן ; זי איז ברייטער געווען ווי העכער , — און דער יונג האָט זיך געוואונדערט , אַז זי לעבט נאָך — — — ער האָט זי נישט געלאָזט שטעהן , ער האָט זי נישט געלאָזט געהן און נישט בעוועגען זיך , און אַז ער האָט זי געזעהן אויפהויבען זיך פון דער קאַנאַפּע , וואו זי איז געלעגען גאַנצע טעג , האָט דער יונג געמאַכט אַזאַ געוואַלד , אַזוי ווי עס וואָלט חלילה אַנ׳אומגליק געשעהן :

— רחש׳ע , לעג זיך , געדענק אָן גאָט , לעג זיך !

און רחש׳ע האָט זיך צוריק אַוועקגעלעגט . די מוטער האָט געוואַכט איבער איהר גאַנצענע טעג , צום רב געלאָפען , געלאָזט מתיר זיין , אַז מען זאָל איהר פלייש אויף פוטער מעגען בראָטען , פון גויאישען ווייַנהענדלער וויין געלאָזט בריינגען , וואו עס איז נור געווען אַ שטוב אין דעם געסעל , אַ פרייש ביסעל יויך האָט מען רחש׳ען געבראַכט . אַלע האָבען געוואַכט איבער איהר : דער פאָטער , די מוטער און דער מאַן ; יעדער איינער איז יעדע ווייַלע מיט עפּיס אַנדערש געקומען און זיך געבעטען ביי רחש׳ען : „נור פּערזוך” , „נעהם צו דיר” , „אַ געזונד זאָל דיר זיין” . ווער עס האָט נור אין געסעל אַ ביסעל גוט אייַנגעמאַכטס געהאַט , ווער נור אַ ביסעל אַלטען וויין , האָט מען צוזאַמענגעשלעפּט צו רחש׳ען , און דו ליעג רוהיג , ריהר דיך נישט , חלילה — „אַז דו זאָלסט געזונדערהייד איבערקומען” !

און רחש׳ע איז טאַקע געלעגען אויף דער קאַנאַפּע — האָט זיך נישט בעוואויגען , — נור איז וואָס אַמאָל ברייטער געוואָרען , אַז דער יונג האָט זיך געוואונדערט : גאָט , ווי קאָן זיך דאָס אַלץ אויף די דינע פיסלעך האַלטען ?

און דאָס חנ׳דעל אויפ׳ן פּנים׳ל האָט דוקא נישט אָבגעלאָזט , די אויגעלעך האָבען נאָך פון צייַט צו צייַט אָנגעשטעלט יענעם בעקאַנטען אָנגעשטרענגטען בליק , — אַזאַ בליק פלעגט זי שענקען דעם יונג , ווען ער פלעגט אַרייַנקומען פון ווערקשטעל אין זיין פאַרטוך אָנגעטהון , און צוגעהן צו איהר , און פרעגען זי מיט אַ ציטערנדער שטים , ווי ער וואָלט מורא געהאַט , אַז זיין שטים זאָל איהר נישט שאַדען :

— וואָס מאַכסטו , רחש׳ע לעבען ?

און זײַנע אויגען האָבען געבלישטשעט און ער האָט געמאַכט צו איהר אַ שמײכעלע, ער האָט זײַנע צײהן בעוויזען, כדי צו ערפרעהען, — און זי האָט פון הינטער איהר פּנים׳ל אויך געשיקט צו איהם אַ שמײכעלע, און דאָס „חנ׳דעל“ האָט זיך געוויזען אויף איהרע בלײכע ליפּעלעך.

דער יונג האָט איהר געגלעט מיט דער האַנד איבערן רוקען. נאַ: נאַ, — און געהײסען, אַז זי זאָל שטיל זײַן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז דער „בליק“ און דאָס „חנ׳דעל“ זאָל פון איהר נישט צופיעל כח אַוועקנעהמען.

און אײנמאָל איז ער אַרײַנגעקומען אין אַ פאַרנאַכט פון זײַן ווערקשטעל אויף די שפּיץ נעגעל, — איז לײַכט צו צו דער קאַנאַפּע, און האָט געזעהן, ווי זי שלאָפט, און זי האָט הויך און שווער אָבגעעטעמט. עס איז שוין געווען פאַרנאַכטליך, אין צימער איז טונקעל געווען, און איהר געזיכט איז אַזוי בלײך געווען, און איהרע אויגעלעך האָבען זיך בעהאַלטען טיעף אַרונטער אונטער איהר שטערן, און גרויסע טראָפּען שווײס זענען גערונען אויפ׳ן שטערן, און די ליפּעלעך זענען געווען עפּיס מאָדנע פערקרימט, און די נאָזלעכער זענען ברײט געווען און הויך געעטעמט, — גאָט מײַנער, אַזאַ רחמנות האָט דעם יונג אַרומגענומען איבער דעם ווײַבעל, דאָס פּנימ׳ל מיט די פערקרימטע ליפּעלעך האָבען איהם בײַם האַרץ אַ נאָג געגעבען, און ער האָט זיך דאַן בעטראַכט ווי אַ גזלן, וואָס קוקט אויף זײַן געשאָכטען קרבן. און אַז ער האָט געגעבען אַ קוק אויף איהר ברײַטקײַט, האָט ער אַ שרעקליכע גרימאַסע געמאַכט, און זיך גערופען „פּאָרלעץ“...

דאָס ווײַבעל איז געגאַנגען צו־קינד.

דער דאָקטאָר אין זײַן ווײַסען פאַרטוך מיט די אַרויפגעקאַשערטע אַרבעל איז אַרויס פון צווײטען צימער, וואו די קינפּעטאָרין איז געלעגען, — נאָך איהם איז נאָכגעלאָפען בעריל, דער יונג, בלײך, מיט אויפגעפּעפּענטע אויגען און מיט מאָדנע פערקרימטע ליפּען, ווי ער וואָלט געוואָלט װײנען, האָט דעם דאָקטאָר מיט אַ געבעט אין די אויגען אָנגעקוקט.

— פֿאַני דאָקטאָר, פֿאַני ! — האָט ער אָנגעכאַפּט דעם דאָקטאָר בײַם אַרבעל .

דער דאָקטאָר, אַ יונגער־מאַן מיט אַ שפּיציג בערדעל, האָט די ברילען פֿון די אויגען אַראָבגענומען, געפֿינקעלט מיט די אויגען און געזאָגט זעהר ערנסט און נערוועז:

— עס איז אַן'אונמעגליכע זאַך . דאָס קינד איז צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי זי . איך ווייס נישט ווי אַזוי עס האָט זיך ערהאַלטען . עס מוז אַ לעבען קאָסטען , אַ לעבען קאָסטען ! — האָט דער דאָקטאָר געשריען אויפֿגערעגט, — ווי האָט מען דאָס חתונה מיט אַזאַ אונענטוויקעלט קינד ? — האָט דער דאָקטאָר זיך געבייזערט , קוקענדיג אויפ'ן יונג .

— אָבער עס לעבט נאָך , דאָקטאָרשי ? — האָט דער יונג געשריען — עס לעבט נאָך , אינוויינינג ?

— עס לעבט נאָך ! עס לעבט נאָך ! — האָט דער דאָקטאָר גערעדט אויפֿגערעגט , — אָבער איך ווייס נישט , ווי אַזוי — אונמעגליך , סיידען עס וועט דער מוטערס לעבען קאָסטען .

— וואָס איז ? ווי ? ווי ? — האָט לייזער שפּילטער געהע־שעט , אַרויסקומענדיג פֿון דער קינפּעטאָרינס צימער , אַ בלייכער ווי טויט , אַז די נשמה האָט איהם געפּאַכט פֿאַר דער נאָז , און מיט איין האַנד האָט ער זיך פֿאַר'ן האַרצען געהאַלטען , און האָט שווער די לופֿט געכאַפּט , — וואָס איז , דאָקטאָר ?

— אוי , שוועהר לעבען , עס לעבט נאָך ! — האָט דער יונג געזאָגט אין אַזאַ טאָן , אַזוי ווי לאַכען און וויינען וואָלטען זיך צונויפֿגעמישט , און האָט געציטערט ווי אַ קליין קינד , און מיט די הענד געבעטען דעם דאָקטאָר פֿון דערווייטענס , און דאָס פּנים זיינס האָט זיך אַזוי פֿערקרימט צום שמייכעל , און די טרעהרען האָבען זיך איהם געוויזען אין די אויגען .

— אָי , דאָקטאָר , עס לעבט דאָך נאָך ! — שוועהר , שוועהר , עס לעבט דאָך אינוויינינג !

דער שפּילטער איז געשטאַנען ווי פֿריהער מיט דער בלייכער שרעקענדיגער פֿראַגע אויף זיינע ליפּען , און אָנגעקוקט דעם דאָקטאָר מיט יענעם בליק , וועלכער האָט דערמאָהנט דער טאָב־

טערם, נור מיט שרעק.

— ווי מאַכט מען דאָס חתונה אַזאַ קינד פאַר אַזאַ יונג? — ווײַזט דער דאָקטאָר אויף דעם יונג, — ווי מאַכט מען דאָס חתונה אַזאַ אונענטוויקעלט קינד? זי האָט נישט געטאָרט חתונה האָבען! — שרײַט דער דאָקטאָר אויפגערעגט, — נישט געטאָרט — עס וועט איהר לעבען קאָסטען!

— וואָס? — האָט דער בלײַכער יוד אַזש אויסגעשריען מיט אַזאַ געזונדען געשרײַ, ווי ער וואָלט אוים אַ פּאָר געזונדע ברוסטען ארויסגעקומען, און דאָס איז געוועזען אַזוי אונגאַטירליך פאַר דעם בלײַכען געזיכט פון דעם יודעל.

— ניין, ניין, ניין! — האָט דאָס יודעל געשריען, ווי עס וואָלט זיך עפּיס געהאַנדעלט אום אַ שלעכט געשעפט, און די אויגען האָבען איהם מיט אַמאָל אָנגעהויבען צו בלישטשען און די הענד צו ציטערן. — ניין, ניין, ניין! — האָט דאָס קליין יודעל געשריען מיט אַ אונמענשליכער שטים.

— וועט מען דאָס קינד מוזען צושנײַדען, צוצוויען — קיין אַנדער עצה איז ניטאָ, אַ אונמעגליכע זאַך. ווי האָט מען דאָס געלאָזט חתונה האָבען? — האָט דער דאָקטאָר געשריען הויך אויפגערעגט און בײַז.

— אָי, געוואַלד, עס לעבט דאָך נאָך! — האָט דער יונג געברומט און טרעהרען זענען איהם אַרויס פון די אויגען, און ער האָט געחליפּעט ווי אַ קליין קינד, — עס לעבט דאָך נאָך! — און ער האָט זיך געהאַקט מיט'ן קאָפּ אָן וואַנד, און האָט די פינגער געביסען, און געוויינט ווי אַ יונגעל, — עס לעבט דאָך נאָך, שוועהר, עס לעבט דאָך נאָך! — דאָקטאָרשי, דאָקטאָרשי!

— מײַן איינציג קינד, מײַן איינציגע טאָכטער, מײַן איינציג קינד! — האָט דער יוד הויך גע'טענה'ט, און קאַלטע טראָפּען שוויים האָבען איהם געגעבען אַ זעץ אַרויס אויף דעם שטערן, — דאָקטאָר, — האָט ער שוואַך אַרויסגערעדט און שווער אָבגעטעטעמט, און האָט אַ פּאָר סעקונדען נישט קיין וואָרט געקאָנט רײדען.

— דאָס קינד איז אַ געזונדס און עס לעבט, — האָט דער דאָקטאָר ווי פאַר זיך געזאָגט מיט אַ קרעכץ'

— עס לעבט נאך ! עס לעבט נאך !— האט דער יונג געחליפעט .

— געוואלד, זי חלש׳ט , דאקטאר ! — האט די מוטער דעם קאפ פון דער קינפעטארינס טיר ארויסגעשטעקט — דאקטאר !

— מיין טאכטער ! מיין טאכטער ! האט דער שפילטער גע־געבען א האפ דער דאקטאר מיט אזא קראפט , אז דער דאקטאר האט זיך אומגעקוקט אויף איהם , וואונדרנדיג זיך , פון וואנען בעהמט זיך ביי דעם יודעל אזא קראפט .

ער איז אריין נאכ׳ן פאטער צו דער קינפעטארין .

דער יונג האט זיך געגעבען א ווארף אן דר׳ערד און זיך אנגעהויבען די האהר פון קאפ צו רייסען, און געשריען און געברומט מיט א אונמענשליכער שטים.

— מאמע , מאמע , עס לעבט נאך ! — האט דער יונג אנגעחאפט ווי א קינד דער מוטערס שירץ , ווען די מוטער זיינע איז ארוים פון דער קינפעטארינס צימער און זיך געאיילט פלינק מיט א טעפעל אין קיך אריין , — מאמע , מאמע לעבען , מיין קינד , איך וועל אויסגעהן ! — עס לעבט , מאמע , עס לעבט !

— אי , בעריל , וואס האסטו געטהון ? — האט די מוטער געוויינט און איז אריין אין קיך מיט׳ן טעפעל .

דער יונג האט זיך אויפגעחאפט און איז ארוים מיט א גע־וויין אין גאס , ארונטער אין בית־המדרש , געחאפט א תהילים און זיך אוועקגעשטעלט פאר׳ן עמוד , און האט זיך אנגעהויבען צו שאקלען , אבער תהילים האט ער נישט געזאגט , נור ער האט געחליפעט מיט א געוויין .

— אי , רבונו של עולם , הימעל , גאט, טאטע , עס לעבט דאך נאך ! — עס לעבט דאך נאך !

די יודען, וועלכע זענען געווען אין בית־המדרש , האבען גע־קוקט אויפ׳ן יונג און געשאקעלט מיט די קעפ , זאגענדיג איינער צום צווייטען : אז עס איז זיי שלעכט , קומען זיי אריבער אין בית־המדרש ! „וואוילע יונגען", הע ?

לאנג איז ער נישט געשטאנען . ער איז מיט דעמזעלבען געוויין צוריק אהיים געלאפען . פאר דער טהיר האט ער געטראפען א קופקע ווייבער . ער האט אריינגעווארפען א פראגע : עס

לעבט נאך? און, ניט ווארטענדיג אויף קיין ענטווארט, איז ער אין שטוב אריין. אין פאדערצימער איז קיינער נישט געווען, — נור א שטילקייט איז געווען ארום, און פון „דארט", פון דער צוגעמאכטער טיר האט זיך נור געהערט א קלאפען פון איין געשיר אין דעם צווייטען, א קרעכץ פון מינוט צו מינוט. ער איז צו, אונטערגעלענט דאס אויער און זיך איינגעהארכט, ער האט געהערט, ווי מען גיסט עפיס איבער פון איין כלי אין די צווייטע... און א שטיל, שטיל קרעכצען האט אויף איהם געווארפען אזא שרעק, אז דער יונג האט זיך געגעבען א ווארף אין א ווינקעל, איינגעגראבען דאס פנים אין די הענד און געחליפעט אהן איין ווארט. אזוי איז ער אבגעלעגען א לאנגע צייט. ער האט געהערט, ווי די טיר עפענט זיך און טריט לויפען איבער דער שטוב אין קיך אריין, מען טראגט איבער כלים פון קיך אין שטוב. ער האט זיך נישט געוואלט אומקוקען, נישט זעהן, נישט הערען, נור געחליפעט אין דער שטיל אהן ווערטער, ביז נאך א לאנגער צייט איז די מוטער צוגעגאנגען צו איהם, און האט איהם אנגעריהרט ביים פלייצע:

— מעגסט זיך שוין אויפהויבען, עס איז שוין נאך אלעמען.

ער האט שוין נישט געפרעגט, אויב „עס לעבט נאך", ער האט געוואוסט... נור נאך א קלײנער ווײלע האט ער אין דער שטיל די מוטער געפרעגט, שעמענדיג זיך צו קוקען איהר אין די אויגען:

— וואס איז עס געווען, א יונגעל?

— וואס איז דער אונטערשיעד? עס איז שוין ניטא, — האט די מוטער געקרעכצט.

דער יונג האט שוין גארנישט געפרעגט, נישט אויפ'ן ווייבעל, נישט אויף קיינעם, האט צוריקגעווארפען דאס פנים אין די הענד אריין, און איז געלעגען, און האט שוין נישט מעהר געחליפעט.

באלד האט ער זיך אויפגעהויבען און איז ארויס פון שטוב, מיט קיינעם קיין ווארט נישט גערעדט. ער האט זיך איבער דעם געסעל געדרעהט אהין און צוריק אין דער נאכט, און האט עפיס געברומט צו זיך. באלד איז ער ווידער אין שטוב אריינגעקומען.

געטראָפען די שוויגער מיט דעם שוועהר, וועלכע האָבען זיך געדרעהט אויף די שפּיץ נעגעל, די קראַנקע ניט צו שטערען. ער האָט נישט געקוקט אויף זיי, ער איז צו צום פענסטער און געקוקט אין די טונקעלע נאַכט אַריין.

— בעריל, וועסט נישט אַריינגעהן צו איהר? רחש׳ע האָט געפרעגט אויף דיר, זי איז נעביך אַזוי שוואַך, — האָט די שוויגער געזאָגט אין אַ וויינענדיגער שטים, — ווער ווייסט, אויב זי וועט שוין קאָנען איבערטראָגען.

— זי וועט שוין איבערטראָגען, שוין איבערטראָגען!

— וועסט נישט אַריינגעהן צו איהר? — האָט די מוטער ווייטער געפרעגט.

— איך וועל שוין אַריינגעהן, איך וועל שוין אַריינגעהן, — האָט דער יונג מיט אַ געבייזער געזאָגט, נישט אומדרעהענדיג זיך צו איהר.

דער שפּילטער האָט צום ווייב געוואונקען, אַז זי זאָל אויפהערען — האָט זי אויפגעהערט.

דערנאָך, אַז די קראַנקע איז איינגעשלאָפען, האָבען שוועהר און שוויגער אויף אַ מינוט פערלאָזט דאָס צימער, און בעריל איז אַריינגעגאַנגען צו איהר. ער איז אַריינגעקומען אויף די שפּיץ נעגעל, בייז און מיט אַ שלעכטען געפיהל צו איהר.

דאָס שטיבעל, וואו די קראַנקע איז געלעגען, איז געווען שוואַך באַלויכטען. אַ ליכט האָט געברענט אויפ׳ן טישעל פאַר איהר, און דאָס געזיכט, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון דעם ווייסען ליילעך, איז בלייך געווען, און די האָהר נאַס און צולאָזען, די אויגען געשלאָסען. די הייטלעך, איבערגעצויגען איבער דעם אויגאַפּעל, האָבען אויסגעזעהן ווי ביי אַ טויט, ווען מען דריקט עס ביים האַלז... און די דינע בלייכע ליפּען האַלב אָפען, און אַ שטילע גרימאַסע פון צער האָט גערוהט איבער איהר שמייכעל, און אַ חנ׳דעל איז געווען אויף איהר בלייך פּנים׳ל, דאָסזעלבע חנ׳דעל, וואָס האָט געלויכטען איבער איהרע ליפּען דענסטמאָל אין גאָרטען — נור איצט האָט עס גאָרנישט געוואָלט — נור שוואַך

און אונשולדיג האָט עס געקוקט איבער איהר איינגעשלאָפענעם פּנים׳ל, ווי איבער אַ קינד, און די גרימאַסע פון צער איבער איהרע ליפּען האָט עפּיס אין דער שטיל געבעטען — אַ רחמנות האָט עס געבעטען, ווי אַ טייבעלע, וואָס בויגט דאָס קעפּעלע איין. אַזוי האָט זי איהר קעפּעל איינגעבויגען. און דעם יונג האָט אַזאַ רחמנות אַרומגענומען אויף דאָס ווייבעל, אַז עס האָט איהם דאָס גאַנצע הארץ צוזאַמענגעקניפּט. איהרע פערמאַכטע אויגען האָבען איצט געקוקט אויף איהם נישט מיט יענעם בעקאַנטען אָנגע־שטרענגטען בליק, נור האָבען אויסגעדריקט אַ אונטערטעניגקייט, ווי אַ שוואַך פויגעלע, וואָס בויגט דאָס קעפּעל איין, און דער יונג האָט דאָס געפיהל געהאַט, ווי זי בויגט איהר קעפּעל פאַר איהם איין, און בעט זיך ביי איהם: „פערלאָז מיך נישט! פערלאָז מיך נישט!" און דאָס האָט זיין הארץ אַזוי דערוואַרימט, אַז טרעה־רען האָבען זיך איהם געוויזען אין די אויגען, שטילע טרעהרען האָבען גערונען איבער זיינע באַקען, און אַזאַ רחמנות־געפיהל האָט איהם אַרומגענומען, אַז אַ גרימאַסע פון צער האָבען זיינע ליפּען פערקרימט, און ער האָט זיך פערשעמט פאַר די געדאַנקען, וואָס ער האָט פריהער געהאַט, און געזאָגט אין דער שטיל: „ניין, רחש׳ע לעבען, ניין — איך וועל זיך מיט דיר נישט גט׳ן — ניין, איך וועל מיט דיר שטענדיג זיין, שטענדיג רחש׳ע לעבען — אַלץ וועל איך טהון פאַר דיר, אַלץ!"

דאָס ווייבעל האָט שוואַך די אויגען געעפענט, ווי אַ טייבעל, וועלכעס פערגלייסט מיט די אויגען, און האָט קוים גע־קרעכצט:

— בע — ריל!

און זי האָט די בלייכע אונמעכטיגע האַנד פון אונטער דער קאָלדרע אַרויסגעגליטשט.

דער יונג האָט זיין פּנים איינגעאָרעט אין דער בלייכער האַנד, און מיט טרעהרען זי בענעצט.

— שווייג, רחש׳ע, שווייג! — איך וועל מיט דיר אייביג זיין, אייביג.

דאָס ווייבעל האָט די אויגען פערגלייסט.

מיין שענסטע ליעבע.

מײַן שענסטע ליבע.

מיר זענען געזעסען אין דרעזדען, מײַנע צװײ פֿרײַנד — אַ מאַלער און אַ סקולפּטור — און נישט האָבענדיג װאָס בעסער צו טהון האָבען מיר גערעדט װעגען אונזערע שענסטע ליבעס. די געשיכטע פֿון מײַן ליבע גיב איך דאָ איבער.

אַזױ װי איהר װײסט, בין איך געבוירען בײַ חסידישע, גבירישע עלטערן אין אַ קלײן פּױליש שטעדטעל. מײַן פֿאָטער, װעלכער איז געװען אַ פֿרומער סוחר, האָט דוקא געװאָלט האָבען אַ זוהן אַ לערנער, װעלכער זאָל װערען רב. און פֿון מײַן מוטער דאַרף איך אײַך נישט דערצעהלען, אַז דאָס איז געװען דאָס אײנציגע שטיקעל האָפֿנונג אין דעם טרױעריגען לעבען, װאָס די גוטע פֿרומע יודענע האָט דורכגעלעבט. די האָפֿנונגען, װעלכע מײַן פֿאָטער האָט געלעגט אױף מײַנע עלטערע ברידער, איז צו גאָרנישט געװאָרען. ער האָט זיך אױף זײ פֿיעל געלד געלאָזט קאָסטען, די בעסטע מלמדים אין שטוב געהאַלטען, אָבער ער איז געװען פֿערנומען מיט זײַנע געשעפֿטען אַ גאַנצע װאָך און ער האָט קײן צײַט נישט געהאַט אַכטונג צו געבען אױף זײער ערציהונג. און מײַן אָרימע מוטער איז צו שװאַך געװען, אַז זי אַלײן זאָל קאָנען אױף זײ װירקען, אַז זײ זאָלען זיך לערנען. פֿון זײ איז געװאָרען סוחרים, קרעמער א. ד. גל. דאָס אײנציגע שטיקעל האָפֿנונג פֿון מײַנע עלטערן צו דערלעבען אַ שטיקעל נחת אָן זײערם אַ קינד בין איך געװען. רעליגיעז געשטימט פֿון מײַן פֿריהסטער יוגענד, אַ קינד מיט מיסטישע ניגונגען — פֿלעג איך זיך אָבשײדען פֿון מײַנע ברידער, פֿלעג דאַװנען פֿרום און לאַנג, לערנען גאַנצע טעג, און געהן אין אַ פֿרומען װעג. מײַן אָרימע מוטער האָט זיך

גליקליך געפּיהלט און פלעגט קוקען אויף מיר מיט אזעלכע געטרייע, צערטליכע מוטערליכע בליקען, אז איך האב געפּיהלט די ווארימקייט פון איהר גליק. און מיין פאטער... אין דערוואכען האט ער קיין צייט ניט געהאט. נור אז ער פלעגט הערען, שבת נאכ'ן שלאף, מיין גמרא־לערנען, איז ער ווי אויף די שפּיץ נעגעל ארומגעגאנגען איבער דעם צימער, און פון נחת זיך די הענד געריבען. פון צייט צו צייט פלעגט ער צוקומען, איבערבויגען זיך איבער מיין גמרא, אריינקוקען און, זיך נישט קאנענדיג איינהאלטען, האט ער מיר געגעבען א גלעט איבערן בעקעל. איך בין געווארען דאס ליבסטע קינד אין דערהיים, די איינציגע האפנונג פון מיינע עלטערן. מען פלעגט מיר מאכען אויף יעדען יום־טוב אטלעסענע קאפּאטקעלעך, און עס איז נישט געווען איין רייזע, פון וועלכער דער טאטע זאל מיר נישט עפּיס מיטברייינגען. און די מאמע — זי איז משוגע געווארען פאר גליק. פלעגט מיר געלד געבען, גאלדענע זייגערלעך קויפען, און איז יעדעס מאל צו מיין רבי'ן געקומען, ביי וועלכען איך האב געלערנט, און פלעגט זיך אוועקזעצען און צוהערען זיך צו מיין לערנען. דאס האט אזוי אנגעהאלטען ביז 15 יאהר פון מיין לעבען. דערנאך איז געשעהן א זאך, וואס איך ווייס נישט, ווי אזוי עס איז געווארען. גענוג... איך האב אנגעהויבען צו קלערען און צו צווייפלען אין גאט, אין מיין דאווענען. דאכט זיך, איך האב דאן א פאר ביכלעך איבערגעלעזען, נור נישט אזוי די ביכלעך האבען מיך געמאכט צווייפלען, ווי איך זיך אליין. איך האב דאן פיעל געקלערט איבער וועלט און מענשען, איבער גאט און זיין תכלית — „און וואס איז דער סוף?" „און פארוואס דארף מען אבהיטען די מצוות?" וואס ארט עס איהם, אז דער מענש זינדיגט? און פערשידענעס, ווי ס'איז אייך אלעמען גוט בעקאנט די צייט פון אפּיקורסות, וואס יעדעס קינד מאכט דורך, ווען ער קומט די צייט, ווען עס הויבט אן צו קלערען. נור מיך האבען די אלע זאכען פיעל מעהר געפּייניגט ווי אנ'אנדערן; א שטימונגס־מענש — פלעגען די אלע ספקות ווירקען אויף מיין לוינע און איך, א קינד פון פופצעהן יאהר, פלעג דאן ארומגעהן און קלערען איבער דעם תכלית פון דער וועלט. און די זון האט אין דרויסען געשיינט, און איך האב ליעב געהאט די זון. פלעג איך

זיך פון בית־המדרש ארויס׳גנב׳ענען מיט מיינע ביכלעך און געהן אין גארטען, וואו שרה־חנה׳לע — א יודענע פון שטאדט — האט פרוכטען פערקויפט, און פלעג ליעגען הינטער די בוימער, אין הימעל זיך איינקוקען — זעהן, ווי די וואלקענס ציהען זיך פארביי, און נאכקלערען איבער דעם תכלית פון לעבען.

היינט ווייס איך איבער מיין דעמאלדיגער ענדערונג קאלט־בלוטיג. אבער דאן, אין מיינע קינדער־יאהרען, האב איך די זאכען גענומען מיט דעם גאנצען ערנסט פון די יונגעלשע יאהרען. יעדער מאל נישט דאווענען האט מיר געקאסט א גאנצע וועלט, די וועלט פון מיין רעליגיאן, אין וועלכער איך האב געלעבט, ביין פרומקייט, אין וועלכער עס איז מיר גוט געווען, היימיש זיך געפיהלט. איך האב דערפאר נישט געראהעגט, ווייל איך בין געקומען צו מיין איינענער איבערציינונג, אז די אלע פארמען זענען אויסערליבע, ארויפגעווארפען פון מענשען, אבער נישט קיין געטליבע. דאס איז מיר היינט לייכט צו זאגען. אבער דאן... דאן... איך האב זיך געפיהלט ווי א מענש, וועלכער האט זיין פאטערלאנד פערלארען, ווי ער וואלט זיין אייגען הויז פערברענט און איז אוועק און בלאנזשעט — און טיילמאל דאכט זיך מיר, אז ביז׳ן היינטיגען טאג האב איך נאך נישט געפונען קיין ארט, קיין רוה, קיין ווינקעל, וועלכער זאל מיר פערטרעטען יענע היים פון רעליגיאן, פרומקייט, וועלכע איך האב פערלארען; אויסער מיין ביסעל שרייבען...

נור צום ערגסטען האט מיך געפייניגט דער געדאנק, די ענטטוישונג פון מיינע עלטערן. זיי האבען נאך גארנישט געוואוסט, נאך גארנישט געאהנט, חאטש זיי האבען געמערקט, אז איך געה ארום א פערדרעהטער, א פער׳חושב׳טער. נור וואהרשיינליך האבען זיי דאס אויסגעטייטשט אויף עפיס אנדערס... מיך האט שרעקליך געפייניגט דער געדאנק, אז איך נאר זיי אב, חאטש איך האב זיך פאר זיי מיט גארנישט געהיט. מיין פאטער איז געווען פערנומען א גאנצע וואך אין געשעפט, ארומגעפאהרען און געקומען נור פון שבת צו שבת; און דעם שבת האב איך נאך געפראוועט מיט אלע איינצעלהייטען. נישט אויס פרומקייט, נור מעהר אויס שטימונג. דער שבת האט מיך שטענדיג בערוהיגט

מיט זײַן יום־טוב׳קײַט און רוהיגקײַט, און איך פלעג אַ גאַנצע וואָך וואַרטען אויף שבת. פרײַטאָג־צונאַכט האָב איך זיך אָנגעטהון די אַטלעסענע קאַפּאָטע און מיטגעגאַנגען מיט דעם טאַטען דאַווגען, און איך בין אַהײם געקומען און איך האָט געזעהן די אָנגעצונדענע ליכט אין די זילבערנע לײַכטער אויפ׳ן טיש, און מײַן מוטערס פּנים שײַנט אַרוים פון דער שבת׳דיגער הויב. און געריהרט פון מײַן טאַטענס זינגען „שלום עליכם״, פלעג איך אויך אַרײַנפאַלען אין אַ רעליגיעזע שטימונג און פלעג זינגען מיט אַ הויך קול „שיר השירים״ מיט דער גאַנצער נשמה מײַנער. דאָס האָט מיך בערו־היגט, און איך פלעג זיך פערגעסען אין מײַנע אפיקורסישע גע־דאַנקען, און דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען גליקליך געווען.

דערווײַל בין איך געזעסען אין דערהײם און זיך צוגעגרײַט.

אָבער דאַן האָב איך שוין געהאַט אָבגעמאַכט בײַ מיר צו אַנטלויפען פון דערהײם און צו קומען אין די גרויסע שטעדט אַרײַן און זיך לערנען, פאַרצובערײַטען זיך צום עקזאַמען און אַנצוקומען אין עפּיס אַ שול אַרײַן.

אָבער דאָס לערנען פון אַנדערע זאַכען האָט מיך אויך נישט בערוהיגט. איך האָב געלערנט טרוקענע זאַכען, ווי גראַמאַטיק פון שפּראַכען; אַ ביסעל האָט מיך פעראינטערעסירט די געאָגראַ־פיע, היסטאָריע. אָבער די אַלע עלעמענטאַרע וויסענשאַפטען זע־נען נישט גענוג געווען צו זעטיגען מײַן גײַסטליכען הונגער — אַ הונגער פון אַ זעכצעהן־יעהריגען יודישען יונגעל, וועלכער האָט שוין דאַן נאָך געקלערט איבער געוויכטע פילאָזאָפישע זאַכען, וועל־כער האָט שוין דאַן אין זיך געהאַט אַ שטיקעל קבלה, דורכגעדרונ־גען מיט חסידישע אידעען, די אגדתות פון תלמוד, און געהאַט געהערט פון אַ שפּינאָזאַ...

איז, אַזוי ווי געזאָגט, בין איך דאַן געווען „אַנ׳אַרויסגעוואָר־פענער״ און האָב זיך געהאַט אַ שטיק קבלה, דורכגעדרונגען מיט זײַן וועלט. און דער עיקר האָט מיך געפּײַניגט „דער תכלית״...

„דער תכלית״, נישט אַ וואָכעדיגער תכלית פון לעבען, נור עפּיס אַ מין גײַסטליכער „תכלית״ פון יענער וועלט. וואָס וועט זײַן דער סוף? — דער סוף?

עס זענען אַוועקגעגאַנגען מײַנע טעג אָהן פרײַד. עס איז

געקומען אין דערפריה און איך בין געלעגען אויפ'ן געלעגער, האָב איך זיך געטראַכט, צו וואָס זאָל איך זיך אויפהויבען? צו וואָס זאָל איך לעבען?.. עס איז געקומען דער פריהלינג, וועלכען איך האָב אַזוי ליעב געהאַט, וואָס האָט זיך מיר שטענדיג געדאַכט, אַז ער וואַשט אָב דעם גאַנצען ווינטער פון קאָפּ, האָב איך דאַן דאָס געפיהל געהאַט, איך בין נאָך נישט פאַרבערייט צו דעם פריהלינג, איך בין עפּיס נאָך נישט גרייט.

האָב איך געזעהן די שטאָדט־„שגצים'לעך" געהען מיט זייערע ביכער אין די שולען יעדען פריהמאָרגען, האָב איך זיי מקנא געווען, וואָס זיי האָבען אַ שול, אַ וועג, וועלכען די פאָטערס האָבען פאַר זיי אויסגעאַרבייט. און איך פלעג דאַן אַליין אויפ'ן פעלד אַרויסגעהן, און דער פריהלינג איז ביי מיר דאַן ווי דער הערבסט געוועזן, און פלעג צוזאַמענגעהמען שטיקלעך האָלץ און אַ פייער מאַכען און אָנצינדען...

נור דאַן איז געשעהן אַ זאַך.

אַמאָל, אין אַ שענעם נאָכ'ן אָנבייסען, ווי איך זיץ אַזוי אין בית־המדרש און לערן מיט געשמאַק (עפּיס פלעגט זיך מיר דאַן וועלען פון צייט צו צייט אַוועקזעצען זיך ביי דער גמרא און לערנען, לערנען הויך, געשמאַק, מיט אַ נגון, און אָן אַלעם פערגעסען. און פונקט אַ גליק, וואָס האָט מיך דער חשק אָנגעכאַפּט צו לערנען), קומט אין בית־המדרש אַריין יענקעל דער שדכן פון שטעדטעל מיט עפּיס אַ יוד מיט אַ ברייטער שוואַרצער באָרד און שוואַרצע אויגען, אַ שענער אויפ'ן פנים, אַ ברייט־ביינינער, אין אַ קאַשקעטעל איז ער געגאַנגען אָנגעטהון, און געהען צו צו מיר, און הייסען מיר זאָגען „אויפ'ן אָרט", פערהערען מיך פשוט. איך בין רויט געוואָרען, פערדראָסיג אַ ביסעל. דער עולם יונגלעך האָט זיך אָנגעהויבען אַרומקלויבען אַרום מיר — נור דאָך האָב איך גענעזאָגט מיט קוראַזש. פרעגען זיי מיך עפּיס אַ קשיא, איך ענטפער אָב אַ תירוץ. דערנאָך גיט מיר דער יוד אַ קניפּ אין בעקעל און געהט אַוועק מיט'ן שדכן. איך קום אַהיים צו מיטאָג, ביי אונז איז דער טיש געדעקט יום־טוב'דיג, מיט שבת'דיגע זילבערנע גאָפּעל און לעפעל. די מאַמע געהט אָנגעטהון אין אַ נייעם קלייד, אַ ווייַסען שירץ און פאַרעט זיך ביי דער קיך. פון דער צווייטער שטוב

הער איך אַ הויך געשפּרעך, מײַן פאָטערס שטים, און אַ פרעמדע שטים. די טיר עפענט זיך, די זון שײַנט אַרײַן דורך די פענסטער, מײַן פאָטער מיט׳ן פרעמדען יוד — מיט דער ברייטער באָרד — רויטער ציגאַרען, ווי חול־המועד. מען רופט מיך אַרײַן אין די צווייטע שטוב. דער יוד קנײַפּט מיר אין בעקעל און פרעגט מיך עפּיס וועגען היימישע זאַכען, און יענקעל דער שדכן מאַכט צו מיר אַזוי:

— ווּעסט אָנשרייבען אַ דײַטשען בריעף פאַר׳ן טאַטען.

דער טאַטע דיקטירט מיר אַ בריעף, איך שרײַב. דערנאָך נעהמט מען דאָס פּאַפּיר, דער שוואַרצער יוד בעטראַכט עס, שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און קנײַפּט מיר אין בעקעל. די מאַמע רופט אונז אַרײַן עסען, מען גיט מיר אויך אַ גרויס חלק, ווי אַן׳ערוואַקסענעם. און יענקעל דער שדכן רעדט אַ סך, ווײַלט דעם עולם, די מאַמע שטעלט אַוועק אויפ׳ן טיש פּסח׳דיגען ווישניאַק, און די זון שײַנט אַרײַן דורכ׳ן פענסטער.

נאָכ׳ן עסען געה איך אַרײַן אין די צווייטע שטוב, און די מאַמע פאַלט אַרויף מיר אויפ׳ן האַלז:

— מײַן קינד, מײַן לעבען, מען רעדט דאָך דיר אַ שדוך, דאָס איז דאָך דער מחותן, אַ רײַכער יוד. ער האָט אַן׳איינציגע מיהל, וועסט עסען קעסט כל ימיו — און די כלה, די כלה, מײַן קינד... און קושט מיך, און האַלזט מיך...

איך דאַרף אײַך נישט דערצעהלען, אַז צומאָרגענס בין איך אין די גרויסע שטאָדט אַוועק — „זיך לערנען״.

נור פון דעמאָלט אָן זעה איך די „כלה״, — אַז איך בין אַליין, אין אַ פאַרנאַכט, און אַז איך שטעל מיר פאָר עפּיס שענעס: ווי איך וואָלט געלעבט, ווען איך וואָלט געליעבט, — קאָן איך מיר קיין אַנדער מיידעל נישט פאָרשטעלען, נור דאָס מיידעל, מײַן כלה, די טאָכטער פון דעם מילנער, מיט וועלכער מען האָט מיר אַמאָל אַ שידוך גערעדט.

איך זעה זי אינגאַנצען. אָט שטעהט זי מיר פאַר די אויגען. אַ טונקעל מיידעלע מוז עס זײַן, מיט אַ הויכען שטערן. איך זעה זי טיילמאָל אין שוואַרצען, טיילמאָל אין ווײַסען, נאָר אין שוואַרצען געפעלט זי מיר בעסער, אין אַ לאַנגען זײַדען־שוואַרצען קלייד

מיט אַ שפּאַנישער בראָש אויפ'ן האַלז. איך זעה דעם קאָליר פון איהר הויט, — ער איז ברוינליך, ווי איהר בלוט וואָלט נישט רויט געווען, נור טונקעל־שוואַרץ. און דער שוואַרצער טאָן פון איהר בלוט שלאָגט דורך דורך איהר רויטליכען לײַב. טײלמאָל דאַכט זיך מיר, אַז איהר גאַנצער קערפּער איז אײַנגעשלאָפען, דאָס מײדעל געהט און שלאָפט, זינגט און טאַנצט און שלאָפט — אַזוי געהט זי אַרום און שלאָפט תמיד, און וואַרט אויף איהר בעשערטען, אויף מיר, אַז איך זאָל זי קומען אויפוועקען. יאָ, מיר דאַכט זיך, איך האָב אַ גרויס אונרעכט געטהון, אַז איך בין אַנטלאָפען פון דערהײם, — האָב ערגיץ־וואו איבערגעלאָזט אַ כלה, וואַרטענדיג אויף מיר, און זי לעבט נישט איהר לעבען און וואַרט אויף מיר, און זי עלטערט זיך נישט. איהר כלה־צײַט איז שטעהן געבליבען, און זי וואַרט, ביז איך וועל קומען און קושען זי אויף די ליפּען. יאָ, אין ליפּען האָט זי — דו האָסט דאָך געזעהן, „ביוסטשיק“, דעם שטילען פערבענקטען צנועה'דיגען שמײכעלע, וואָס ליכט איבער די ליפּען פון דער הײליגער אַנגאַ פון לעאָנאַרדאָ ד'ווינטשי — אַזאַ שמײכעל האָט זי. יאָ, אַזוי וואַרט זי, אַז איך זאָל קומען און זי קושען — לײכט קושען זי אויף איהרע ליפּען און אויפוועקען זי פון איהר שלאָף, און לעבען ווײַטער מיט איהר — איהר לעבען.

פיעל מײדלעך האָב איך שוין געליעבט דורך די צײַט, מיט אײניגע מענשען האָב איך מײַן גליק צוזאַמען גענאָסען, און זײ זענען שען געווען, נור מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז איך טהו אַן עולה, אַז איך בעטריעג דאָס לעבען, אַז אין דערהײם וואַרט אויף מיר אַן אײַנגעשלאָפענע בת־מלכה, אַ יודישע טאָכטער. עס איז פרײַטאָג צונאַכט, — די ליכט האָט זי שוין אָנגעצונדען און געבענשט איבער זײ — און אַזוי פיעל לײַכטער בלישטשען אין שטוב, און די פּערל אויף איהר האַלז, און איהרע שוואַרצע צווײ צעפּ פאַלען אַראָב אויף איהר האַלז, אויף איהר נאַקען, אויף איהר רוקען, און הענגט האָט זי לײַכטע, וואַסערדיגע, און די נאַכט איז אין דרויסען טונקעל, און איהר פאָטערס ווינד־מיהלען יאָגען, און דער ווינד בלאָזט, און זי זיצט אַלײן און וואַרט אויף מיר — די פערשלאָפענע בת־מלכה. זעה, די ליכט ברענען זיך קײנמאָל

נישט אוים. דער שבת געהט קיינמאל נישט אוועק פון שטוב, און זי זיצט אלץ ביים טיש און די הענד פערלעגט, אוןווארט, אז איך זאל אהיים קומען. און איך וואלגער זיך דא ארום איבער שטעדט, איבער דערפער, בעקען זיך יעדען טאג מיט אנדערע מענשען, מיט אנדערע ערטער, אין איין מיידעל ליעב איך זיך איין, אין די צווייטע ליעב איך זיך אוים, און אן איהר און אן אונזער לעבען האב איך זיך גאר פערגעסען און געה נישט אהיים אויסלעבען מיין שטיל לעבען אין מיין שטילען ווינקעל.

נור טיילמאל בין איך ביי איהר, אז איך בין אליין אויף דער נאכט ביי מיר אין בעט, די איינציגע מינוט, בעפאר איך שלאף איין, נעהם איך דאס וועם ארום און בעקלאג מיך דאס פאר ווען, און זי טרייסט מיך און דעקט מיך צו מיט איהרע האהר, און קוקט אויף מיר מיט איהר שמייכעלע, און אויגען האט זי —

איך קאן מיר קיינמאל נים פארשטעלען איהרע אויגען. וואס איך האב נישט געקלערט וועגען איהרע אויגען, האב איך נישט א ריכטיגען בעגריף. אמאל האב איך געזעהן אויף א מינכענער אויסשטעלונג א פראנצויזישען דאמען-פארטרעט פון א יונגען פראנצויזישען מאלער. איך האב זיין נאמען פערגעסען. א יונגע דאמע אין שווארצען, מיט א שווארצען פליגעל פון א געשאסענעם פויגעל פון איהר קאפ, שלאנק און הויך, שטעהט ביי א פיאנא און מיט איהרע לייכטע, לאנגע, איידעלע הענד, וועלכע זענען אין שווארצע זיידענע שפיצען-האנדשוה געהילט, ווארפט זי רויטע רויזען אויף די קלאווישען פון דער פיאנא. מיר האט זיך געדאכט, אז אזוי דארפען איהרע אויגען צו זיין. דאס איז נור געוועזען אין דעם ערשטען אויגענבליק. אבער דערנאך בין איך נישט איינפערשטאנען געוועזען דערמיט, און איבערהויפט איז מיר איהר גאנצע געשטאלט נאך פערנעבעלט, און איך קאן מיר א ריכטיגען בעגריף נישט אבגעגעבען ווי זי קאן אויסזעהן. נור איינמאל האב איך געזעהן אין פעטערבורג אין דער אפערע א יונג מיידעל מיט א העררר, — דאס יונגע מיידעל האט זיך מיר געדאכט, אז דאס איז זי — און איך בין משוגע געווארען אין דעם ערשטען אויגענבליק און בין נאכגעגאנגען זייערע טריט, ווען זיי האבען די אפע-

דע פערלאזט. דער הערד האט מיך איינינע מאל בעמערקט, ווי איך גיה זיי נאך און האט געווארפען אויף מיר א חושך'דינען בליק און האט גענומען א וואגען און איז אוועקגעפאהרען. איך נאך זיי — זיי זענען אריין אין „וועגא“ און פערפאלען געווארען אין איינעם פון די פיעל קאבינעטען...

יא, אז איך זעה א שען מיידעל אויף דער גאס, מיין איך אין ערשטען אויגענבליק — דאס איז זי. נור קוים זעה איך באלד אנ'אנדערע, קלער איך ווייטער — דאס איז זי. אזוי צווייפעל איך און זוך, ווארום איך קאן מיר זי גאר נישט פארשטעלען, ווי זי זעהט אויס, אין דער היינטיגער סקולפטור זעה איך עס נישט. זי מוז אין זיך עפיס האבען פון די קלאסישע ליניען, וואס איז אין די אפראדיטישע אנטיקען, אבער נישט אקאדעמיש. ניין, ניין. דערביי מוז די ליניע לויז זיין, וויך, עטוואס פערשלאפענעם, א תאוה א פערשלאפענע מוז ליגען אין דער ליניע, ווי מען געפינט עס אין די שפאנישע ווייבער־פיגורען, ווי אין די פרימיטיווען. אט אזוי מיין איך.

נור דא קומט מיר מיין פריינד דער סקולפטאר צו הילף און הויבט מיר אן זי צו מאדעליזירען אין דער לופטען, חאפט זיין מאדעל־האלץ און ווארפט א ליניע אין דער לופט.

— אט אזוי וואלט איך מיר זי געמאכט. די פיגור דארף זיין רונדיג, פול, נור הארט, הארט, מעהר בלוט ווי פלייש: נור אזוי זאלסטו יעדען טראפען בלוט פיהלען. און שטארק, שטארק וואלט איך די פיגור געמאכט. שטארקע ליניען מיט רונדיגע אראפגעפאלענע פלייצעם. נור עפיס אזוי איינגעשלאפען, יעדער אדער בעזונדער וואלט איך מיר אויסמאדעליזירט אזוי און פון אויבען אזוי פערשלאפען... א טוי בעדעקט... ווי א פרימיטיווע זאך, ווי א יפתח'ס א טאכטער, און א שטארקע פולע ברוסט, מען זאל פיהלען די ביינער און יעדען טראפען בלוט, וואס ארבייט אין איהר, — און וואלט מיר זי אוועקגעזעצט אין א ווייסען העמדעל. און ארום וואלט געווען עפיס א לאנשאפט.

נור דא האקט איהם שוין אדורך דער מאלער, גרינבערג, האט אין אלעס פערגעסען, דער יונג מיט די גלענצענדע שווארצע אויגען, מיט די לאנגע האר שטעהט שוין אויף א טיש,

אראָבגעוואָרפען א לײַטענע פיגור (און „ביוסטשיק״ זעהט גאָר־
נישט) און מאָלט דאָס בילד

— ווינד־מיהלען האָט דער פאָטער, זאָגסטו? — אָט, זעה־
סטו, איז א בערגעל, — געלער זאַמד, פּאָר א רעגען. איין וואָל־
קען טונקעל, איין שטיק וואָלקען ליכטיג, פאַלט א ליכט איבערן
געלען זאַמד — גאָלד . . . גאָלד . . . גאָלד . . . פון פאָרענט דרײַ
ווינד־מיהלען, אלטע, דער ווינד יאָגט און די לײַטערס לעגען זיך
אלע אין איין זײַט. ארום אלטע טאָפּאָלען, ווערבעס מיט לאַנ־
גע, לאַנגע צווײַגען, און אלץ פאַלט אין איין זײַט, — און בעגאָ־
סען מיט שאָטען און געלבען ליכט, געלב גאָלד . . . גאָלד . . .
גאָלד . . . הערבסט . . . א וואַסער. א טונקעלער פלעק אויפ'ן
געלבען. זי שטעהט ביים וואַסער, א קליין יונג מיידעלע, בע־
גאָסען אין ליכט, נאַקעט — א מעטאַל'ענער פלעק, געקומען פון
וואַסער, קאַלט . . . קאַלט . . . האַלט דאָס העמד, וויל עס אָנ־
טהון, און דער ווינד בלאָזט, און די האָהר צופליושעט, און דאָס
העמד צופליושעט, און אלעס אויף א געלבען, געלבען אונטער־
גרונד — הערבסט . . . רויטע בלעטער, געלע בלעטער . . .
גאָלד . . . גאָלד . . . גאָלד — — —

נור דאָ האָט זיך שוין ערוועקט אין מיר דער שרײַבער,
און איך שרײַ זיי בײדע איבער. ניין, ניין! — און איך הויב זיי
אָן צו מאָלען א בילד פון פרײַטאָג אויף דער נאַכט, פון שבת
אויף דער נאַכט — ווי איך זיץ און לערן. און בין א פרומער,
חסידישער יונגער־מאַן, און ווי מיר ליעבען זיך, און דאָס גע־
טרײַשאַפט פון איהר. און דער מאַלער קומט מיר אַנטקעגען און
מאָלט מיר דאָס אויס דעקאָראַטיוו, מיט דער לאַנדשאַפט, מיט
די ווינד־מיהלען, מיט די טאָפּאָלען. און „ביוסטשיק״ קנעט דאָס
אלעס אויס אין דער לופטען, ער האָט מיר זאָגאָר שוין געוויזען,
ווי זי זעהט אויס, האָט געחאַפּט א בלײַשטיפט און מאַכט שוין די
צײַכנונג. ערשט גרינבערג רופט זיך אָב:

— זאָג נור, האָסטו זי קיינמאָל נישט געזעהן, — ווי ווײַט
איז עס דען פון דײַן שטעדטעל? און דײַן שטעדטעל ליעגט דאָך
זעהר נאָהנט פון דאַנען.

— יאָ, עס איז נישט ווײַט פון דאַנען. עס איז מיט דער

באַהן צװײ שטונדען צו פאָהרען אין מײַן שטעדטעל אַרײַן, און אַ שטונדע מיט'ן פוהר פון אונזער שטעדטעל. איך האָב שוין זאָגאַר אײניגע מאָל דעם שרײַבער אויפגעזוכט, ער איז הײַנט אַן'אַלטער יוד אַ שכור. איך האָב איהם אײניגע גילדען געגעבען, ער זאָל װײַזען דאָס אָרט, װאו די כלה, װעלכע ער האָט מיר אַמאָל אַ שרוך געדערט, װאױנט. איך װײס איצט דאָס אָרט גאַנץ גענוי, און איך בין שוין אַמאָל אין אַ װינטער אויף דער נאַכט, װען עס האָט מיר אָנגעכאַפּט אַ שטאַרק בענקעניש, אװעק אין דאָס דאָרף. אָבער אַז איך בין אָנגעקומען פאַר'ן דאָרף, אַז איך האָב דערזעהן די װינד־מיהלען, בין איך אַנטלאָפען. איך װיל נישט זעהן, װי עס זעהט דאָרט אויס.

— פאַרװאָס האָסטו מורא, װעסט דיך ענטטױשען?

— נײן, איך װיל נישט זעהן מײַן גליק...

— האָסטו געהערט?! לאָזען מיר זיך אויפכאַפּען איצט, אַזוי װי מיר שטעהען און געהען, אין דאָרף פאָהרען, זעהן דײַן בעשערטע. דרײַ שטונדען פון דאַנען אינגאַנצען. איצט איז זיבען אַ זײגער, די באַהן געהט אָב אַכט, מיר װעלען אַהין קומען אין מיטען נאַכט, װי פערבלאָנזשעטע ריטערס קומען בײַנאַכט אין פערכשוף'טען שלאָס פון זײער געליבטער, װעלכע זײ האָבען קײנמאָל נאָך נישט געזעהן. אך, װעט דאָס זײַן ראָמאַנטיש! — פאַנטאַזירט „ביוסטשיק״.

— אַ גליקליכע אידעע, קום לאָמיר פאָהרען! — שרײַט אויס גרינבערג.

— און געלד? און געלד? — פרעגט „ביוסטשיק״, און װינקט צו גרינבערג'ן און װײַזט איהם אויפ'ן זעקעלע, װאָס ער טראָגט אויפ'ן האַרצען.

— האָב אײַך אַ שװאַרץ יאָהר! נאַט אײַך דאָס זעקעלע! — װאַרפט ער עס אַראָב פון האַלז. 20 רובל דערינען, די צװײטע העלפט פון חודש. אָבער באַלד כאַפּט ער זיך צוריק. דער סוחר האָט זיך ערװעקט אין איהם:

— נאָר איהר זאָלט עס מיר צוריקגעבען, אַז ניט װעל איך נישט האָבען אויף די צװײטע װאָך אויף אַ מיטאָג.

— צוריקגעבען , צוריקגעבען ! ווי עס זארגט דאס אויף מיטאג , צו פרעסען ! קום , קום ! — שלעפען זיי מיך .

— איך וועל נישט פאהרען , איך וויל נישט זעהן ,—אמפער איך מיך .

— אבער וועסט זעהן, ווי ראמאנטיש דאס וועט אויסזעהן, — פאנטאזירט „ביוסטשיק״ . — מיר קומען ביינאכט אן , און מיר קלאפען אן אויף דעם אייזערנעם טויער פון דעם שלאס פון דיין געליעבטער .

— פערשלאפענע בת-מלכה , עפען אונז ! — רופט „ביוס-טשיק״ מיט א מורא׳דיגען קול .

—ווער איז דארט ? — ציהט גרינבערג מיט א ווייבליכער שטים .

— דיין פערלאזטער בעשערטער איז צוריקגעקומען , נאכ-דעם ווי ער האט זיך ארומגעוואלגערט אין דער גאנצער וועלט , און קלאפט איצט אן אויף דעם שלאס פון דיין טויער — עפען איהם . ער וויל דיך פון שלאף אויפקישען .

— חא-חא-חא ! וועט דאס זיין ראמאנטיש , קום , קום , גרינבערג , האב נישט קיין מורא—וועסט האבען וואס צו פרעסען , דו מעגסט אמאל הונגערן אויך .

און איך אמפער מיך נאך , און מיר אלע דריי לויפען ווי משוגעים צום באהן , קויפען ברויט מיט פרוכטען אויפ׳ן וועג , און לויפען און שרייען : „צו דער פערשלאפענער בת-מלכה״ , „צו דער פערשלאפענער בת-מלכה״ , — זי פון איהר פער׳כשופ׳טען שלאף אויפצעוועקען .

אין האלבער נאכט זענען מיר אנגעקומען אין דארף אריין , וואו מיין בעשערטע האט געוואוינט .

און די רייזע איז טאקע געווען ראמאנטיש , ווי מיין חבר „ביוסטשיק״ האט געזאגט . די נאכט איז געווען שווארץ , די פעל-דער האט מען נישט געזעהן , נור מען האט געפיהלט זייער פייכט-קייט , און ליכט האבען זיך פון דערווייטענס געפינקעלט . מיין הארץ האט געקלאפט אין מיר , איך האב מיך געשראקען פאר עפיס , און האב געהאט דאס געפיהל , ווי איך וואלט אהיים גע-פאהרען , צו ערגיץ עפיס א גאנץ ווייטער היימאט . נור וואס איך

בין געהנטער אנגעקומען אין דארף אריין, אלץ רוהיגער בין איך געווארען. מיין פאנטאזיע האט מיר געמאלען די פערשידענסטע בילדער, און איך האב געהאט דאס געפיהל, אז איך קום אהיים און וועל טרעפען דארט מיין היים. איך האב גאנץ קלאר געזעהן א קליין, קליין שטיבעל. ווייסע פארהענגלעך הענגען פאר'ן פענסטער און ריינע צוויי בעטען שטעהען מיט ווייסע לייליבער פערדעקט, און צווישען די בעטען שטעהט א קאמאד, איבער דער קאמאד א געשטריקט טישטוך, און פערשידענע זאכען שטעהען אנגעשטעלט אויף איהר — אונזער דרשה-געשאנק; און דארט ביי דער קאמאד שטעהט זי. איך האב זי איצט בעשיינפערליך געזעהן, גאנץ קלאר, א יודיש, יודיש וויבעל. די האהר פערקעמט גלאט, מיט א שרונד, און אויגען קלארע, שענע, און רעדט אין דער שטיל. זי לויפט מיר נישט אנטקעגען, נור זי ווארט אויף מיר. זי ווארט אויף מיר אין דער שטיל, און ווערט גארנישט ערשטוינט ביי מיין אריינקומען — נור פיהלט זיך טיעף גליקליך. און קוים, קוים וואס מען דערקענט איהר גליק אין איהר. טיעף איז עס בעהאלטען אין איהר, נור אין איהר שטים הערט מען עס. זי רופט אין די צווייטע שטוב אריין: „מאמע, מאמע, שלום איז געקומען!" און גרייט דעם טיש פאר מיר. זי אליין מיט איהרע לאנגע ווייסע איידעלע הענד.

— אט זעגען מיר פאר דעם טויער פון דיין פער'כשופ'טען שלאס! — רופט אוים „ביוסטשיק", וואס איז ביז איצט שטיל געווען.

מיט שרעק קוק איך מיך אום, איך זעה פאר מיר די דריי ווינד-מיהלען, וואס שטעהען ווי שווארצע שומרים אויפ'ן בערגעל און שניידען זיך שארף מיט זייערע סילועטען אין דער טונקעלקייט פון דער נאכט. א שטילער רויש הערט זיך פון פעלד, און פאר אונז שימערן איינציגע ליכטלעך.

מיין הארץ קלאפט אין מיר שטארקער.

— אט זעגען די שווארצע שומרים פון דיין כלה'ס פאלאץ, — לאכט „ביוסטשיק".

— וואו צופיהרען?

— צום מילנער־יוד.

— אַט שטעהען מיר דאָך שוין פאַר דעם טויער, — זאָגט דער גוי.

— איז טאַקע אויך דאָ די קרעטשמע פון דאָרף, — לעגט ער צו.

פון צוגעמאַכטען לאָדען שימערט אַרויס אַ ליכט. אַ באַנק שטעהט פאַר דער טיר, טעלער אָנגעשטעלט, איך זעץ מיך אויף די באַנק.

— נו, קלאַפּ אָן צו דיין בת־מלכה! — רופט „ביוסטשיק" אויס — און מאַכט גאַר מיט אַ ווייבערשער שטים:

— קעניגין, פערשלאָפענע קעניגין, — דיין ריטער שטעהט פאַר דיין טיר.

נור דאָס, זעהט זיך אויס, האָט שוין אפילו גרינבערג'ן פערדראָסען און ער רופט זיך אָב:

— שווייג, שווייג! זעה, ער לייערט דאָך!

נור דער פויער קלאַפּט שוין אין טיר:

— העי, יוד, עפען אויף! הערען זענען געקומען.

און באַלד שטאַרט אַ קאָפּ אַרויס דורכ'ן לאָדען, און עס הערט זיך אַ שטים.

— ווער איז דאָרט?

ליכטיג ווערט. מיינע פיס ברעכען זיך אונטער מיר. מען פיהרט מיך ערגיץ־וואו אריין, איך האָב גאָרנישט געזעהן נור, אַ ליימענע פאָדלאָגע, רויטע ציגעל ביי דער טיר, אַ לאָך איז דאָרט ערגיץ־וואו געווען, און אַ פינסטערער טומאַן אַרום. נור אַ קליין לעמפּעלע האָט געלויכטען איפ'ן אייוועו. יאָ, אַ קינד האָט געוויינט אין אַ צווייטער שטוב...

„ביוסטשיק" רעדט דאָס מיט וועמען — איך זעה נישט קיין מענש, נור אַ ווייסען פלעק פון אַ חאַלאַט, עס מוז זיין אַ יונגער־מאַן, וואָרום אַ שוואַרצע באָרד ווייזט זיך פון חאַלאַט אַרויס.

און באַלד דערויף ווייזט זיך אַ פרויען־קאָפּ פון אַ צווייטער שטוב, אין אַ ווייסער הויב אָנגעטהון.

איך הער נור גרינבערגס קול:

— קאָן מען עפּיס קריגען צום עסען?

— אוראי — פרעמדע, שרה'לע, שרה'לע! — רופט ווער אין דעם צווייטען צימער.

איצט ווייזט זיך שוין דאָס פרויענצימער אינגאַנצען, אַ ברוינע יאַקע אַרויפגעוואָרפען און דער קאָפּ מיט אַ טוך פערדעקט, לויפט געשווינד פאַרביי אונז, געהט צו צו דער קיך, און האַקט האַלץ.

דאָס קינד וויינט אין צווייטען צימער.

עס הערט זיך דער יודענעס קול פון הינטער דעם טוך, האַלץ האַקענדיג:

— וואָס שטעהסטו? דאָס קינד וויינט דאָך.

דער ווייסער חאַלאַט ווערט פערשוואונדען אין צווייטען צי־מער. מען הערט, ווי ער שטילט דאָס קינד איין.

„לאַ־לאַ־לאַ, שוויַג, שוויַג".

— ווי הייסט דיין מאַמע? — פרעגט מיך ווער.

אָהנע צו קלערען, וואַרף איך אַ וואָרט — יצחק זשאַבלינער.

און באַלד דעריין הער איך „ביסמשיקס" פראַגע, ווי ער שטעלט דער יודענע:

— ווי לאַנג זענען זי שוין פערהייראַטעט?

— אַכט יאָהר, — ענטפערט אָב דער פרוים שטים פון הינטער דעם טוך.

און פּלוצלונג ווי אַ דונער וואָלט אויסגעבראָכען:

— איהנען האָט מען אַמאָל גערעדט אַ שידוך מיט יצחק זשאַבלינערס אַ זוהן פון פּיאַנטקע, ווען זי זענען אַ כלה־מיידעל געוועזן — וואָס, ניין?

— פון וואַנען ווייסען זי דאָס? — ווייזט זיך דער יודענעס פּנים אַרויס פון הינטער דעם טוך, און איך האָב געזעהן אַ שמיי־כעל, ווי עס פערקריימט איהר אויבערשטע ליפּ, און ווייזט אַרויס איהרע שוואַרצע ציינער...

„שוואַרצע ציינער" — דאָס האָב איך צום מייסטענס געזעהן פון איהר געזיכט, און דער שמייכעל, וואָס פערקריימט איהר ליפּ.

איך בין ארויס פאר דער טיר, די נאכט איז שווארץ געווען און די ערד איז פייכט געווען, און איך בין ווייט, ווייט אין די נאכט אין פעלד געגאנגען.

איך געדענק נישט מעהר, וועגען וואס איך האב געקלערט, וועגען וואס איך האב געטראכט — נור א שמייכעל אויף שווארצע ציינער — דאס איינע איז מיר איבערגעבליבען אין מיין געדאנק פון מיין שענסטער ליעבע.

א ג ט,

אַ גֶט.

(סקיצע)

— אין דיין פּנים דערקען איך עפּיס ניט גוטעס, — האָט די יודענע אויסגערופען, ווען איהר מאַן יודעל איז אַריינגעקומען אין טיר, נאָך אין שאָפּען־פּעלץ איינגעהילט און אין שאַל אַרומגעוויקעלט.

יודעל האָט גאָרניט אָפּגעענטפערט, האָט זיך אַוועקגעזעצט אין פּעלץ און אין פוטער־היטעל, אין די טיפע קאַלאָשען אויף דעם ערשטען בעסטען שטוהל, וואָס ער האָט געטראָפען; געזעסען, געשוויגען, געקוקט ערגעץ־וואו מיט די אויגען, ווי דאָס וואָלט ניט זיין היים געווען, נור ווי אַן'אָפּענע אכסניא, וואו מען וואַרט אויף אַ פוהר.

— וואָס שרעקסט דו מיר אָב דאָס האַרץ — פאַרוואָס זאָגסט דו ניט? — האָט דאָס ווייב מיט איין אָטעם אויסגערופען. — די באַקען איהרע זענען רויט געוואָרען, און די ווייסע הערלעך אויף די צוויי ווערצעליך, וואָס זי האָט געהאַט ביים ווינקעל פון דער אויבערשטער ליפּ, האָבען זיך אויפגעשטעלט.

דער מאַן האָט נאָך אַלץ געשוויגען.

— איך שרעק דאָך מיך טאַקע — האָט דאָס ווייב מיט האַרץ־קלאַפּען געזאָגט. — וואָס זאָל עס הייסען, חלילה, דאָך ניט „דאָס!" — האָט די יודענע ניט מיט אַ מענשען־קול אויסגערופען.

דער מאַן האָט טרויעריג מיט'ן קאָפּ געשאָקעלט, קוקענדיג אויף אַן'אַנדער ווינקעל.

— אוי, מאַמע! — האָט די יודענע אויסגעשריען און זיך אויך אַוועקגעזעצט אויפ'ן ערשטען בעסטען שטוהל.

אַזוי זענען זיי בּיידע זיצען געבּליבּען אַ פּאָר מינוט, ניט ריידענדיג איינער צום צווייטען אַ וואָרט, און ניט קוקענדיג איינער אויפ'ן צווייטען.

נאָך דעם ערשטען אויגענבּליק איז די יודענע אַרויס אין אַ שטראָם טרעהרען:

— אַ בּראָך איז נאָך מיר! וואָס האָב איך דערלעבּט! וואָס האָב איך דערלעבּט! — און מיט אַ פּנים פול מיט טרעהרען און חליפּענדיג אויפ'ן קול האָט די יודענע די נאָז זיך געווישט און געזאָגט צום מאַן:

— האָסט אודאי נישט געזאָגט, יודעל, — אוי, האָסט אודאי נישט געזאָגט?

— געזאָגט, גערעדט, גע'טענה'ט, — מאַכט דער יוד מעהר מיט די הענד ווי מיט'ן מויל, אַ בּפירוש'ער דין — האָט דער רבי געזאָגט, — אַז מען וואוינט מיט אַ אשה צעהן יאָהר אָהן קינדער, מוז מען זיך גט'ן, — אפשר וועט זי אויך געהאָלפען ווערען, אפשר איז עס נישט געווען קיין גלייכער זיווג.

— געהאָלפען ווערען! — האָט די יודענע געחליפּעט, — אַ בּראָך נאָך מיינע יאָהר! ווי קאָן איך געהאָלפען ווערען? ווער קאָן מיר העלפען? אַ פּערדוויסטע גרושה — ווער וועט מיר העלפען? אָבגעלעבּט מיט אַ מאַן צעהן יאָהר, — אוי, טהו אוים, יודעל, דעם פּעלץ, וועסט דיך נאָך, חלילה, פערקיהלען! — זאָגט זי מיט דעמזעלבּען חליפּענדיגען טאָן, בּעמערקענדיג, ווי איהר מאַן זיצט אין פּעלץ.

יודעל האָט זיך אויסגעטהון דעם פּעלץ אָהן ווערטער. — ער איז געבּליבּען שטעהן, אַ חסידישער יונגער־מאַן מיט אַ שוואַרץ־רונדיג בּערדעל — אַ בּחור נאָך כמעט אויסגעזעהן — און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין פריהערדיג אָרט, שטיל, ווי אַ פרעמדער.

פון איהר געוויין איז אַ שכנה אַריינגעקומען, האָט נאָך געהאַלטען אַ טעפּעל אין האַנד, און מיט אַ נייגיריגער מינע האָט זי געוואָרפען אַ בּליק אויף יודלען און געפרעגט די וויינענדע יודענע:

— וואָס האָט ער געזאָגט, דער רבי?

— גט'ן, אוי נחת-קרוין, גט'ן, — ווען איז נאָך מיר, גט'ן, — האָט די יודענע געחליפּעט.

— אוי, מאַמע קרוין! — האָט די שכנ'טע זיך די באַקען געקנייפּט, — אַזאַ אומגליק! אַזאַ אומגליק! — אָבער אין אַ מינוט אַרום דערמאָהנט זי זיך: — זעהט, איהר זאָלט מיר לעבען, וואָס לאָזט איהר זיצען אַיערן, ער איז דאָך פון וועג אָנגעקומען, ער האָט דאָך אודאי הײנט גאָרנישט אין מויל געהאַט.

— איך ווײס דען, וואָס עס טהוט זיך מיט מיר? — נאַ, ווערט דאָס יאַכּעל פערברענגט, — איז די יודענע צוגעגאַנגען צום קיך.

מיט טרעהרען אין די אויגען און מיט דעמזעלבען חליפּענדיגען קול האָט זי צום טיש געגרייט, געהייסען יודלען, ער זאָל זיך וואַשען. יודעל האָט עס געטהון, שטיל שווייגענדיג, ווי אַ פרעמדער און האָט זיך בײם טיש אַוועקגעזעצט.

די שכנ'טע האָט נאָך עפּיס געזאָגט, געקרעכצט און איז אַרויס פון שטוב.

אַז דער יונגערמאַן איז געזעסען בײם טיש, האָט זיך דאָס ווײבעל אַוועקגעזעצט געגען איהם — און האָט אָנגעהויבען צו רײדען מיט דעמזעלבען חליפּענדיגען קול:

— וואָס וועט זײן פון געשעפט? ווער וועט דאָס האַלטען? און מיט די „שטעט" אין דער שוהל, ווען איז נאָך מיר! ווער וועט דאָס אַלץ, די כּלים, דאָס ווירטשאַפט, — האָט די יודענע געוויינט, ווײזענדיג אַרום אויף דער בעל-הבּתישקייט, וואָס איז אין שטוב.

— מילא, עס וועט דאָך זײן אַ דין-תורה. ווי דער רב וועט פּסק'ענען, אַזוי וועט זײן, — האָט דער יונגערמאַן אָבגעענטפערט מיט דעמזעלבען שטילען טאָן.

— און — מיט דיר, יודעל, און מיט דיר? — שאָקעלט די יודענע מיט'ן קאָפּ און אַ נײער שטראָם טרעהרען גיסען זיך איהר אויס פון די אויגען. באַלד דערמאָהנט זיך אָן

עפים די יודענע, אז ער איז א מאנספערשוין — פאר'ן גט... און האלט זיך צוריק.

דער יונגערמאן האט הויך געבענשט.

נאכ'ן בענשען האט ער גענומען די גמרא און אנגעהויבען צו לערנען. איהם איז געווען שלעכט צו קוקען אויפ'ן ווייבעל, ווי זי ליידט, — ריידען מיט איהר האט ער נישט געהאט וואס, צייט נאך דער חתונה האט ער מיט איהר ווענינג וואס גערעדט. וואס איז דא צו ריידען מיט א אשה? געלעבט ווי א יודישער חסידישער יונגערמאן דארף לעבען מיט א אשה, אין צניעות, אין ריינקייט — מן הסתם איז עס געווען א גאט-זאך, זיי האבען קיין קינדער נישט געהאט. אייגענטליך האט ער גאר נישט אזוי זעהר געוואלט האבען קינדער. קינדער—יא, ווי הייסט? — מען איז דאך א יוד, א יוד מוז האבען קינדער, — אבער די קינדער האבען איהם נישט געפעהלט. דאס ווייבעל איז געווען א כשר יודיש ווייבעל, דעם דין געהאלטען און ליעב געהאט דעם מאן, ווי דער יודישער דין איז. איז ער געפאהרען איינמאל צום רבי'ן, א צווייטען מאל, געבעטען אויף קינדער — האט מען איהם געהייסען ווארטען, און אז עס זענען פול געווארען די צעהן יאהר, האט דער רבי זיך גט'ן געהייסען, נאכ'ן יודישען דין. אז דער רבי האט געהייסען, און דער דין איז אזוי, וואס איז דא א סך צו קלערען? מיר זענען דאך יודען — און מילא! און זי, דאס ווייבעל, פערשטעהט דאך אויך גאנץ גוט, עס איז נישט אנדערש צו מאכען, והא ראיה, זי איז דאך מקבל באהבה — א יודיש ווייבעל... נור א גרויס רחמנות איז איהם געווען אויף איהר, אויף זיך — האט ער געלערנט מיט א הויך קול, געזונגען די גמרא, אום א ביסעל זיך צו פערגעסען, און גלאט אזוי, מיט א אשה אין שטוב — — — —

זי האט זיך איינגעהערט צו זיין גמרא-נגון און דאס הארץ האט איהר נאכמעהר געקלעמט. דעם גמרא-נגון האט זי געהערט צייט ער איז ביי איהר פאטער צו-גאסט געווען, און איצט וועט ער איהר זיין א פרעמדער, א ווייטער. דער גמרא-נגון איז שוין נישט איהרער, נישט איהר מאנס. און זי איז ארויס מיט

א נייעם געווייַן .

— פאַרוואָס האָב איך דערלעבט דאָס , טאַטע אין הימעל ! ווענינ בושה האָב איך געהאַט , וואָס איך בין אַנ׳עקרה , וואָס דו האָסט מיר קיין קינדער נישט געגעבען — דאַרפסטו מיר דעם מאַן צונעהמען ? מיט וואָס האָב איך אַזוי פערזינדיגט בייַ דיר ?

דעם יונגען־מאַן האָט געשניטען אין האַרץ איהרע ווערטער . ער האָט אויף איהר גרויס רחמנות געקראָגען . צעהן יאָהר אָבגעלעבט מיט אַ אשה , אַ אמת יודיש ווייַבעל געוועזן , אַ צדקת , האָט איהם אָבגעהיט ווי אַנ׳אויג אין קאָפּ , — האָט ער אַרויפגעלעגט דאָס טיכעל אויף די גמרא און האָט זיך אָנגעהויבען צו דרעהען איבער דער שטוב , און גערעדט צום ווייַב :

— וויין נישט , שרה׳לע , וויין נישט , מן הסתם איז עס דאָך אַ גאָט־זאַך . מיר זענען דאָך אַלע אין זיין האַנד , וואָס זאָלען מיר טהון ? און אפשר איז עס גאָר צום גוטען , אפשר בין איך נישט דיין זיווג , און גאָט וועט דיר נאָך העלפען , און דו וועסט דיין זיווג געפינען , און וועסט נאָך האָבען כשר׳ע קינדער , יודישע קינדער , ווי דו האָסט עס פערדינט .

ער האָט נישט בעמערקט , ווי ער האָט זיך דערנעהנטערט צו איהר , און האָט די האַנד אויסגעשטרעקט און האָט זי געגלעט איבער די האָהר , איבער די באַקען , איבער די אַקסעל , נישט קוקענדיג אויף איהר .

— דו בּיסט דאָך אַ כשר , יודיש ווייַבעל , — זאָגט ער ווייטער , — איך ווייס דאָך , אַז דו ביסט אַ צנועה , אַ כשר׳ע צנועה , און גאָט וועט דיר העלפען , — און אודאי וועט ער דיר העלפען , — און טרעהרען קאַפּען איהם פון זיינע אויגען אויף איהרע האָהר .

זי איז געשטאַנען נעבען איהם , זי האָט זיך געלאָזט טרייסטען , האָט שטיל אָבגעהעשעט — דאָס ערשטע מאָל צייט זייער התונה רעדט ער צו איהר אַזוי ליעב און טרייסט זי און איהר איז גוט געוועזן , האָט זי שטיל געוויינט .

— אוי , יודעל , יודעל , מיין יודעל , מיין איינציגער , איינציגער יודעל !

און ער האָט זי געגלעט איבערן פּנים , איבער די האָהר , איבער די פּלייצעס אָהן ווערטער , אָהן ווערטער . . .

נאָר באַלד האָט ער זיך דערמאָהנט, אַז עס איז אַנ׳אשה.
און נאָך פאַר אַ גט, איז ער פּלוצלונג אַוועק, געזעצט זיך צו
דער גמרא און געלערנט מיט אַ הויכען זינגענדיגען נגון.

„אמר אביי!״ . . .

און זי איז שטיל געזעסען אין אַ ווינקעל, איינגעהאָרכט זיך
צו זיין גמרא־נגון און שטיל געוויינט.

אין איינציגע טעג אַרום האָט זיי שלמה בעל־עגלה׳ס וועגעלע
געפיהרט צו דעם נאָהענטסטען שטעדטעל, וואָס איז ביים טייך סו־
כאָטנע (דורכדעם מעג מען זיך דאַרט גט׳ן), צום רב, צום גט...
זי איז געזעסען אין איין ווינקעל און האָט געוויינט. און ער איז
געזעסען אין אַ צווייטען ווינקעל און האָט געוויינט. און ווייבער
זענען אַרום דעם פוהרעל געשטאַנען און האָבען זיך די הענד גע־
בראָכען, און האָבען געקוקט איינע אויף די אַנדערע, ווייזענדיג
מיט די פינגער אויף שרה׳לען, אויף דאָס אומגליק, וואָס האָט
איהר געטראָפען, און שלמה בעל־עגלה מאַכט צו די ווייבער אַרום
פוהרעל:

— זעהט, זעהט, אַז איהר זאָלט זיך אויך נישט מיטחאַפּען
מיט מיר אויף מיין וועגעלע אין שטעדטעל אַריין צום גט.

אָנגעקומען אין שטעדטעל, צום רב, — דער רב האָט גאָר
נישט געפּרובט שלום מאַכען צווישען מאַן און ווייב — עס איז אַ
גט מצוה. — ביים גט איז געווען אַזאַ געוויין ווי ביי אַ מת, און
אַלע ווייבער הינטער דער שוהל האָבען מיטגעוויינט.

נאָכ׳ן גט, מען דאַרף אהיים פאָהרען, טאָר מען דאָך שוין
נישט זיצען אין איין פוהר, — איז ער אַהיים געפאָהרען מיט שלמה
בעל־עגלה, און זי האָט געוואַרט אויף אַ צווייטע פוהר, און אַז
יודעל איז געזעסען אויפ׳ן וואָגען, האָט זי איהם נאָכגעשריען:

— פערבינד דיר דעם האַלז, יודעל, — זאָלסט זיך חלילה
נישט פערקיהלען.

— וועה איז מיר, אַ פרעמדען מאַנספּערשוין! — זאָגען די
ווייבער, וואָס שטעהען דערביי, — עס איז דאָך שוין נאָכ׳ן גט!

— איך ווייס דען, וואָס איך טהו? — קלאָגט די גע׳גט׳ע —
אַ פרעמדען מאַנספּערשוין!

יודישע אויגען.

יודישע אויגען.

מיר זענען געזעסען אין דרייען אין איינעם פון די וואר־שויער קאפעס, און מיר האבען גערעדט פון יודישע — טעב־טער־אויגען. אונזער פריינד וולאדעק, דער מיסטישער גוי, וועל־כער איז געווען א בעריהמטער ליעבהאבער פון יודישע טעכטער, האט זיך צוקאכט.

— די אויגען, די אויגען פון די יודישע טעכטער איז נאך א רעשט פון אלטען ירושלים! — האט ער אויסגעשריען מיט בעגייסטערונג, — אין די אויגען פון די יודישע טעכטער ליעגט דער מיסטישער מעלאנכאלישער לאנדשאפט פון אבגע־ברענטען אריענט. אין זיי פינקעלט דער גלאנץ פון פער׳שכור׳־טען תאוה׳דיגען בליק פון סאלאמעא, אין וועלכען עס האט זיך אבגעשפיגעלט דער גלאנץ פון הורדוס׳עס שווערד, אבהאקענ־דיג יאהאנעס קאפ; אין די אויגען פון יודישע טעכטער — האט ער זיך ערשט גענומען צו ערפלאקערן...

— אפשר שוין גענוג? — האט זיך ווער אבגערופען פון דער חברה, — קיין זייטען־שפיעלען פון אריענטאלישער מוזיק הערט מען נישט דא, און דער וויין גלאנצט אויך נישט אין גלאז פאר דיר, — האט ער געזאגט אין א ביבלישען טאן.

אונזער פריינד וולאדעק איז קיהל געווארען און געקוקט אויף דעם רעדענדען מיט פערדרוס.

— איינמאל האט זיך מיר געטראפען א מעשה מיט יו־דישע אויגען — האט זיך אנגערופען דער מאלער סטאניסלאוו, וועלכער איז געזעסען אין א ווינקעל — אבער איך שעם זיך

צו דערצעהלען, — האט ער פּלוצלונג אבגעהאקט, רויט ווע־רענדיג.

— גיב נור א קוק, ווי דער צדיק האט זיך פערשעמט.

— וואס, געקראגען אין „פּאפּא"? — פרעגט איינער.

— ניין, דאס נישט, יעדענפאלס נישט קיין פּיזישען פּאטש, אבער... איבערינענס, קיינער פון אייך איז נישט בע־סער, און יעדער פון אייך וואלט געטהון דאס, וואס איך האב געטהון, — ניין, דאס, וואס איך האב געוואלט טהון.

— אדרבה, דערצעהל — לאז מען הערען.

— עס איז מיר איינמאל אויסגעקומען נעכטיגען אין האָ־טעל אין די יודישע גאסען, דארט ארום געגשא, דזיקא. האט איהר שוין אמאל דארט גענעכטיגט? ניין?—געהט פּרובט. כ'קום א מידער און ווארף זיך אין בעט אריין. יא וואנצען, נישט וואנצען — איך ווייס נישט, טויט מיד געוועזען און עפּיס אויפ־געוועקט.

כ'בין קוים איינגעשלאפען. פריהמארגענס. איך האלט אין מיטען בעסטען חלום, מען וועקט מיך. אויפגעכאפּט זיך — אויפגעעפענט, וואס איז?

— דא וואוינט קאץ? — פרעגט א יוד, אריינשטעקענדיג די בארד מיט'ן קאפּ.

— ניין, דא וואוינט נישט קאץ.

דער יוד איז שוין נישט דא.

נור צו דעם האט מען מיך נישט געדארפט אויפוועקען. שלאפען קאן איך שוין נישט, ליעג איך אין בעט און ווארט, ווער עס וועט ווייטער קומען. נאָז־טיכלעך וויל איך נישט קוי־פען, אויך נישט קיין זאקען מיט גאפּעל און מעסער, א יודע־נע עפענט גלאט אזוי אויף מיין טהיר, — וואס איז? — עס איז איהר פינסטער אין קארידאר. און איך ליעג אין בעט, בין ביי מיר אין האטעל, און האב דאס געפיהל, ווי מען וואלט מיך א נאקעטען אויף די נאלעווקעס אוועקגעלעגט.

די טיר עפענט זיך, און עס קומט אריין א יונג, יונג ווייבעל. פון הינטער דעם שייטעל שיינט ארויס נאך גאר א קינדיש פּנים'ל, מיט א פּאר גלאנצענדיגע שווארצע שענע אוי־

גען . זי געהט צו צו מיר ביז פאר'ן בעט — און ווייזט מיר אויף עפּיס , וואס זי האלט בעהאלטען הינטערן שירץ .

— פאלשע פאפּיראסען , — ווארפט זי צו מיר א שעלמי־שען בליק , פערקרימט די ליפען און ווייזט איהרע חנ'עווידיגע ציינהנדלעך .

— פאלשע פאפּירעסען , — זאג איך פון בעט ארויס , און קוק אויף די יורענע , וואס זי מיינט .

זי טראגט מיר צו די פאפּיראסען — „זיי קאנען פּרו־בירען" .

איך פּרובּיר , און רויך מיר דעם פאפּיראס ארויס פון בעט , און קוק אויף די יורענע — און טראכט מיר :

— מיך ווערסט דו נישט גענארען , פאלשע פאפּיראסען מיינסטו דאך נישט . . . און קוק אויף די טיר , א שפּאלט האט זי דאך אויפגעלאזען — זי זאל נישט זיין מיט מיר ביחידות — קוק איהר אין די אויגען אריין , — א גנבישער , שעלמישער בליק .

„רויכערן זי — זיי שמעקען גאנץ פיין" , — זאגט זי .

— וואס קאסט עס ? — פרעג איך און קוק איהר אויך אין די אויגען אריין — אז מיין פראגע זאל זיין צווידייטיג .

— פערציג קאפּיקעס פאר הונדערט , — זאגט זי .

— אזוי , פערציג קאפּיקעס פאר הונדערט , — זאג איך פון בעט ארויס — די פאפּיראסען הייסט עס .

— יא , הונדערט שטיק , — ענטפערט זי געלאסען .

אבער א שווארץ יאהר , וואס בלישטשעט זי אזוי מיט די אויגען ?

— גוט , גוט , זאג איך , פערציג קאפּיקעס פאר הונדערט — זיי שמעקען זעהר פיין , זעהר פיין . — לאז איך דעם רויך לאנג אם פון מויל ארויס .

— און אין דער היים האבען זי דאך אויך פאפּיראסען ? — פרעג איך ; איז מיר פלוצלונג עפּיס איינגעפאלען .

— גוטע , בעסערע נאך פון די ; איך וועל איהן באלד אריינברענגען . זיי וועלען נעהמען ? — פרעגט די יורענע און קוקט מיר ווידער אין די אויגען אריין .

— נעהמען, נעהמען, — זאָג איך.

— אַריינברענגען?

— ניין, איך געה מיט, — ענטפער איך — וואַר־טען זי נור דאָרט אויף מיר — וועז איך איהר אויפ׳ן קאָרי־דאָר — איך געה שוין מיט.

די יודענע האָט געוואַרט אין קאָרידאָר, און איך טהו זיך פלינק אָן, און טענה אַליין צו זיך:

„מיך וועסטו נישט נאַרען", „פאַלשע פּאַפּיראָסען" צו פערקויפען, הע! „פאַלשע פּאַפּיראָסען האָסטו דאָך נישט צו פערקויפען" — איך ווייס דאָך, וואָס דו מיינסט. איך ווייס דאָך — אַ וועלט היינט — זאָג איך צו מיר — אַ וועלט — אַ חסידיש ווייבעל אין אַ שייטעל — „פאַלשע פּאַפּיראָסען" צו פערקויפען, אָבער די האָטעלען געהען זיי — איי, איי — זאָג איך זיי מוסר ביי זיך אין הארצען.

אָנגעטהון, געהט זי פאָראויס פאַר מיר, איך געה נאָך איהר.

— געהען זי נאָך מיר, זאָגט זי, מען זאָל נישט זעהן.

„מען זאָל נישט זעהן" — אהא, אַ וועלט, און זי קוקט זיך יעדעס מאָל אום, צי איך געה איהר נאָך. — איך געה, איך געה, — ווינק איך צו איהר מיט׳ן קאָפּ — אַ וועלט היינט! האָסט געזעהן — אַ חסידיש ווייבעל, אין אַ שייטעל געהט עס, „פאַלשע פּאַפּיראָסען" — הא?

אַרויפגעקומען אויף אַ הויף, לויפט די יודענע פלינק אין אַ געוועלבעל אַריין און קויפט עפּיס, און ווינקט צו מיר מיט די אויגען — „נור איין מינוט", זי שפּרינגט באַלד אַרויס פון געוועלבעל מיט אַ ברויט הינטערן אָרעם, און וואַרפט ווידער צו מיר אַ גנבישען בליק, און ווידער אַ שמייכעל. „קומען זיי מיט אַרויף. אויפ׳ן דריטען שטאָק, געהען זיי נאָך מיר".

איך בין אַריינגעקומען נאָך איהר אין שטיבעל — און אַ חאַליאַסטרע קינדער האָט זי געגעבען אַ רינגעל אַרום, אַז דאָס ווייבעל איז אינגאַנצען פערטרונקען געוואָרען צווישען קינ־דישע קעפּעלעך און קינדישע געשרייען; איינס ציצט שוין ביי איהר אויף די הענד, און זי ווישט עס אָב דאָס נעזעל. איינס

ציהט ביי דער האנד, וויל מיט ארויף, שוין איז עס אויך אויבען, און די איבעריגע צווי רייסען די שירץ, און פאטשען זיך אין די הענטלעך, און שרייען מיט ווערע דיניגקע קולי־כלעך:

— די מאמעלע, די מאמעלע איז געקומען...

— אט באלד, אט באלד — פרעהט זיך די יודענע, און הויבט איינעם אויף דאס היטעלע, און זעצט עס איהם אויפ'ן קעפעל.

„משה'לע, א ברכה'לע מאך"...

— ברוך אתה...

און די יודענע שטעהט זיך רוהיג און צוטיילט מוציא'ס די קינדער, און אן מיר, אן מיינע „פאלשע פאפיראסען" האט זי גאר פערגעסען.

— וואו זענען מיינע פאפיראסען? — פרעג איך האלב פערדריסליך.

— לייט — וואו ביסטו? פאפיראסען וויל מען, — רופט די יודענע.

פון א ווינקעל שטוב הויבט זיך אויף א קליין יודעל, דאכט זיך, ער האט א הויקער געהאט, מיט א בלייך, בלייך פנימ'ל, נור שווארצע אויגען און א שווארצע באָרד האט ער געהאט.

— פאר וויפיעל ווילט איהר?

אז איך בין אראב פון די טרעפ מיט די „פאפיראסען" הינטערן אָרעם, ווי א אָבגעשמיסענער, האב איך זיך געטראכט:

— וואס א יודענע קאן! א האלב טוץ קינדער האט זי, און האט נאך אזעלכע שעלמישע אויגען.

— און אויף וואס זי נוצט זיי אוים, — האט ווער געזאגט.

— „פאלשע פאפיראסען" צו פערקויפען, — לאכען אלע.

— ניין, אויף ברויט פאר איהרע קינדער, — האט דער ערצעהלער געענדיגט.